STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06187

VEKER UN KEMFER

Abraham Bick

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ו ו ע ק ע ר
און
ק ע מ פ ע ר

אברהם ביק

ווּעקער און קעמפער



אַמעריקאַנער יידן אין קאַמף קעגן שקלאַפֿעריי
(1848—1865)

אַרויסגעגעבן פֿון אַ קאָמיטעט
ניו־יאָרק, 1955

WECKER AND KEMFER

(Awakers and Fighters)

American Jews in the Abolitionist Movement

Copyright 1955
by
ABRAHAM BICK
New York, N. Y.

שער־בלאַט געצייכנט פון מחברס זון, יצחק ביק

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון געזעלשאַפטלעכע קאָמיטעטן אין ניו־יאָרק און לאָס־אַנדזשעלעס.

ניו־יאָרקער קאָמיטעט:

פסח נאָוויק — — — — — — — — — — ערן־פּאַרזיצער

איזידאָר קאופמאַן — — — — — — — — — — פּאַרזיצער

סיימאָן פעדערמאַן, איטשע גאָלדבערג, דר. א. ראָטנבערג,
מרים באומעל, דוד פּיטשערסקי — — וויצע־פּאַרזיצערס

שלום לעווין — — — — — — — — — — — קאַסירער

טוביה ווענדי — — — — — — — — — — — סעקרעטאַר

לאָס־אַנדזשעלעסער קאָמיטעט:

קלמן מרמר — — — — — — — — — — — ערן־פּאַרזיצער

נ. גאַרפילד — — — — — — — — — — — פּאַרזיצער

ב. מאָזער, ה. גאָלדשטיין, ס. מאַטלין,
יאָסל שאַכנאָוו — — — — — — — — וויצע־פּאַרזיצערס

א. קוירטמאַן — — — — — — — — — — — קאַסירער

שמואל פראַנצבלוי — — — — — — — — — — סעקרעטאַר

200 Printed by Futuro Press, Inc., 476 Broadway, New York.

אינהאַלט:

זייט

פאָרוואָרט — — — — — — — — — — — — — — — 11
אַריינפיר — — — — — — — — — — — — — — — 13

ערשטער טייל

וועקער און קעמפער

ערנעסטין ראָוז — קעמפערין פאַר פרויען־רעכט און קעגן שקלאַפעריי

1. דבורה יהודית און ערנעסטין — — — — — — — — — — — — — 21
2. אַ קעמפערישע בת־טובים — — — — — — — — — — — — — 24
3. „די קעניגין פון דער פּלאַטפאָרם״ — — — — — — — — — — 25
4. אין קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם — — — — — — — — — — 26
5. אַ וועג פון בלומען און דערנער — — — — — — — — — — 28

אויגוסט באָנדי

1. אָפּשטאַם און קינדער־יאָרן — — — — — — — — — — — — 31
2. אויף די ווינער באַריקאַדן — — — — — — — — — — — — 32
3. אין דער נייער וועלט — — — — — — — — — — — — — 34
4. דער פרייהייטס־מאַרש פון דזשאַן בראַון — — — — — — — 35
5. די „בלוטנדיקע קענזעס״ — — — — — — — — — — — — 37
6. אין די „פּרעיריס״ פון קענזעס — — — — — — — — — — 39
7. דער „פונדאַמענט פון אַ פרייער רעפובליק״ — — — — — — 41
8. אַ העלד אויף די שלאַכטפעלדער — — — — — — — — — 43
9. אויף אַ באַריקאַדע אינאיינעם מיט נעגער־סאָלדאַטן — — — — 45
10. נאָכן בירגער־קריג — — — — — — — — — — — — — — 46
11. די אויטאָביאָגראַפיע — אַ היסטאָרישער דאָקומענט — — — — 48

דוד איינהאָרן — זיין קאַמף קעגן שקלאַפעריי און פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג פון נעגער־פאָלק אין אַמעריקע

ערשטער קאַפּיטל: איינהאָרן — דער ראַדיקאַלער רעפאָרמער

1. אין אייראָפע — — — — — — — — — — — — — — — — 54
2. אין באַלטימאָר — ערשטע טריט — — — — — — — — — 62
3. דער „וועקער״ און דער „סיני״ — — — — — — — — — 66

זייט

צווייטער קאַפּיטל: דוד איינהאָרן אין צענטער פון אַבאַליציאַניזם

1. דער „שוואַרצער רעפּובליקאַניזם" — 70
2. דער „ענין מאַרטאַרא" — 72
3. די מחלוקת ווייז־איינהאָרן — 76

דריטער קאַפּיטל: די ביבל און שקלאַפערײַ

1. קייטן און אַלטאַרן — 80
2. „גאָטס וואָרט — אַ שקלאַפן־בייטש" — 83
3. איינהאָרן אין קאַמף קעגן ביבלישן לעגאַליזם — 91

פערטער קאַפּיטל: אַ מאַרטירער פאַרן אמת

1. די ערשטע חדשים פון פּרעזידענט לינקאָלן — 97
2. די געשעענישן אין באַלטימאָר — אַפּריל 1861 — 101
3. אַ שלאָס אויפן מויל — 105

פינפטער קאַפּיטל: איינהאָרנס שטעלונג צו די פּראָבלעמען פון בירגער־קריג

1. די כוחות־פאַרהעלטעניש צווישן צפון און דרום — 108
2. די ראָל פון דער קאַטוילישער קירך און דער יידישער פּלוטאָקראַטיע — 110
3. טעטיקייטן אין פילאַדעלפיע — 111

זעקסטער קאַפּיטל: די יסודות פון איינהאָרנס שיטה

1. סאָציאַלער און רעליגיעזער ראַדיקאַליזם — 117
2. אוניווערסאַליזם און ראַציאָנאַלע אַנטוויקלונג — 119
3. אַנטי־נאַציאָנאַליזם און אוניווערסאַליזם — 121
4. סאָציאַלע טענדענצן אין איינהאָרנס וועלט־באַנעם — 123
5. אַנאַלאָגיעס און סך־הכל — 126

צווייטער טייל

פרייהייט און רעכט

ערשטער קאַפּיטל: די סאָציאַלע מאָטיוון פון אַמעריקאַנער אַבאַליציאַניזם

1. צוויי עטאַפּן אין דער אַמעריקאַנער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג — 131
2. די פאַרפעסטיקונג פון שקלאַפערײַ אין די דרום־שטאַטן — 133

צווייטער קאַפּיטל: די ערשטע יידישע קעמפער קעגן שקלאַפערײַ

1. יידן און זייער באַציאונג צו שקלאַפערײַ — 136
2. די באַציאונג פון אַבאַליציאַניזם צו יידן — 142

דריטער קאַפּיטל: די יידיש־דייטשע איינוואַנדערונג נאָך 1848 און די אַנטי־שקלאַפֿערישע באַוועגונג

1. צו דער סאָציאָלאָגיע פֿון דער יידיש־דייטשער אימיגראַציע — — — 146
2. רעליגיעזע און סעקולאַרע פֿאָרמען פֿון אָרגאַניזאַציע — — — — — 152
3. די יידן אין די קולטור־קרייזן פֿון די „48־ער" — — — — — — 156
4. יידן און דער קאַמף קעגן „נעיטיוויזם" — — — — — — — — — 158

פערטער קאַפּיטל: יידן אין לינקאָלנס דריטער פּאַרטיי

1. אייבראַהעם דזשאָנאַס — לינקאָלנס יידישער פריינט — — — — — 166

פינפטער קאַפּיטל: דער יידישער אַבאָליציאָניזם אין בירגער־קריג

1. „באַשיצט די אַמעריקאַנער פאָן" — — — — — — — — — — — 170
2. יידן אין די „דרעפט־ראַיאָטן" פֿון ניו יאָרק — — — — — — — 172
3. רעבעקאַ גראַץ און דער בירגער־קריג — — — — — — — — — 173
4. אַנטיסעמיטישע טענדענצן אין פאַרטיידיקונג פֿון יידישע רעכט — 175

זעקסטער קאַפּיטל: יידישע קעמפער קעגן שקלאַפֿערייַ אין פעריאָד פֿון בירגער־קריג

1. בערנאַרד פעלזענטאַל, שבתי מאָראַיס, איזידאָר בוש און בנימין סזאָלד 177
2. מאָראַלישע דעגראַדאַציע און יידיש־נעגערישע פאַרברידערונג אויף די שלאַכטפעלדער — — — — — — — — — — — — 184

זיבעטער קאַפּיטל: דער יידישער אַנטייל אינעם פעריאָד פֿון רעקאָנסטרוקציע

1. אויף מאָרגן נאָכן בירגער־קריג — — — — — — — — — — — 186
2. דער באַנייטער קאַמף — — — — — — — — — — — — — 188
3. דער לינטש־טעראָר קעגן ייד און נעגער — — — — — — — — 192

דריטער טייל

אַמעריקאַנער פרייהייט און רעוואָלט־מאָטיוון אין דער ליטעראַטור

1. יידישע פרייהייט־מאָטיוון אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור — — 197
2. אין דער ענגליש־יידישער ליטעראַטור — — — — — — — — 202
3. אַמעריקאַנער היסטאָרישע מאָטיוון אין דער יידישער פּאָעזיע — — 209
4. העברעאישע נעגער־מאָטיוון — — — — — — — — — — — 214
5. אַמעריקאַנער געשיכטע־מאָטיוון אין דער יידישער פּראָזע — — — 218

זייט

בייל אַ ג ע ם

ערשטע ביילאַגע

בריוו פון ד. איינהאָרן צו ר. אָפּענהיימער און דר. פּלעזענטאַל — — — 227

צווייטע ביילאַגע

פּערזענלעכע דערינערונגען פון א. באַנדי — — — — — — — — — — — 230

דריטע ביילאַגע

דר. ב. סזאָלד און „טימבוקטו" — — — — — — — — — — — — — — — 231

פערטע ביילאַגע

1. ב. פעלזענטאַל וועגן זיין טעטיקייט — — — — — — — — — — — 233
2. אַמעריקאַנער שקלאַפעריי פון תלמודישן שטאַנדפּונקט — — — — — 234

קוואַלן און באַמערקונגען — — — — — — — — — — — — — — — 235

ביבליאָגראַפיע — — — — — — — — — — — — — — — — — — 245

זוכצעטל פון נעמען — — — — — — — — — — — — — — — — 247

בילדער און פאַקסימיליעס

ערנעסטין ראָוז — — — — — — — — — — — — — 23

דזשאָן בראַון — — — — — — — — — — — — — — 30

אויגוסט באַנדי, מיטגליד־קאַרט פון אַקאַדעמישן לעגיאָן — 33

באַנדיס היים אין סאַליינאַ, קענזעס — — — — — — — 39

פאַקסימיליע פון באַנדיס בריוו — — — — — — — — — 48

אויגוסט באַנדי אין 1895 — — — — — — — — — — 49

אויגוסט באַנדי אויף די עלטערע יאָרן — — — — — — — 51

דוד איינהאָרן אין יאָר 1852 — — — — — — — — — 56

פאַקסימיליע פון ד. איינהאָרן — — — — — — — — — 58

ד. איינהאָרן אין יאָר 1865 — — — — — — — — — 58

רעבעקאַ גראַץ — — — — — — — — — — — — — — 63

פאָרוואָרט

דאָס דאָזיקע ווערק וועגן דעם בייטראָג פון אַ ריי אַמעריקאַנער יידישע פערזענלעכקייטן און זייערע אָנהענגער צווישן די פאָלקס־מאַסן פון דער יידיש־דייטשער אימיגראַציע אינעם נייצנטן יאָרהונדערט אין קאַמף קעגן שקלאַפעריי און אין בירגער־קריג, — איז נישט פאַר־טראַכט געוואָרן ווי אַ געשיכטע פון דער יידישער אַנטי־שקלאַפערישער באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דער מחבר האָט זיך בלויז גע־שטעלט די אויפגאַבע אַרויסצוברענגען די ליכטיקע געשטאַלטן פון אַ צאָל יידישע אַמעריקאַנער פערזענלעכקייטן וועלכע האָבן אין זייער צייט ג ע ו ו ע ק ט דעם געוויסן פון דער נייער וועלט פאַר דער באַפרייאונג פון דעם פאַרשקלאַפטן נעגער־פאָלק און ג ע ק ע מ פ ט פאַר בירגער־לעכער דעמאָקראַטיע און פרייהייט אין אַמעריקע. דורך אַ סאָציאָלאָגיש פאַרגלייכנדיקן אַנאַליז זיינען אויך אַרויסגעבראַכט געוואָרן די אידעען פון פרייהייט און סאָציאַלן יושר, וואָס זיינען, לויט אונדזער מיינונג, געווען די טרייבנדיקע כוחות פון די פאַרגעשריטענע טיילן פון יענער יידיש־אימיגראַנטישער כוואַליע, פונקט ווי זיי זיינען געווען דער אינ־האַלט פון די אַלגעמיינע אַבאָליציאַניסטישע און דעמאָקראַטישע שטרע־מונגען אין אַמעריקע אין די היסטאָריש־גורלדיקע טעג פון דזשאָן בראַון און אייבערעהעם לינקאָלן.

היינט, בעת די אַמעריקאַנער יידישע געזעלשאַפטלעכקייט האָט גע־שלאָסן די יובל־פייערונגען פון 300 יאָר יידישע געשיכטע אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן און איז אַריינגעטראָטן אין פערטן יאָרהונדערט פון יידישן דאָ־זיין, איז נויטיק מיר זאָלן זיך באַקענען מיט די אידעען פון יענע מוטיקע יידישע קעמפער און פעסטשטעלן זייער שייכות צו די דע־מאָקראַטישע אידעאַלן פון אַמעריקע; דאָס באַקענען זיך מיט די שריפטן און די טאַטן קאָן דינען ווי אַן אָנרעגונג און סטימול פאַר אונדזערע היינטצייטיקע קאַמפן פאַר מער דעמאָקראַטיע, פרייהייט פון וואָרט און אויסדרוק און די גרונט־פרינציפן פון דער אַמעריקאַנער דעקלעראַציע

פון אומאָפּהענגיקייט און „ביל אָוו רייטס", ווי פאַר דער פולשטענדיקער אָפּשאַפונג פון יעדער מין ראַסן־דיסקרימינאַציע און סעגרעגאַציע אין די אַכט און פערציק שטאַטן פון אונדזער לאַנד.

צו די אויספירן וועגן סאָציאַלן כאַראַקטער פון די יידישע קעמפער קעגן שקלאַפעריי און וועגן די עטישע טענדענצן פון זייער וועלט־באַנעם איז דער מחבר געקומען אַ דאַנק זיין באַקענען זיך מיט די מאַטעריאַלן און דאָקומענטן, וואָס זיינען פאַרבליבן אין די אַרכיוון פון אַמעריקאַנער יידישע און ניט־יידישע היסטאָרישע געזעלשאַפטן און ביבליאָטעקן. די דאָזיקע ווערטפולע מקורים, וואָס האָבן פאַרדינט אַ בכבודיקן פּלאַץ אין דער געשיכטע פון יידן אין אַמעריקע, זיינען ליידער ביז איצט זייער ווייניק אויסגענוצט געוואָרן.

אויף דעם דאָזיקן אָרט וויל איך אויסדריקן אַ האַרציקן דאַנק צו מיין קאָלעגע און חבר פסח נאָוויק, רעדאַקטאָר פון דער „מאָרגן־פרייהייט", וועלכער האָט מיך אָנגערעגט צו שרייבן דאָס ווערק און האָט זאָרגפעליג געלייענט דעם מאַנוסקריפּט. צו די חשובע קולטור טוער יוסף מאָרגנשטערן, פון קליוולאַנד, נייטן קאָהען, אייזיק קעסלער און אברהם בערניקער פון דעטראָיט פאַר ממשותדיקער הילף, בעתן אַרבעטן אויף די מאַטעריאַלן; אַ גרויסער יישר כח קומט מיינע ליבע פריינט איזידאָר קאָופמאַן, טוביה וועגדי און שלום לעווין פון ניו־יאָרק און די טייערע פריינט נייטן גאַרפילד, שמואל פראַנצבלוי און א. קוירטמאַן פון לאָס־אַנדזשעלס, וואָס האָבן ניט געשפּאָרט קיין מי צו שאַפן די קאָמיטעטן אין ניו־יאָרק און אין לאָס־אַנדזשעלעס אַרויסצוגעבן דאָס בוך, און אחרון אחרון — מיינע טייערע לייענער און פריינט איבערן לאַנד, וועלכע ווערן דערמאָנט ביים סוף פון בוך, וועלכע האָבן דערמעגלעכט דאָס ווערק זאָל דערזען די ליכטיקע וועלט.

דער מחבר איז שטאָלץ וואָס דאָס דאָזיקע בוך וועגן די קאַמפן פון יידיש־אַמעריקאַנער פאָלק מיט הונדערט יאָר צוריק, ווערט אַרויסגעגעבן פון באַוואוסטזיניקע יידישע פאָלקס־מענטשן אין אַ צייט פון דערוואַכונג און נייע קאַמפן פאַר אַ פרייער און דעמאָקראַטישער אַמעריקע.

א. ב.

סינסינעטי — יאַנואַר 1953 ; ניו־יאָרק — אָקטאָבער 1955.

אַרייַנפיר

אויפן ניו־יאָרקער בית־עלמין „סאַיפּרעס־הילס" שטייט אַ ריזיקער מאָנומענט, אַ שטיינערנער דענקמאָל, אין אָנדענק פון די יידישע העלדן, וועלכע האָבן זיך געשלאָגן און זיינען געפאַלן אין די רייען פון די צפון־אַרמייען אין אַמעריקאַנער בירגער־קריג פון 1861 ביז 1865 — געקעמפט פאַר דער גאַנצקייט פון די פאַראייניקטע שטאַטן און פאַר דער אָפּשאַפונג פון שקלאַפעריי.

די דאָזיקע מצבה וועגדעט אונדזער זכרון אויף הונדערט יאָר צוריק. נאָך איידער עס האָט זיך דערהערט דער האַרמאַטן־געקנאַל אויף די אַמעריקאַנער שלאַכטפעלדער און עס איז אויסגעבראָכן דער בירגער־קריג צווישן לינקאָלנס אַרמייען און די פּראָ־שקלאַפערישע באַטאַליאָנען פון דער קאָנפעדעראַציע, האָט שוין געפלאַקערט אַ אידייאיש־געזעלשאַפט־לעכער קאַמף צווישן די פּראָגרעסיוו־דעמאָקראַטישע עלעמענטן, די אַנטי־שקלאַפערישע אַמעריקאַנער וועלכע מען האָט באַצייכנט ווי „אַבאָ־ליציאָניסטן", אָפּשאַפער פון שקלאַפעריי, און די פּראָ־שקלאַפערישע שיכטן פון די דרום־שטאַטן.

אין יענער אַטמאָספערע פון „פאַרן שטורם" האָבן די ראַדיקאַלע עלעמענטן אין דער יידישער געמיינדע פון די פאַראייניקטע שטאַטן אויך געפירט אַ אידייען־שלאַכט מיט די קאָנסערוואַטיווע, פּראָ־שקלאַפערישע טיילן פון דער יידיש־אַמעריקאַנער געזעלשאַפטלעכקייט, אָדער די, וועלכע האָבן געוואָלט זיין „לאָיאַל" צו „ביידע צדדים" אין יענעם גרויסן סאָ־ציאַל־פּאָליטישן גראַנגל.

אַ שטורמישע צייט געווען, און אירע אָפּקלאַנגען זיינען טיף אַריין אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע. אויף די בערג און אין די טאָלן, אין די געדיכטע וועלדער און ביי די טייך־ברעגן פון מערילענד און ווירדזשיניאַ, מיסיסיפּי און טענעסי, האָבן אין די זעכצקער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט יידישע זעלנער געקעמפט זייט ביי זייט מיט אַמע־ריקאַנער פון אַנגלאָ־זאַקסישן אָפּשטאַם, מיט דייטשן, אירלענדער, מיט סלאַווישע אימיגראַנטן — פאַר דער פרייהייט און די רעכטן פון פאַר־שקלאַפטן נעגער־פאָלק און פון אַלע מינדערהייטן, און האָבן מיט זייער

העלדישער גבורה געזאַלבט די אַמעריקאַנער ערד. דער דאָזיקער גע־ראַנגל איז געווען דער קולמינאַציע־פּונקט פון אַ גרויסער פּאָליטיש־אידייאישער שלאַכט.

אַן אָנגעזעענער טייל פון דער אַמעריקאַנער יידישער געמיינדע האָט געמאַכט איר בייטראָג צו דער אַלגעמיינער אַנטי־שקלאַפערישער באַ־וועגונג.

צווישן די יידיש־אַמעריקאַנער געשטאַלטן, וואָס זיינען געווען די פאָנען־טרעגער פון דער אַנטי־שקלאַפערישער אידייע און קעמפער פאַר די רעכטן פון נעגער־פאָלק טיילט זיך אויס אַ גאַלעריי קאָלירפולע פּער־זענלעכקייטן:

די קעמפערין פאַר פרויען־רעכט און פאַר רעפאָרמירן די סאָציאַלע געזעצגעבונג פון לאַנד, ערנעסטין ראָוז.

דער מיטקעמפער פון דזשאָן בראַון אין „בלוטנדיקן קענזעס", אויגוסט באָנדי, וועלכער איז אין זיין מיליטאַנטן קרייצצוג מיט דעם מאַרטירער־קעמפער, דעם אַלטן בראַון, באַהערשט געוואָרן פון די זעלבע אַספּיראַציעס, ווי אויף די באַריקאַדן אין ווין, בעת דעם אויפשטאַנד פון „אַקאַדעמישן לעגיאָן", אין וועלכן ער האָט אָנטייל גענומען.

דער הויך־געבילדעטער הומאַניסט און שפּראַכן־קענער מיכאל הייל־פּערין, דער מיטקעמפער פון קאָשוטן, אין דער אונגאַרישער רעוואָלוציע פון 1848.

דער יידישער זשורנאַליסט און פירער פון דער עסטרייכיש־יידישער אימיגראַציע אין יאָר 1848 קיין אַמעריקע, איזידאָר בוש, איינער פון די הויפּט־קעמפער פאַרן אַבאָליציאָניזם אין מיזורי־שטאַט.

ווייטער: דוד איינהאָרן, וועלכער געהערט צו דער געשיכטע פון יידן אין דייטשלאַנד און אַמעריקע, האָט אויפגעהויבן אין דער יידיש־אַמעריקאַנער געזעלשאַפטלעכקייט, דורך מינדלעכער און שריפטלעכער אַגיטאַציע, אַ הייליקן קריג פאַר צערייסן די קייטן פון דער אַפריקאַנער ראַסע. זיין חבר און מיטגריינדער אין דער ראַדיקאַלער רעפאָרם, בערנאַרד פעלזענטאַל, איז געוואָרן איינער פון די וואָרט־זאָגער אין דער אַלגעמיינער דייטשישער פּרעסע אין אַמעריקע, וואו ער האָט געזוכט צו באַווייזן, אַז די אינטערעסן פון דער מערהייט יידן אין אַמעריקע זיינען אויף דער זייט פון דעם לאַגער, וואָס וויל אָפּווישן די שאַנד פון שקלאַפעריי. דער געוועזענער קעמפער אין דער פּרייסיש־דענישער מלחמה לעאָפּאָלד בלו־מענבערג, וואָס האָט געהערט צום לינקן פליגל פון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי אין מערילענד, האָט איינגעשטעלט זיין לעבן, שטורעמענדיק די פעסטונגען פון שקלאַפעריי אין באַלטימאָר.

וואָס זיינען געווען די סיבות פאַרן ביטראַג פון די דאָזיקע אַמע־ריקאַנער יידישע פערזענלעכקייטן צו דער אַנטי־שקלאַפערישער באַוועגונג און פאַרן אַנטייל פון יידישע שיכטן אין אַבאָליציאַניזם?

די בירגערלעכע יידישע היסטאָריאָגראַפיע זעט אין דעם אַנטייל פון יידן, ווי בכלל פונעם דייטשיש־אַמעריקאַנער עלעמענט אין דער אַנטי־שקלאַפערישער באַוועגונג, אַן אויסדרוק פון די איינפלוסן פון מערב־אייראָפּע און די דעמאָקראַטישע ראַדיקאַלע שטרעמונגען אין אַמעריקע. „דער דייטשער עלעמענט, וועלכער האָט געהערשט אין דיזע צווייטע פעריאָדע פון יידישע איינוואַנדערונג, איז מייסטנס געווען אונטער דעם איינפלוס פון די ליבעראַלע אידייען וועלכע זיינען דאַן געווען פאַרשפּרייט אין דייטשלאַנד", זאָגט פּ. וויערניק („געשיכטע פון די אידן אין אַמערי־קע", ניו־יאָרק, 1914).

די פּראָגרעסיוו־היסטאָריש־וויסנשאַפטלעכע היסטאָריאָגראַפיע קאָן נישט אָפּוואַרפן די איינפלוסן, וואָס די ראַדיקאַלע דייטשישע אימיגראַציע אין פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט האָט אַריינגעבראַכט פון אייראָפּע, אין דער אַמעריקאַנער אַבאָליציאָניסטישער באַוועגונג, אָבער די סיבות פונעם יידישן אַנטייל אין דעם אַנטי־שקלאַפערישן לאַגער שטאַמען בעיקר פון דער דעמאָקראַטישער אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט. די נייע שטרעמונגען, וואָס האָבן געהאַט זייערע וואָרצלען אין דייטשלאַנד, וואָלטן דאָ ניט געהאַט קיין איינפלוס, ווען די סאָציאַלע באַדינגונגען אין אַמעריקע וואָלטן ניט געווען גינסטיק פאַר זיי.

די אַלגעמיינע אַמעריקאַנער אַבאָליציאָניסטישע באַוועגונג און איר יידישער צווייג זיינען געווען אידעאַליסטישע באַוועגונגען. זיי זיינען אָבער ניט געווען קיין פּועל־יוצא פון הוילן אידעאַליזם. דאָס זיינען געווען באַוועגונגען, וואָס זיינען אויפגעבויט געוואָרן אויף די סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון יענעם פעריאָד.

דער ציל פון דעם דאָזיקן ווערק איז אָנצואווייזן, אַז דער אַמערי־קאַנער אַבאָליציאָניזם איז געווען אַ רעזולטאַט פון די ווירטשאַפטלעכע און געזעלשאַפטלעכע ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין צפון־אַמעריקע, און די יידישע אינטעליגענץ און זייערע פאָלקס־אָנהענגער, וואָס האָבן דעם אַבאָליציאָניסטישן געדאַנק פאַרשפּרייט און פאַרטיידיקט צווישן די אַמעריקאַנער יידן, זיינען געווען באַאיינפלוסט פון דער אַנט־וויקלונג פונעם לאַנד און פון די סאָציאַלע און קולטורעלע ענדערונגען אויפן אַמעריקאַנער באָדן, וואָס האָבן אַרויסגערופן די דאָזיקע אַנטוויקלונג, ווי פון די עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען פון דעם יידישן ישוב אין אַמעריקע.

געוויסע יידישע געשיכטע־שרייבער און פֿאָרשער האָבן געוואָלט שאַפֿן אַ בילד, אַז די יידישע אַנטי־שקלאַפֿערישע קעמפֿער האָבן בכלל ניט געוואוסט פֿון סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען און קלאַסן־צעטיילונגען ביי די אַמעריקאַנער יידן. אַט שרייבט דער דערמאָנטער פּ. ווירניק: „עס איז ניט געווען קיין קלאַסנקאַמף צווישן די רייכע יידן און זייערע אָרעמע ברידער". און וויטער שרייבט ער: „די פֿעסטונג פֿון אַלטמאָדישן יידנטום — די אָרעמע מאַסע — האָט אַליין געהאַלטן אין פֿאַרשווינדן". דאָס דאָזיקע בילד איז דורכאויס פֿאַלש ווען מען באַקענט זיך מיט די סאָציאַלע פֿאַרהעלטענישן אין יידישן לעבן אין יענעם פּעריאָד.

אַנדערע היסטאָריקער דערקלערן, אַז דער סאָציאַל־פּאָליטישער באַוואוסטזיין פֿון יידן אין אַמעריקע האָט זיך אויסגעפֿורעמט דורך די מאָטיוון פֿון זייער אייביקן סעפּעראַטיזם פֿון גאַנצן אַמעריקאַנער פֿאָלק. אַזוי צום ביישפּיל איז בערטראַם קאָרן, דער מחבר פֿון אַ ווערק „די אַמעריקאַנער יידן אין בירגער קריג", אַרויסגעקומען מיט דער טעזע, אַז יידן אין אַמעריקע זיינען געווען פּאַרטאַן בלויז אין יידישע פֿראַגן און זיינען געשטאַנען איבער די פּאָליטישע ראַנגלענישן. שוין ניט רייידנדיק וועגן דעם, אַז אַזאַ טעאָריע קלערט ניט אויף די סיבה, פֿאַרוואָס עס זיינען יאָ געווען יידישע „אַבאָליציאָניסטן" און יידישע „קאָנפֿעדעראַטן", ווידערשפּרעכט זיך דער מחבר אַליין, מיט זיין אָנגעבן די סאָציאַל־עקאָנאָמישע סיבות פֿאַר דער שנאה וואָס דער רעליגיעזער רעפֿאָרמאַטאָר יצחק מאיר וויז האָט געהאַט צו די אַבאָליציאָניסטן, וואָס קאָרן האַלט, אַז זי איז געווען אַ רעזולטאַט פֿון די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פֿאַרבינדונגען פֿון סינסינעטי, — דאָס אָרט וואו וויז האָט געוואוינט, — מיט דער „סאַוט".

די סיבות פֿאַרן יידישן אַבאָליציאָניזם, ווי פֿאַר דער יידישער פּראָשקלאַפֿעריי, דאַרף מען זוכן אין זייערעווירטשאַפֿטלעכע באַציאונגען אין דער אַמעריקאַנער סביבה. ביי יידן, פּונקט ווי ביי די איבעריקע טיילן פֿון דער אַמעריקאַנער באַפֿעלקערונג, האָבן די עקאָנאָמישע ענדערונגען, דער אויפֿקום פֿון די נייע אינדוסטריעלע פּראָדוקציע־פֿאָרמען, אַרויסגערופֿן דעם אַבאָליציאָניזם, דעם דראַנג פֿאַר דער ענדגילטיקער אָפּשאַפֿונג פֿון שקלאַפֿעריי. די שטעלונג ווידער פֿון די יידישע „קאָנפֿעדעראַטן", וואָס האָבן אין נאָמען פֿון דער יידישער רעליגיע באַרעכטיקט די שקלאַפֿעריי און זיך דערביי געשטיצט אויף פּסוקים פֿון דער ביבל, איז אין דער אמתן געווען באַזירט אויף גאַנץ אַנדערע מאָטיוון, ווי רעליגיעזע — אויף סאָציאַל־עקאָנאָמישע אינטערעסן.

אַ פּראָגרעסיוו־וויסנשאַפֿטלעכער צוגאַנג צו דער געשיכטע פֿון אַמע־

ריקאַנער אַבאָליציאָניזם און דעם יידישן אָנטייל אין אים, גיט די מעג־לעכקייט אויפצודעקן די באַגרענעצטקייט פון די דאָזיקע באַוועגונגען און ווייזט גלייכצייטיק אָן אויף דער פּראָגרעסיווער ירושה, וואָס זיי האָבן געלאָזן.

די אַמעריקאַנער אַנטי־שקלאַפערישע באַוועגונג איז ניט אימשטאַנד געווען, לויט איר עצם קלאַסן־נאַטור, צו גיין ווייטער, ווי מיטהעלפן אין דער אָפּשאַפונג פון שקלאַפעריי. זי האָט אָבער פאַרמאָגט אויסגעהאַלטענע קעמפער פאַר אַ ברייטערער און ווייטגייענדיקער דעמאָקראַטיע, פאַר ליקווידירן די רעשטן פון פעאָדאַליזם און פאַר אַ מער קאָנסעקווענטן אַנטוויקלונגס־וועג פון קאַפּיטאַליזם. אַזוי זיינען די יידישע אַנטי־שקלאַ־פעריי־קעמפער געווען דורכגעדרונגען מיט אַ קאָנסעקווענטן הומאַניזם און געווירקט פאַר דער צוזאַמענאַרבעט מיט די פּראָגרעסיווע כחות פונעם אַמעריקאַנער פאָלק.

פונקט ווי די ניט־יידישע אַמעריקאַנער הומאַניסטישע געשטאַלטן פון אַבאָליציאָניזם זיינען די יידישע ראַדיקאַלע טוער פון יענער צייט אַרויס־געטראָטן אין שוץ פון פאַרשקלאַפטן נעגער־פאָלק און פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון דער יידישער מינדערהייט.

צוזאַמען מיט ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן, הענרי דעיוויד טאָראָ, ווענדל פיליפּס, פרעדריק דאָוגלאַס, דאַרפן אויך דערמאָנט ווערן מיט יראת־הכבוד די יידישע קעמפער אין דער אַנטי־־שקלאַפערישער באַוועגונג. זיי האָבן זיך דורך זייערע מעשים אַריינגעשריבן מיט גאָלדענע אותיות אין דער געשיכטע פון יידן אין אַמעריקע.

ערשטער טייל

וועקער און קעמפער

(מאָנאָגראַפיעס)

ער האָט געזאָגט האַרסטיק: קענסט דאָ בלייבן, באַנדי, און זיינע אויגן האָבן יענעם דורכגעדרונגען, — אונדזער קאַמף האָט אַ זינען. מיר קעמפן ניט כדי נקמה צו נעמען פאַר עוולות קעגן מיר, אָדער דיר, נאָר ווייל מענטשן זיינען אין קייטן...

— יאָ, — האָט באַנדי שטיל געענטפערט, — איך פאַרשטיי דיך. אין עסטרייך־אונגאַרן, כדי צו זיין פריי, האָב איך זיך געדאַרפט שלאָגן, אַנטיילנעמען אין אַן אויפשטאַנד... מיר, יידן... עס איז אַנדערש מיט די דאָזיקע לייט, זיי זיינען שקלאַפן אין זייער באַוואוסטזיין...

...די כוואַליעס פון זיין לעבן זיינען פול געוואָרן. ער האָט זיי געלאָזט פליסן, פליסן, פליסן אַנטקעגן גורל, כדי עס זאָלן מקוים ווערן די רייד פונעם נביא: „פון מצרים האָב איך גערופן מיין זון״.

(Gods Angry Man, לעאָנאַרד ערליך)

ערנעסטין ראָוז

קעמפּערין פאַר פרויען־רעכט און קעגן שקלאַפעריי

1. דבורה, יהודית און ערנעסטין

אויפן קרייץ־וועג פון דער מענטשלעכער געשיכטע הייבט זיך אָן די ראָל פון דער פרוי.

זינט מענטשן געדענקען האָט מען זי ניט צוגעלאָזט צו דער מזרח־וואַנט פון לעבן. האָט זי זיך דעריבער פאַרשוועסטערט מיט קליינע געשעענישן פון טאָג. אָבער אַז די פרוי זאָל ווערן די גביאהטע און קעמפּערין פאַרן אמת, נעמען אויף זיך די העראָאישע שליחותן פאַרן נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן טאַט, דאָס איז אַ דערשיינונג, וואָס מאַכט אַן איינדרוק, וואָס רעגט אָן צו דענקען.

אין משך פון דורות האָבן יידן אין זיך איינגעזאַפּט כל־ערליי ווינטן פון פאַרשיידענע קולטור־קלימאַטן, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין אויספורעמען אונדזער כאַראַקטער. אָבער דערביי איז צו זען אַזעלכע דערשיינונגען אין דער יידישער געשיכטע וואָס זיינען באמת אייגנאַרטיק. איינע פון די דערשיינונגען איז די ראָל פון דער העלדישער פרוי אין דער יידישער געשיכטע.

עס זיינען געמאַכט געוואָרן אַ סך פּרואוון צו אַנטפּלעקן דעם סוד פון דער העראָאישער פרויען־געשטאַלט אין דער געשיכטע, ווי אַזוי זי ווערט די העלדין פון אַ דור. וויפיל ווערק עס זיינען, צום ביישפּיל, אָנגעשריבן געוואָרן וועגן דער 18־יאָריקער פראַנצויזישער פאָלקס־העלדין זשאַן ד׳אַרק. מיט 300 יאָר צוריק איז זי לעבעדיקערהייט פאַרברענט געוואָרן אויפן ענגלישן שייטערהויפן און איז אַלץ פאַרבליבן אַ סימבאָלישע געשטאַלט אין דער ליטעראַטור. אַנדערש איז דבורה הנביאה, די מוטער ביי

יידן, „אם בישראל״ — די ערשטע העלדישע פרוי אין דער ביבל, וואָס אונטער איר פאָן האָבן זיך פאַרזאַמלט אַלע יידישע שבטים און זי האָט זיי געפירט אין שלאַכט קעגן פרעמדלענדישן אַריינדרינגער — אין אַ שלאַכט וואָס איז באַקרוינט געוואָרן מיט זיג.

דבורה׳ס געזאַנג וועגן העלדישקייט און מוטיקייט איז דער ערשטער העלדישער עפּאָס אין דער ביבל, עס איז אָבער ליטעראַטור וואָס איז לעבן.

אין די הערצער פון פאָלק לעבט די געשטאַלט פון דער מוטיקער און דרייסטער דבורה הנביאה דורך איר קאַמף און דורך איר פּאָעזיע. דאָס איז יידישע העלדישקייט וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן און איז פאַר־אייביקט געוואָרן אין אַ פּאָעמע. דבורה, די ערשטע יידישע העלדין, איז אויך די ערשטע יידישע דיכטערין.

דבורה האָט געלעבט אין אַ פינצטערער און שווערער צייט, ווען די שבטים, וואָס האָבן דעראָבערט דעם שמאָלן פּאַס ברעג ביים מיטל־לענדישן ים, כנען, האָבן געשמאַכט אונטער דעם בלוטיקן יאָך פון אַ פרעמדלענדישן שונא. האָט די דאָזיקע מוטער וואָס „איז געזעסן אונטער אַ טייטל־בוים אין דעם געבערג פון אפרים״ (די ביבלישע ציטאַטן זיינען לויט יהואשס איבערזעצונג) — אויפגעהייבן די פאָן פון קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט און זי האָט מיט איר געוואַגטער טאַט אָנגעפילט מיט בטחון די הערצער פון די אָפּהענטיקע, געפלאַנצט גלויבן אין זיג ביי יענע וועלכע זיינען אַרומגעגאַנגען מיט געבראָכענע גע־מיטער.

„מיין האַרץ צו די הערשער פון ישראל
די פריוויליקע צווישן דעם פאָלק״.

דבורה באַזינגט די העלדישקייט פון אירע קעמפערישע שבטים.

„זבולון איז אַ פאָלק,
וואָס האָט איינגעשטעלט זיין זעל צום טויט.״

מיט די העלדנטאַטן פון די רעבעלירנדיקע חשמונאים (מאַקאַבעיער) זיינען אויך פאַרבונדן פרויען־געשטאַלטן וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין די טיפענישן פון דער יידישער געשיכטע.

די העלדישע פרויען־געשטאַלט פון דער מאַקאַבעיער־עפּאָכע איז די היסטאָרישע יהודית.

עס איז דעריבער געווען פּאַסיק, אַז אויפן קבר פון דער קעמפערין פאַר פרויען־עמאַנציפּאַציע און קעגן שקלאַפעריי אין אַמעריקע, ערנעסטין ראָוז, האָט איר אַלטער פריינט, דער פירער פון דער ענגלישער קאָאָפּע־

ראַטיווער באַוועגונג, דזשאָרדזש דזשייקאָב האָליאָק, פאַרגליכן ערנעסטין ראָוז מיט דער מאַקאַבעיער־העלדין יהודית.

האָליאָק האָט אין זיין הספד אויף איר לוויה, דעם 4טן אויגוסט, 1892, אויפן „היי־געיט" בית־עולם פון לאָנדאָן געזאָגט: „זי האָט פאַר־מאָגט אין זיך דעם פלאַם פון יהודיתן. איר ליידנשאַפטלעכקייט איז געווען די שטרעבונג, אַז די פרויען זאָלן קריגן ציווילע און סאָציאַלע גלייכקייט און צו אינספּירירן פרויען און מענער זיי זאָלן ניט איבערנעמען קיין פּאַרטיקע רעליגיעזע, פּאָליטישע און סאָציאַלע אידעאַלן פון זייערע

ערנעסטין ראָוז

פאַסטוכער און האַרץ, נאָר אויסקעמפן אַליין די רעכט פאַר זייערע פּרינציפּן.

ערנעסטין ראָוז האָט ניט אָנערקענט קיין אַנדער אויטאָריטעט אַ חוץ דעם אמת. דעם שקלאַף, וואָס זי האָט געהאָלפן באַפרייען פון זיינע באַזיצער, און די געדאַנקען וואָס זי האָט געהאָלפן באַפרייען פון דעם צוואַנג פון אויטאָריטעטן, דאָס איז געווען איר באַוואוסטזיניקער שטאָלץ אין אירע לעצטע טעג״ [1]).

2. אַ קעמפערישע „בת־טובים"

ערנעסטין לואיז פּאָטאָווסקי־ראָוז איז געבוירן געוואָרן דעם 13טן יאַנואַר, 1810, אין פּיעטריקאָוו, פּוילן, ביי אַ פאָטער אַ באַרימטן חסידישן רבין. אַלס די איינציקע טאָכטער ביי אירע עלטערן האָט זי שטודירט דעם תנ״ך און אָפּגעהיט די פרומע צערעמאָניעס און געזעצן פון איר פאָטערס יידישער אָרטאָדאָקסישער היים. זי איז אָבער, זייענדיק נאָך זייער יונג, דורכגעדרונגען געוואָרן מיט די מאָדערנע געדאַנקען און אָנגעהויבן רעוואָלטירן קעגן די פאַרגליווערטע טראַדיציעס פון איר אָרטאָדאָקסישער אַטמאָספערע.

ערנעסטינס רעוואָלט האָט זיך אויסגעדריקט אין אָפּפרעגן די פאָראורטיילן קעגן דער פרוי אין דער יידישער רעליגיעזער טראַדיציע, ווי צום ביישפּיל די באַקאַנטע ברכה פאַר מענער „שלא עשני אשה", — אַ דאַנק און לויב צו גאָט, וואָס יעדער פרומער ייד גיט אָפּ צו גאָט, דערפאַר וואָס ער האָט אים „ניט באַשאַפן אַ פרוי". ערנעסטין האָט אין דער דאָזיקער ברכה געזען אַ דירעקטע מינדערווערטיקייט פון דער פרוי.

ווען ערנעסטין איז אַלט געוואָרן זעכצן יאָר איז איר מוטער געשטאָרבן. איר פאָטער האָט זיך אַנטזאָגט איבערגעבן דער איינציקער טאָכטער די ירושה פון איר מוטער, ווייל אַ טאָכטער, — האָט ער געטענהט, — דאַרף לויטן דין ניט ירשנען גלייך ווי אַ זון. זי האָט דעריבער געפירט אַ קאַמף פאַר איר רעכט אין געריכט פון דער שטאָט און נאָכדעם ווי זי האָט געוואונען איר רעכט אויף דער מוטערס פאַרמעגן, האָט זי איבערגעלאָזן די ירושה אין די הענט פון פאָטער און אים אויפגעפאָדערט צו פאַרנוצן די ירושה לטובת די אָרעמע פון דער שטאָט.

אין יאָר 1826 האָט שוין ערנעסטין אָנטיילגענומען אין דער באַוועגונג פאַר דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג פון פּוילן.

אין יענעם יאָר, 1826, אין עלטער פון זעכצן יאָר, האָט ערנעסטין פאַרלאָזט איר פּוילישע היים. זי האָט אין משך פון עטלעכע יאָר אַרומ־

געווייזט אייראָפּע, באַזוכט האָלאַנד, בעלגיע און פראַנקרייך און שטודירט די טרויעריקע לאַגע פון די פרויען, וועלכע האָבן דעמאָלט אָנגעהויבן זייערע קאַמפּן פאַר דער רעכט אויף אייגנטום און ביים שטים־קאַסטן.

אין יאָר 1832 קומט זי קיין ענגלאַנד, באַגעגנט זיך מיט דעם אוטאָ־פּישן סאָציאַליסט ראָבערט אָוען און וואַרפט זיך אַריין מיטן גאַנצן ענטוזיאַזם אין דער סאָציאַליסטיש־אוטאָפּיסטישער באַוועגונג. אין ענג־לאַנד האָט ערנעסטין געהייראַט מיט דעם זייגערמאַכער וויליאַם ראָוז, אַן אַקטיווער טוער אין דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג, און זי איז אויס־געקליבן געוואָרן אַלס פאָרזיצערין פון אַן אָרגאַניזאַציע: „די אַסאָציאַציע פון אַלע קלאַסן, פון אַלע פעלקער, אָן אונטערשייד פון סעקטע, געשלעכט, פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט, אָדער קאָליר“.

אַזוי אַרום איז די דאָזיקע „בת־טובים“, די טאָכטער פון אַ פּוילישן חסידישן רבֿ, געוואָרן אַ קעמפערין אויף אַ וועלט־פאָרנעם פאַר די נאַ־טירלעכע רעכט פון אַלע מענטשן, אָן אונטערשייד פון קאָליר, רעליגיע, נאַציאָנאַליטעט, פּאָליטישע אָנשויאונגען, ראַסע און געשלעכט.

3. „די קעניגין פון דער פּלאַטפאָרם“

אין פרילינג פון יאָר 1836 איז ערנעסטין ראָוז אָנגעקומען אין דער נייער וועלט און זיך גלייך געשטעלט אין די רייען פון דער פרויען־באַוועגונג, וואָס האָט דאַן אָנגעהויבן פירן אַ קאַמף פאַר דער אָפּשאַפונג פון שקלאַפעריי און די רעכטן פון דער פרוי אין דער געזעלשאַפט.

דער ערשטער בייטראַג פון ערנעסטין ראָוז אויף דער אַמעריקאַנער ערד איז געווען דאָס זאַמלען אונטערשריפטן אויף אַ פּעטיציע צו דער „לעגיסלאַטור“ פון ניו־יאָרק סטייט, וואָס האָט געפאָדערט אָנצונעמען אַ געזעץ, אַז פרויען זאָלן האָבן אַ רעכט צו ירשענען דאָס פאַרמעגן פון זייערע פאַרשטאָרבענע מענער. זי האָט דעם קאַמף אָנגעפירט ביזן יאָר 1848, ווען אַזאַ געזעץ איז דורכגעגאַנגען.

די מאַגנעטישע פערזענלעכקייט און אָראַטאָרישע קראַפט פון דער יידיש־אימיגראַנטישער קעמפערין איז באַלד באַקאַנט געוואָרן אין די רייען פון דער אַבאָליציאָניסטישער באַוועגונג און אין אַנדערע פאָרגעשריטענע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־קרייזן און זי איז איינגעלאַדן געוואָרן צו האַלטן לעקציעס אויף פאַרשיידענע סאָציאַלע טעמעס אין די גרעסטע שטעט פון די מערסטע שטאַטן. צוליב איר גרויסער רעדנער־קראַפט איז זי באַצייכנט געוואָרן ווי די „קווין אָוו דהי פּלעטפאָרם“ (די קעניגין פון דער פּלאַטפאָרם)[2], אַן אינצידענט וואָס האָט פּאַסירט אין דער „בראָד־

ווער טאַבערנאַקל" אין ניו יאָרק, האָט באַוויזן דעם מוט און די קאַמפּס־גרייטקייט פון דער דאָזיקער פרוי. עס איז דאָרט פאָרגעקומען אַ פאַר־זאַמלונג צו דיסקוטירן די נויטיקייט אויסצובעסערן די סיסטעם פון פרייע שולן.

איינער פון די רעדנער, ראָבערט ברעקענרידזש, אַ גייסטלעכער פון קענטאַקי, האָט זיך אַוועקגעלאָזן מיט שאַרפע אַטאַקעס אויף די אָנהענגער פון אָפּשאַפן שקלאַפעריי און קעגן די וואָס ווילן געבן די פרויען שטים־רעכט. דאָ האָט זיך ערנעסטין ראָוז אויפגעשטעלט און פייערלעך דער־מאָנט דעם רעדנער, אַז די קעגנער פון פרייער בילדונג זיינען אויך די שונאים פון פרייהייט פאַר שקלאַפן און מער רעכט פאַר דער פרוי.

אויפן פאַרזאַמלטן עולם האָט איר אַרויסטריט געמאַכט אַן אויסער־געוויינלעכן איינדרוק. אַ פרוי זאָל וואַגן זיך קעגנשטעלן אַ גייסטלעכן! טייל האָבן געשריגן: „וואַרפט זי אַרויס! פאַרטרייבט זי פון זאַל!" אָבער ערנעסטין האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף די שטערער און האָט דערוויייל געהאַלטן אַ שאַרפע רעדע לטובת פרייער בילדונג, פאַר אָפּ־שאַפן שקלאַפעריי און פאַר די רעכט פון דער פרוי. איר רעדע איז געווען אַזוי איבערצייגנדיק און אָנרעגנדיק, אַז דער גאַנצער עולם האָט אויסגעבראָכן אין הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן.

זינט 1850 האָט ערנעסטין ראָוז אָנטייל גענומען אין יעדער נאַ־ציאָנאַלן קאָנגרעס פאַר פרויען־רעכט, וואָס איז פאָרגעקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אין איר אַרבעט איז זי געקומען אין קאָנטאַקט ניט נאָר מיט די דעמאָלטיקע קעמפּערינס און פירערינס פון דער באַוועגונג פאַר פרויען־רעכט, עליזאַבעט קעידי סטענטאָן און סוזאַן ב. אַנטאָני, נאָר אויך מיט די הויפּט־פירער פון אַבאָליציאָניזם, פרעדריק דאָוגלאַס, ווענדל פיליפּס, וויליאַם הענרי טשענינג, טאָמאַס היגינסאָן.

4. אין קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם

אין אירע רעדעס האָט ערנעסטין ראָוז שטענדיק אונטערשטראָכן דעם אינטערנאַציאָנאַלן באַדייט פון איר קאַמף און האָט גלייכצייטיק דער־מאָנט מיט שטאָלץ איר יידישן אָפּשטאַם.

אַרויסטרעטנדיק מיט אַן איינדרוקספולער רעדע אויף אַ קאָנגרעס פאַר פרויען־רעכט אין דער שטאָט סיראַקיוז, ניו יאָרק, אין יאָר 1852, האָט זי דערקלערט:

„איך וועל זאָגן וועגן שקלאַף: די מענטשהייט אָנערקענט ניט קיין קאָליר, דער געדאַנק אָנערקענט ניט קיין קאָליר, פאַרגעניגן און פּייַן, גליק און אומגליק, לעבן אָדער טויט, אָנערקענען ניט קיין קאָליר".

ווי אַן עדות פאַר דעם אוניווערסאַלן פאַרנעם פון איר אידעאַל האָט זי געגומען זיך אַליין:

„איך בין אַ ביישפּיל פאַר דער אוניווערסאַלקייט פון אונדזערע פאַ־דערונגען. ניט בלויז אַמעריקאַנער פרויען, נאָר אַ טאָכטער פון דער אָרעמער און צעדריקטער פוילן און פון דעם דערנידעריקטן און געדרודפטן פאָלק ישראל, שטעלט זיך איין פאַר גלייכע רעכט״.

ערנעסטין האָט זיך אָבער ניט באַנוגנט מיט בלויז אונטערשטרייכן איר יידישן אָפּשטאַם. זי איז אַרויסגעטראָטן אין דער פאַרטיידיקונג פון איר פאָלק קעגן בלבולים און מיסרעפּרעזענטאַציעס.

אין יאָר 1864 האָט ערנעסטין געלייענט אין דער וואָכנשריפט „באָסטאָן אינוועסטיגייטאָר״ אַזעלכע רייד: „אַפילו די מאָדערנסטע יידן זיינען ענגהאַרציק, פול מיט פאָראורטיילן און פאַסן זיך בשום אופן ניט אַריין צווישן אַזעלכע פאָרגעשריטענע מענטשן ווי די אַמעריקאַנער. מיר האָפן אַז זיי וועלן זיך טאַקע ניט פאַרשפּרייטן אין אַמעריקע״[3]).

ערנעסטין האָט קיין סך צייט ניט פאַרלאָרן און באַשלאָסן גלייך ענט־פערן דעם אַנטיסעמיטישן שרייבער. אין אַ לענגערן בריוו, וואָס דער רעדאַקטאָר פון דער וואָכנשריפט האָט אָפּגעדרוקט, שרייבט ראָוז, אַז זי „האָט געשפּירט אין דעם אַרטיקל דעם אמתן פעך און שוועבל, קריסט־לעכן שוועבל״; „עס איז אין דעם אַרטיקל דאָ צופיל פון יענעם פורי־טאַנישן גייסט, וואָס האָט געשמיסן און געהאָנגען פרויען פון די קוועי־קערס״ (אַ רעליגיעז־פּאַציפיסטישע גרופּע). וואָס איז שייך דעם שריי־בערס וואונטש און האָפנונג, אַז „די יידן וועלן זיך ניט אויסשפּרייטן״, פרעגט ראָוז, אַז זי איז אַ בעלן צו וויסן וואָס דער שרייבער וועט טאָן כדי אָפּצושטעלן זייער פאַרשפּרייטונג? זי פרעגט: „וועט איר זיי פאַרטרייבן פון באָסטאָן, אָדער פון דער „פאָרגעשריטענער אַמעריקע״ ווי מען האָט זיי פאַרטריבן פון שפּאַניע?״

ווייטער האָט ראָוז אָפּגעלייקנט דעם געדאַנק, אַז די יידן זיינען אַ געפאַר פאַרן פאָרשריט פון לאַנד.

„אין דער שטאָט, אין פילאַדעלפיע, סינסינעטי און אַנדערע שטעט, האָבן די יידן זייערע סינאַגאָגעס, זיי האָבן זיך פאַרשפּרייט לויט זייערע מעגלעכקייטן, און קיין אומגליק איז ניט געשען. די יידישע נאַטור איז ניט אַנדערש פון דער נאַטור פון אַנדערע פעלקער. דער ייד ווערט רעגירט פון די זעלבע געזעצן פון דער מענטשלעכער נאַטור אומעטום. אין ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד און אַנדערע אייראָפּעאישע לענ־דער, מיטן אויסנאַם פון שפּאַניע, האָבן יידן, ניט קוקנדיק אויף זייער

שלעכטער באהאנדלונג מצד באַרבאַרישע כחות, זיך פאַרשפּרייט און ביי־געקומען אַ סך טויטן. איירָאָפּע האָט גאַרניט פאַרלוירן צוליב די יידן".

„די יידן מאַכן פאָרשריט, — האָט ראָוז באַמערקט, — אַזוי שנעל ווי די וועלט אין וועלכער זיי לעבן דערלויבט זיי צו מאַכן פאָרשריט".

עס איז אינטערעסאַנט אַז ראָוזעס בריוו איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין דער ענגליש־יידישער שריפט „דזשואיש רעקאָרד" מיט אַ באַמערקונג פון רעדאַקטאָר, אַז „ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס די שרייבערין איז אַן אַטעאיסטקע, אַנטפּלעקט זי אין איר בריוו דעם יוירנדיקן שטאָף פון יידישן גייסט".

5. אַ וועג פון בלומען און דערנער

דער וועג פון דער טרוימערין און קעמפערין ערנעסטין ראָוז איז ניט געווען אויסגעפלאַסטערט בלויז מיט בלומען. אַלע וואָס האָבן גע־וואָגט אויפהייבן זייער שטים לטובת מענטשן־רעכט און פאַר דער באַ־פרייאונג פון די נעגער־שקלאַפן זיינען געוואָרן דער ציל־ברעט פון שענדלעכע אַטאַקעס. ערנעסטין האָט געטיילט דעם זעלביקן גורל, אפשר מער ווי אַנדערע.

די אַמעריקאַנער רעאַקציע האָט זי באַצייכנט ווי „אַן אויסלענדישע פּראָפּאַגאַנדיסטקע" און באַשולדיקט, אַז זי ווערט סובסידירט מיט „ענג־ליש גאָלד" כדי אַרויסצורופן אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע אין די פאַר־איייניקטע שטאַטן. די צייטונג „אַלבאַני רעדזשיסטער" האָט אין מערץ, 1854, געהעצט: „אויב מע וועט ניט אָפּשטעלן דעם שטראָם פון פאַ־נאַטיזם און די פאַרברעכערישע רעדעס פון דער דאָזיקער פּוילישער פּראָפּאַגאַנדיסטקע, וועלן חרוב ווערן די אַמעריקאַנער אינסטיטוציעס"[4].

ערנעסטין ראָוז האָט זיך אָבער ניט דערשראָקן. זי האָט צוריק־געשליידערט די זלזולים פון די רעאַקציאָנערן. אין אַ בריוו צום „רע־דזשיסטער" האָט זי געלאָזט וויסן, אַז קיינע אַטאַקעס מצד די קאָנסער־וואַטיווע עלעמענטן און זייער פּרעסע וועלן זי ניט אָפּשטעלן פון פאָרזעצן דעם קאַמף פאַר דעמאָקראַטישע רעכט פאַר אַלע אַמעריקאַנער און פון „אויסנוצן מיינע באַשיידענע פעאיקייטן ביז איבער מיינע כחות צו העלפן אין דעם גרויסן מאָראַלישן קאַמף פאַר מענטשלעכע רעכט און פריי־הייט".

עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט וואָס דער הויפּט־אָרגאַן פון אַבאַליציאָניזם אין אַמעריקע, דער „ליבערעיטאָר" האָט סאַלוטירט ער־נעסטין ראָוז ווי „די אַדוואָקאַטין פון פרויען־רעכט, אַנטי־שקלאַפעריי און רעליגיעזער פרייהייט".

אַ סך פון אירע רעדעס זיינען איבערגעדרוקט געוואָרן אין דעם „ליבערעיטאָר". דער פירער פון אַבאָליציאָניזם וויליאַם לאָיד געריסאָן דערציילט, אַז ער איז אויפגעטראָטן דעם 4טן אויגוסט, 1853 אינאיינעם מיט ערנעסטין ראָוז אויף אַן אַנטי־שקלאַפערישער מאַסן־פאַרזאַמלונג אין פלאַשינג, לאָנג־איילענד. אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג האָט מען אויך געפייערט דעם ניינצנטן יאָרטאָג זינט דער באַפרייאונג פון וועסט־אינדיע.

אין יענער רעדע, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין „ליבערעיטאָר"[5]) האָט ראָוז געזאָגט:

„אין פאַרגלייך מיט דער באַפרייאונג פון 800,000 שקלאַפן, זעט די דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט אויס אומבאַדייטנדיק. דער גרויסער אַקט פון באַפרייען די 800,000 מענטשן פון דער אַפריקאַנער ראַסע האָט באַוויזן, אַז די דאָזיקע ראַסע איז ניט בלויז פעאיק זיך אַליין צו באַזאָרגן, נאָר אויך צו געניסן אין פרידן אַזויפיל פרייהייט ווי די ווייסע מענטשן... ווען אַפילו די שקלאַפן־האַלטער וואָלטן באַהאַנדלט זייערע קנעכט מיט דער גרעסטער רחמנות; ווען מע וואָלט מיר אַפילו דער־ציילט, אַז די נעגערס רוען זיך אָפּ אין ווייכע קישנס און עסן די בעסטע פרוכט פון לאַנד, וואָלט עס אַלץ פאַרבליבן שקלאַפעריי. ווייל שקלאַפעריי מיינט ניט בלויז אַרבעטן שווער און שלעכט דערנערט ווערן, אָדער ליידן פון קראַנקהייטן. שקלאַפעריי מיינט, אַז דער מענטש געהערט ניט זיך אַליין, צו באַרויבט ווערן פון דער מענטשלעכער ווערדע... די נאַטור האָט ניט באַשאַפן קיין האַרן און קנעכט. דער מענטש איז זיין אייגענער לעגיטימער האַר. איך בין פאַר דער באַפרייאונג פון אַלעמען, ווייס און שוואַרץ, פרוי און מאַן. עס זיינען דאָ מער געמיינזאַמע פעדים, וואָס פאַרבינדן מענטש מיט מענטש, ווי די פעדים פון דער נאַציע, פאָליטיק און קאַמערץ, פעדים וואָס זיינען אַפילו שטאַרקער ווי בלוט־קרובהשאַפט — דאָס זיינען די אַלמענטשלעכע פעדים".

אויף דער טענה פון די שקלאַפן־האַלטער, אַז מיט דער באַפרייאונג פון די שקלאַפן, שטעלט מען אין געפאַר די ציוויליזאַציע, האָט ראָוז אויסגערופן:

„די איינציקע ציוויליזאַציע וואָס איר פאַרמאָגט, עקזיסטירט אין דער פראַקטיק צווישן אייערע שקלאַפן. אויב אינדוסטריע און מעכאַניק זיינען די מאָסן פון ציוויליזאַציע, דעמאָלט זיינען די שקלאַפן די איינציקע ציוויליזירטע מענטשן צווישן אייך, ווייל זיי אַרבעטן און שאַפן די צי־וויליזאַציע".

אין די יאָרן פון בירגער־קריג האָט ערנעסטין ראָוז פאַרגעזעצט איר

קאַמף פאַר נעגער־עמאַנציפּאַציע. אין יאָר 1863 איז זי אַרויסגעטראָטן מיט אַ רעדע פאַר די „לאָיאַלע פרויען פון דער רעפּובליק", וואו זי האָט קריטיקירט געוויסע טיילן פון פּרעזידענט לינקאָלנס פּראָקלאַמאַציע, אַלס ניט־פולשטענדיקע.

נאָך דרייסיק יאָר פון לעבן און קאַמף אין אַמעריקע, האָבן ערנעסטין ראָוז מיט איר מאַן פאַרלאָזן דאָס לאַנד און זיך באַזעצט אין ענגלאַנד.

ערנעסטין ראָוז האָט אַריינגעשריבן אַ גלאָררייך קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער אַנטי־שקלאַפערישער באַוועגונג. ווי אַ יידישע טאָכטער, וואָס האָט מיט שטאָלץ דערמאָנט איר יידישן אָפּשטאַם און פאַרטיידיקט יידישע רעכט, פאַרנעמט ערנעסטין ראָוז אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אויך אין דער געשיכטע פון יידן אין אַמעריקע.

דזשאָן בראַון

אויגוסט באַנדי

אַן אינטערעסאַנטע יידישע פיגור אין דער אַמעריקאַנער אַנטי־שקלאַ־פערישער באַוועגונג, אפשר די באַדייטנדיקסטע יידישע געשטאַלט אין אַמעריקאַנער אַבאַליציאַניזם איז געווען אויגוסט באַנדי.

באַנדי געהערט צו דער יידישער אימיגראַציע פון מיטל־אייראָפּע, וואָס האָבן אַהער אויסגעוואַנדערט נאָך דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע פון די יאָרן 1848־9.

לאָמיר זיך באַקענען מיט דעם יחוסדיקן אָפּשטאַם פון דעם יידישן און אַמעריקאַנער פרייהייטס־קעמפער אויגוסט באַנדי.

1. אָפּשטאַם און קינדער־יאָרן

דער נאָמען באַנדי שטאַמט פון העברעאישן וואָרט: יום־טוב. לויט דער משפחה־טראַדיציע האָט איינער פון דער פאַמיליע, יום־טוב לאַנד־שרייבער פון פּראָג, וואָס האָט געלעבט אין זעכצנטן יאָרהונדערט, גע־מאַכט אַ רייזע קיין איטאַליע און דאָרט געביטן זיין נאָמען אויף באַנדי, וואָס מיינט אויף איטאַליעניש „אַ גוטן טאָג" (באָן־די, געגוי דאָס זעלבע ווי יום־טוב אין העברעאיש).

אינעם אַכצנטן יאָרהונדערט געפינען מיר אין דער אַלטער טשעכי־שער שטאָט פּראָג אַ געהיימע סעקטע פון גלויביקע אין דעם „פאַלשן משיח", שבתי צבי. צו די פירער פון דער דאָזיקער סעקטע האָבן גע־הערט צוויי פּראָגער יידישע בירגער: מרדכי און זיין זון נטע באַנדי, אַן איידעם פונעם באַרימטן רב און מקובל ר' יונתן אייבשיצער פון פּראָג און האַמבורג.

נטע אייבשיצערס אַן אור־איניקל האָט געהייסן נפתלי הערץ. אין די צוואַנציקער יאָרן פונעם 19טן יאָרהונדערט האָט ער זיך איבער־געצויגן קיין ווין און דאָרט איז ביי נפתלי הערצן און זיין פרוי מאַרטאַ פרענקל־באַנדי, אין יאָר 1833, געבוירן געוואָרן אַ זון, אַנשל־אויגוסט.

באַנדיס זיידע איז געווען אַ רייכער פאַבריקאַנט און אַן אָרטאָדאָקסי־שער ייד. אָבער זיין זון נפתלי הערץ איז שוין געווען אַ פאַראָרעמטער

קליינבירגער, וועלכער האָט אָנטייל גענומען אין נאַפּאָלעאָנישן קריג אין יאָר 1812. נפתלי הערץ האָט זיין זון געגעבן אַ רעליגיעזע און וועלט־לעכע דערציאונג.

ווען אַנשל איז אַלט געוואָרן 14 יאָר, איז ער אַריינגעטראָטן אין דער אַקאַדעמישער גימנאַזיע פון ווין, וואָס איז געווען אונטערן איינפלוס פון דער פיאַרישער מאָנאַכן־סעקטע. דאָרט האָט זיך דאָס יינגל באַקענט מיט אויסגעהאַלטענע דעמאָקראַטן און קעמפער קעגן אַבסאָלוטיזם, מאָ־נאַרכיע און פעאָדאַליזם.

עס איז געווען אין חודש פעברואַר, 1847, באַנדי האָט דעמאָלט געלערנט אין פינפטן קלאַס פון דער גימנאַזיע. אַ לערער פון מאַטע־מאַטיק האָט אַראָפּגעלאָזן אַ פּאַטש אַ סטודענט. אַלס פּראָטעסט האָבן 500 סטודענטן פאַרלאָזן די קלאַסן אויף אַ גאַנצער וואָך. צווישן זיי האָט זיך געפונען דער יונגער אַנשל. זיי האָבן זיך ניט צוריקגעקערט ביז דער לערער האָט זיך עפנטלעך אַנטשולדיקט.

אַ שטאַרקן איינדרוק האָט געהאַט אויף דעם יונגן באַנדי דער גע־שיכטע־לערער פּאָדהאַלאַ, וועלכער האָט דערציילט זיינע סטודענטן וועגן וואַשינגטאָן, דזשעפערסאָן און דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע.

אין מערץ, 1848, האָט זיך דער יונגער באַנדי אָנגעשלאָסן אינעם „אַקאַדעמישן סטודענטן־לעגיאָן", אַ סטודענטישע רעוואָלוציאָנערע אָר־גאַניזאַציע, וועמענס מיטגלידער האָבן געהאָלפן דעם אונגאַרישן דעמאָ־קראַטישן פירער און פּאַטריאָט לואיס קאָשוט אויפהייבן אַ פאָלקס־אויפ־שטאַנד צו באַפרייען אונגאַרן פון דעם דייטש־עסטרייכישן שטאַט.

2. 1848 — אויף די ווינער באַריקאַדן

אין פרילינג פון 1848טן יאָר זיינען אין אַלע צענטראַלע שטעט פון מערב־איירָאָפּע פאָרגעקומען פאָלקס־אויפשטאַנדן קעגן די מאָנאַרכיסטי־שע רעזשימען.

דעם 13טן מערץ האָט זיך די רעוואָלט־באַוועגונג אַריבערגעטראָגן קיין ווין. פאַר דעם שטאַטישן ראַטהויז האָט זיך צונויפגעקליבן אַ ריזיקע מאַסע און געפאָדערט: „אַראָפּ מיט מעטערניכן! זאָל לעבן די קאָנסטי־טוציע!" דאָס מיליטער, וואָס איז געשיקט געוואָרן קעגן דעם פאַר־זאַמלטן פאָלק, האָט אָנגעהויבן שיסן, עטלעכע זיינען פאַרוואונדעט גע־וואָרן. דאָס פאָלק האָט געצאָרנט. אין שטאָט האָבן זיך באַוויזן באַריקאַדן.

דער 15־יאָריקער סטודענט אויגוסט באַנדי האָט זיך געשטעלט אין איין ריי מיט די דרייסטע קעמפער פון „אַקאַדעמישן לעגיאָן" אונטער דער פירערשאַפט פונעם אונגאַרישן קאַפּיטאַן זאַך.

אויגוסט באַנדי — מיטגלידס־קאַרט פון אַקאַדעמישן לעגיאָן

דעם 14טן מערץ האָט באַנדי „אויפגעהויבן דעם ערשטן שטיין פון גראַניטנעם טראָטואַר פאַר דער ערשטער באַריקאַדע אויף די גאַסן פון ווין".

צוויי אַזייגער פון יענעם טאָג האָבן צענדליקער ביקסן צעריסן די לופט מיט פייער, פולווער, מיט רויך. מענטשן זיינען געלאָפן, מענטשן האָבן געשריען.

דער יונגער סטודענט אויגוסט באַנדי איז געבליבן שטיין מיט אַ האַלבער פאָן אין דער הייך. די אַנדערע העלפט פון דער פאָן איז געלעגן אויף דער ערד.

און ווען די שיסערייען האָבן זיך איינגעשטילט און אַ טייל סטודענטן זיינען מיט די באַגנעטן אַוועק פון די באַריקאַדן, איז אויגוסט מיט דער האַלבער פאָן צוזאַמען מיט זיי אַוועק פאָראויס, פאָראויס.

דעם 26סטן מאַי האָבן שוין די צייטונגען געבראַכט די ידיעה, אַז דער „אַקאַדעמישער לעגיאָן" האָט פאַרשפּילט זיין קאַמף אין ווין. די דעמאָ־קראַטישע פעסטונג איז געפאַלן. טייל אָנפירער פונעם אויפשטאַנד זיינען אַנטלאָפן קיין שווייץ, אַנדערע זיינען איינגעשפּאַרט געוואָרן אין תפיסה, ביז מען וועט זיי משפּטן. די יינגערע סטודענטן זיינען אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער גימנאַזיע.

צו די לעצטע האָט אויך געהערט אויגוסט באַנדי.

3. אין דער נייער וועלט

דעם יונגן באַנדיס אַנטייל אין דער עסטרייכישער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע איז מיטאַמאָל איבערגעריסן געוואָרן. דעם 6טן סעפּטעמבער, 1848, איז די באַנדי־פאַמיליע אַנטלאָפן פון דער עסטרייכישער קאָנטער־רעוואָלוציע, פריער קיין פּראָג און פון דאָרטן קיין אַמעריקע. דעם 7טן נאָוועמבער, פונעם זעלבן יאָר, האָט די משפחה דערגרייכט די ברעגן פון דער נייער וועלט, דעם האַפן פון ניו־אָרלינס, לואיזיאַנאַ.

צוויי טעג נאָך זיין אָנקומען אין נייעם לאַנד האָט זיך דער יונגער קעמפער קעגן עסטרייכישן דעספּאָטיזם באַגעגנט פּנים־אל־פּנים מיט סצענעס פון נעגער־שקלאַפעריי אויף אַ צוקער־פּלאַנטאַציע. „די מענער און די פרויען זיינען געווען אָנגעטאָן אין קאַווע־זעק, צעריסן פון ביידע זייטן, און אַרומגעבונדן ביי די לענדן". אַזוי באַשרייבט ער זיין ערשטן איינדרוק.

עטלעכע יאָר האָט זיך דער יונגער אימיגראַנט געפּלאָגט אינאיינעם מיט זיינע עלטערן אין סעינט־לואיס. ביידע עלטערן האָבן שווער גע־אַרבעט. נפתלי הערץ האָט געמאַכט ציגאַרן און מאַרטאַ האָט געאַרבעט אין אַ העמדער־פאַבריק. אויגוסט האָט געפּרואווט פאַרשיידענע מלאכות: ער איז אַ צייט געווען אַן אָנגעשטעלטער אין אַ שפּייז־קראָם, אַ לערן־יינגל אין אַ דרוקעריי, אַ שותּף אין אַ שענק און אַ לערער אין אַ דאָרפס־שולע.

אין יאָר 1850 איז ער געוואָרן אַ מאַטראָס אויף אַ שיף, וואָס איז געפאָרן איבערן מיסיסיפּי טייך און איבערן מעקסיקאַנער גאָלף. אין שקלאַפן־שטאַט טעקסעס, האָט ער זיך ווידער באַגעגנט מיט דעם שווידער פון שקלאַפעריי. געווען איז עס דעצעמבער פון יענעם יאָר, ווען דער שיף־אַרבעטער אויגוסט באַנדי האָט געלאַנדעט אין האַפן פון גאַלוועסטאָן. „דער געשריי פון די שקלאַפן, וואָס האָבן באַקומען יעדן פרימאָרגן זייער פּאָרציע לעדער־שמיץ, האָט מיך אויפגעוועקט פיר פאַרטאָג," — דער־ציילט ער.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט ער צוגעזען אַן אַנדערע ברוטאַלע סצענע. באַנדי איז געווען אינאיינעם מיט אַ יעגער־גרופּע, וואָס איז געשוואומען אויפן טייך און געשאָסן ווילדע גענדז. אַ יונגער שקלאַף האָט, ניט ווילנ־דיק, אַראָפּגעלאָזן אַ וויעסלע און אָפּגעשראָקן די שווימענדיקע גענדז. דער יונגער מאַרגאַן, — אַ זון פון אַ טעקסעסער קאַפּיטאַן, האָט אויס־געליידיקט די קויל פון זיין ביקס, וואָס ער האָט געהאַלטן גרייט פאַר די גענדז, אין דער פּלייצע פונעם נעגער־יינגל. „איך האָב אויף אַ הויך

קול פאַרדאַמט אַזאַ ווילדע אַכזריות", דערציילט באַנדי, — און פאַר־ענדיקט, אַז ער האָט גלייך אויפן אָרט באַקומען אַן אויסרייד פון אַ קאָנ־סערוואַטיוון גייסטלעכן: „גיי פונדאַנען. ניטאָ קיין פּלאַץ ביי אונדז פאַר גאָט־פאַרדאַמטע יענקי־אַבאַליציאָניסטן!"

אַ יאָר שפּעטער, אין פעברואַר 1852, האָט ער צוגעזען ווי צוויי באָסטאָנער מאַטראָסן, פרייע מולאַטן, זיינען צוריק פאַרקויפט געוואָרן ווי שקלאַפן, ווייל זיי האָבן געהאָלפן צוויי שקלאַפן אַנטלויפן. אַזאַ סדום־געזעץ האָט געהערשט אין טעקסעס.

אָט די אַלע סצענעס האָבן געביטשט אויף באַנדיס געוויסן.

ביסלעכווייז האָט זיך דער יונגער קעמפער באַקאַנט מיט דער דערשיינונג פון צוואַנג און קנעכטשאַפט אין דער נייער וועלט. דער יידישער בחור, וואָס האָט נאָך אין ווין געקעמפט קעגן פעאָדאַליזם, האָט געפלאַמט מיטן באַגער צו העלפן דער זאַך פון פרייהייט אין אַמעריקע. עס האָט זיך אָנגעקליבן אין אים דער צאָרן און פּראָטעסט קעגן אַלע פאָרמען פון סאָציאַלער אומגערעכטיקייט; נאַציאָנאַלער, פּאָליטישער, פאַרקנעכטונג און אונטערדריקונג.

אין יענער צייט, — דערציילט באַנדי, — האָט ער געקענט ווערן דער מאַן פון דער שענסטער פרוי אין טעקסעס, אָבער ער האָט געפילט, אַז ער טאָר ניט הייראַטן „אַ פרוי, וואָס פאַרמאָגט שקלאַפן", ווייל „מיין פאָטערס זון טאָר ניט זיין קיין שקלאַפן־טרייבער". ער האָט דעריבער פאַר־לאָזן טעקסעס און זיך אומגעקערט קיין סעינט־לואיס.

4. דער פרייהייטס־מאַרש פון דזשאָן בראַון

דער יאָרצענדליק — 1849־1859 — איז געווען אַ ווענדפּונקט אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע. דאָס זיינען געווען יאָרן פון סאָציאַלער דערוואַכונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אַ יאָרצענדליק אין וועלכן ס'איז פאָרגעקומען דער דראַמאַטישער רעוואָלט, וואָס איז באַקאַנט ווי דער פרייהייטס־מאַרש פון דזשאָן בראַון.

יענער קאַמף איז געווען אַ היסטאָרישער צייכן צווישן שקלאַפעריי און פרייהייט, צווישן רעאַקציע און פּראָגרעס. דער קאַמף האָט זיך אָנ־געהויבן אין דעם האַלב־פרייען און האַלב־שקלאַפערישן קענזעס און האָט זיך פאַרענדיקט ערשט אין יאָר 1865, מיטן זיג פון לינקאָלנס צפון־אַרמייען איבער דער קאָנפעדעראַציע פון די שקלאַפערישע דרום־שטאַטן.

דער דראַמאַטישער פאָרשפּיל צו דער צווייטער אַמעריקאַנער רע־וואָלוציע, דער בירגער־קריג, איז געווען דער מאַרש פון דעם מילי־טאַנטן, אַנטי־שקלאַפערישן קעמפער פון ניי־ענגלאַנד, דזשאָן בראַון,

און זײַנע פּאַרטיזאַנישע גרופּעס, וואָס האָבן אין די פּרייע און ברייטע „פּרעיריס" פון קענזעס געקעמפט קעגן די שקלאַפערישע באַנדעס, וועלכע זײַנען אַהין אַרײַנגעדרונגען פון דרום, כדי צו דעראָבערן נײַע טעריטאָריעס פאַר די דרומדיקע פּלאַנטאַטאָרן און שקלאַפן־באַזיצער.

דזשאָן בראַונס היסטאָרישער אַרויסטריט, זײַן אויפשטאַנד, האָט פון אָנפאַנג אָן אין זיך געטראָגן דעם זאָמען פון זײַן מפּלה און זעלבסט־מאָרד. ניט אומזיסט האָט דער גרויסער נעגערישער פרייהייטס־קעמפער פרעדריק דאָוגלאַס, געוואָרנט דעם אַלטן בראַונען, אַז זײַן פאַרמעסטן זיך אויף דער פעסטונג פון שקלאַפערײַ, דורך אָנפאַלן אויף דעם געווער־אַרסענאַל פון „האַרפּערס פערי", וועט זיך פאַרענדיקן טראַגיש, כאָטש ניט דאָוגלאַס און ניט אַנדערע האָבן געהאַט וועלכן עס איז גרונט צו צווייפלען אין דער פולער ערלעכקייט פון בראַונס מאָטיוון און אין זײַן אומבאַגרענעצטן אידעאַליזם־פּאַטריאָטיזם.

די „אַוואַנטורע" אין בראַונס קאַריערע איז באַשטאַנען ניט אין אָפּנאַרן אַנדערע, דאָס פאָלק, נאָר אין אָפּנאַרן זיך אַליין; אין זײַן צופיל פאַרגלויבט אין זיך און אין זײַנע נאָכפאָלגער; אין אונטערשאַצן די כוחות פונעם קעגנער.

בראַונס אויפשטאַנד האָט זיך פאַרענדיקט טראַגיש. ער איז געווען איינער פון די טראַגישסטע מאַרטירער אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע. עס זײַנען אָבער אָפּגעלאָפן בלויז צוויי יאָר, זינט דער קעמפער איז אַראָפּגענומען געוואָרן פון דער תליה, און איז אַרײַנגעלייגט געוואָרן אין אַן איינזאַמען קבר אויף אַ פאַרם אין די אַדיראָנדאַק־בערג פון צפון ניו־יאָרק ביי די גרענעצן פון ווערמאָנט, און ער איז געוואָרן אַ לעגענדע. איבער דער לענג און דער ברייט פון די שטאַטן האָבן מאַרשירט טויזנטער זעלנער, און אויף זייערע ליפּן האָט זיך געטראָגן אַ ליד, וואָס האָט אָפּגעהילכט ווי אַ דונערדיקער עכאָ:

"John Brown's body lies a-mould'ring in the grave, (3)
His soul goes marching on!"

(דזשאָן בראַונס קערפּער שימלט אין קבר, אָבער זײַן גייסט מאַר־שירט פאָראויס).

אין דעם ליד איז געקומען צום אויסדרוק דער דראַנג פון לינקאָלנס באַטאַליאָנען צו באַפרייען די אַמעריקאַנער ערד פון שקלאַפערײַ און צום סאָציאַלן אויסגלייך פון נעגער־פאָלק מיט דער ווייסער באַפעלקערונג.

אין אַ בריוו, דאַטירט דעם 6טן אויגוסט, 1856, האָט דזשאָן בראַון געשריבן:

„איך געפין פאַר נייטיק צו דערמאָנען די נעמען פון לעבעדיקע פערזאָנען, וועלכע האָבן געבראַכט קרבנות פאַר דעם פאָרשריט פון אונדזער זאַך אין פרייען שטאַט קענזעס... פון ניין גרופן זיינען די ערשטע צוויי געווען דייטשישע פליכטלינגען: בענדזשאַמין און באָנדי. דער צווייטער האָט געדינט אונטער מיר ווי אַ פּריוואַטליקער...״

דער דאָזיקער צווייטער „דייטשישער פליכטלינג״ איז געווען אַ באַוואוסטזיניקער און שטאָלצער זון פון יידישן פאָלק און אַ פלאַמענדיקער פרייהייטס־קעמפער פון זיין פריסטער יוגנט אָן.

וואָס האָט דעם יונגן יידיש־דייטשישן אימיגראַנט באַוואויגן זיך אַנצושליסן אין פרייהייטס־מאַרש פון דזשאָן בראַון?

אויגוסט באָנדי האָט אַליין געענטפערט אויף דער פראַגע: „איך בין באַזעלט געוואָרן פון מיין יוגנט אָן מיט האַס צו דער טיראַניי פון גייסטלעכע און רעגירער, און גלייכצייטיק מיט איבערגעבנקייט צו דער מענטשהייט. מיר, קינדער, זיינען אָנגעשטעקט געוואָרן מיט אַ פאַנאַטישער ליבע און פלאַמענדיקער סימפּאַטיע פאַר אַלע אונטערדריקטע און באַליידיקטע פון אונדזער גאַנצן גלאָבוס...״

דאָס איז געווען דער מאָטיוו פון אויגוסט באָנדיס קעמפערישן לעבן.

5. די „בלוטנדיקע קענזעס״

דער ערשטער אויפשטאַנד קעגן די שקלאַפן־האַלטער פון די דרום־שטאַטן אין „האַרפּערס פערי״, ווירדזשיניע, אָנגעפירט פון דעם פאַרמער דזשאָן בראַון און די הינריכטונג פון דעם אַלטן „צאַרגדיקן מאַן״, האָבן עלעקטריזירט דאָס גאַנצע נעגער־פאָלק און געמאַכט ציטערן די שקלאַפן־האַלטערס.

בראַונס ביישפּיל האָט, ווי באַוואוסט, אַרויסגערופן אַ ריי פּרואוון פון שקלאַפן־אויפשטאַנדן אויך אין אַנדערע ערטער. וועגן די דאָזיקע אויפשטאַנדן האָט קאַרל מאַרקס געשריבן: „לויט מיין מיינונג זיינען די גרעסטע וועלט־געשעענישן ביים איצטיקן מאָמענט, פון איין זייט די אַמעריקאַנער באַוועגונג פון די שקלאַפן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט בראַונס טויט, פון דער צווייטער זייט — די שקלאַפן־באַוועגונג אין רוסלאַנד״.

דעם אָנהייב פון דעם אויפשטאַנד, וואָס האָט מיט צוויי יאָר שפּעטער דעפירט צום בירגער־קריג, וואָס האָט זיך ווי אַ שטורעם געטראָגן פיר יאָר איבער דער לענג און ברייט פון די שטאַטן, און אין וועלכן עס זיינען געפאַלן איבער אַ האַלבער מיליאָן בירגער, — דאַרף מען זוכן אין דער אַטמאָספער פון „פאַרן שטורעם״, וואָס האָט געהערשט צווישן

די הונדערטער טויזנטער פאַרשקלאַפטע נעגער־מאַסן און אין דעם גרויסן סאָציאַל־פּאָליטישן קאַמף, וואָס די אַבאָליציאָניסטן, די אַנטי־שקלאַפע־רישע כוחות האָבן געפירט אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

אין יאָר 1820 איז אין דער „יוניאָן" — פאַרבאַנד פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן — אַריינגענומען געוואָרן אַלס אַ נייער שטאַט די טע־ריטאָריע פון מיזורי. די שטאַטן פון דרום האָבן דעמאָלט געווירקט, אַז דער קאָנגרעס זאָל אָננעמען אַ באַשלוס, אַז די פּרוכטבאַרע ערדן פון מערב, וואָס זיינען געלעגן דרום צו פון 36טן פּאַראַלעל, זאָלן גע־עפנט ווערן פאַרן שקלאַפנטום.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז ביים באַזעצן די ערדן וועלן צו צפון פון די דאָזיקע געגנטן זיך אויסבילדן פרייע שטאַטן, און דרום־צו — שקלאַפערישע.

דער אָפּמאַך פון יאָר 1820 האָט באַקומען דעם נאָמען דער „מיזורער קאָמפּראָמיס", אָבער די שקלאַפן־באַזיצער פון דרום האָבן זיך ניט באַפרידיקט מיט דעם קאָמפּראָמיס. זיי האָבן געוואָלט פאַרשפּרייטן זייער שקלאַפן־סיסטעם אויך איבערן צפון.

ווען מען האָט אין 1854 אַריינגענומען אין „פאַרבאַנד" צוויי שטאַטן, קענזעס און נעבראַסקאַ, — וואָס האָבן זיך געפונען צפונדיקער פון דער אָנגעצייכנטער ליניע צווישן צפון און דרום, האָט זיך די דאָזיקע דרום־דיקע אָליגאַרכיע דערשלאָגן, אַז דער קאָנגרעס זאָל ניט פאַרבאָטן קיין שקלאַפעריי אין די שטאַטן. די דרומדיקע סענאַטאָרן און קאָנגרעסלייט האָבן רעקאָמענדירט, מען זאָל פונאַנדערטיילן צווישן די רייכע באַזיצער אַלע ערדן, וואָס זיינען נאָך געבליבן פריי אויף מערב, און זיי באַאַרבעטן מיט דער הילף פון שקלאַפן.

די פאַרמער און די אַרבעטער פון צפון האָבן פאַרגעשלאָגן פונאַנ־דערטיילן די פרייע ערדן אומזיסט צו יעדן איינוואַנדערער אין די נייע טעריטאָריעס.

לויט דער פאָדערונג פון די שקלאַפן־אייגנטימער, האָט דער קאָנ־גרעס געגעבן דאָס רעכט דער באַפעלקערונג פון די דאָזיקע טעריטאָריעס אַליין צו באַשטימען די פראַגע צי וועלן די דאָזיקע טעריטאָריעס זיין פרייע אָדער שקלאַפן־אייגנטימערישע שטאַטן. ווען די שקלאַפן־אייגנ־טימער האָבן דערגרייכט אַזאַ באַשלוס אין קאָנגרעס, האָבן זיי גלייך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן באַוואָפנטע באַנדעס. די דאָזיקע באַנדעס האָבן זיי געשיקט אין קענזעס, כדי מיט גוואַלד איינפירן שקלאַפעריי אין שטאַט. אַלס ענטפער דערויף האָבן די פאַרמער און די אַרבעטער פון צפון אָנגעהויבן אָרגאַניזירן זייערע באַוואָפנטע אָפּטיילונגען, כדי צו קומען

צו הילף די פרייע איבערוואַנדערער, וואָס האָבן געוואָלט, אַז שקלאַ־פעריי זאָל פאַרבאָטן ווערן אין דער נייער טעריטאָריע, קענזעס.

אין יאָר 1856 האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן אַ באַוואָפנטער קאַמף צווישן די פּלאַנטאַטאָרס און פאַרמערס.

אין אָט דעם דאָזיקן פאָרשפּיל פאַרן בירגער־קריג, וואָס איז באַקאַנט ווי די צייטן פון „בלוטנדיקן קענזעס", האָט אויגוסט באָנדי געקעמפט אינאיינעם מיט דעם אַלטן דזשאָן בראון און אַנדערע פלאַם־פייערדיקע אַבאָליציאָניסטן.

6. אין די „פּרעריס" פון קענזעס

די פראַגע צי קענזעס זאָל בלייבן פריי אָדער פאַרשקלאַפט, איז פאַרשאַרפט געוואָרן פון טאָג צו טאָג. מיטן גורל פון קענזעס איז געווען פאַרבונדן דער גורל פון די איבעריקע צפון־שטאַטן.

הונדערטער פאַרמערס פון די צפון־ און צפון־מזרח־שטאַטן, פון ניי־ענגלאַנד ביז מערילענד, האָבן אויסגעוואַנדערט אין די רחבותדיקע סטעפּעס פון דער טעריטאָריע, וואָס האָט געפאָדערט האָרעוואַניע און צוגעזאָגט אַ שפע פון ווייץ, קאָרן און מילך. די איינוואַנדערער־פּיאָנערן



באָנדיס היים אין סאַליינאַ, קענזעס

האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף די געוויינלעכע שוועריקייטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אַ פּיאָנערן־לעבן, — קעלט, הונגער און קראַנקהייטן, אָבער ערגער זיינען געווען די איבערפאַלן פון די שכנותדיקע מיזורער פּראָ־שקלאַפערישע באַנדעס, וועלכע זיינען באַצייכנט געוואָרן ווי די „באָרדער־ראָפיאַנס״ (גרענעץ־באַנדיטן), וואָס האָבן טעראָריזירט די נייע איינוואַנדערער און זיי געוואָלט צווינגען צו פאַרלאָזן די געגנט.

די סאָציאַל־פּאָליטישע אַטמאָספערע פון האַלב־פאַרשקלאַפטן מיזורי, וואו דער 21־יאָריקער אויגוסט באָנדי האָט געוואוינט, נאָך זיין צוריק־קער פון טעקסעס, האָט איצט געגעבן אַ נייעם אינהאַלט צו זיין דראַנג נאָך אַקטיווע מעשים. ער איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַנטי־שקלאַפערישער באַוועגונג און איז געוואָרן אַ הייסער אָנהענגער פון אייבערעהעם לינקאָלן און זיין ניי־געגרינדעטער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי.

אין יאָר 1855 האָט ער געלייענט אַ לייט־אַרטיקל אין דער ניו־יאָרקער „טריביון״, וואָס האָט אַפּעלירט צו די פרייהייטס־ליבנדיקע מענטשן פון די פאַראייניקטע שטאַטן, „זיך צואיילן קיין קענזעס און ראַטעווען דעם שטאַט פון דער קללה פון שקלאַפעריי״. באָנדי האָט זיך „געאיילט״ קיין קענזעס צו העלפן אָפּשטעלן דעם מאַרש פון שקלאַפעריי. אָנהייב אַפּריל 1856, האָט באָנדי דערגרייכט די פּרייריע געגנט פון אָסאָוואַטאָמי, וואו ער האָט באַקומען אַ חלק ערד און עטאַבלירט צוזאַמען מיט נאָך צוויי יידן, טעאָדאָר וויינער און דזשעיקאָב בענדזשאַמין, אַ האַנדלס־פּונקט פאַר דער געגנט.

די באַוואָפנטע באַנדעס פון מיזורי פלעגן זיך כסדר אַריינרייסן אין די גרענעצן פון קענזעס און אַנווענדן גוואַלד־מיטלען קעגן יעדן נייעם איינוואַנדערער. האָבן זיי דערשפּירט, אַז דער איינוואַנדערער האָט אַנטי־שקלאַפערישע סענטימענטן, איז שוין יענער ניט געווען זיכער מיט זיין לעבן.

לאַנג איז די דריי שותפים באָנדי־בענדזשאַמין־וויינער ניט אויסגעע־קומען צו וואַרטן. אין אַ זוניקן פרימאָרגן האָבן זיך באַוויזן אויף דער שוועל פון האַנדלס־פּונקט עטלעכע באַנדיטן און זיי געוואָרנט באַצייטנס זיך אָפּטראָגן, אויב זיי ווילן ניט האָבן קיין ביטערן סוף.

אויגוסט באָנדי און זיינע שותפים האָבן זיך אָבער אַזוי גרינג ניט אָפּגעשראָקן. אַנשטאָט פאַרלאָזן קענזעס, האָבן זיי זיך פאַרשריבן אין דער מיליטערישער גרופּע, באַוואוסט אַלס די „קענזעס רעגולאַרס״, וואָס דער אַלטער דזשאָן בראַון מיט זיינע זין האָבן אָרגאַניזירט.

דער פּאָגראָם, וואָס די מיזורער גרענעץ־באַנדיטן האָבן אָרגאַניזירט אין דער פרייער שטאָט לאָורענס, האָט באַוואויגן דעם מיליטאַנטן אַנטי־

שקלאַפֿערישן קעמפער דזשאָן בראַון צו אָרגאַניזירן פּאַרטיזאַנישע גרופּעס, צו פֿאַרטיידיקן די אינטערעסן פֿון די, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין דער נייער טעריטאָריע און ניט צו דערלאָזן אַז דער שטאַט זאָל אַרייַנפֿאַלן אין די הענט פֿון דער שקלאַפֿערישער אָליגאַרכיע. אין די גרופּעס האָבן זיך געזאַמלט די אומצופֿרידענע און פֿאַרביטערטע קעגנער פֿון אונטערגייענדיקן שקלאַפֿן־רעזשים.

צווישן די קעמפער, וואָס האָבן זיך די ערשטע פֿאַרשריבן אין דער באַפֿרייערישער מחנה, האָבן זיך געפֿונען באַנדי און זיינע צוויי שותּפים.

סוף חודש מאַי האָבן די „גרענעץ באַנדיטן" פֿאַרברענט באַנדיס קאַבינע, אַוועקגעפֿירט זיינע פֿערד און קי און צעגראַמירט וויינערס געשעפֿט. „דאָס אַלץ, — דערציילט באַנדי, — האָט פּאַסירט פֿאַר די אויגן פֿון פֿעדעראַלע טרופּן". דעם 2טן יוני, 1856, זיינען שוין די דריי יידן געווען אַ טייל פֿון דזשאָן בראַונס מחנה, וואָס האָט דורכגעפֿירט די שלאַכט ביים טייכל „בלעק דזשעק". די שלאַכט האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט אַ זיג איבער 24 גוט־באַוואָפֿנטע גאַרגל־שניידער, וואָס האָבן אַוועקגעלייגט זייערע וואָפֿן און זיך אונטערגעגעבן, נאָכדעם ווי אַ טייל פֿון זיי זיינען אַנטלאָפֿן.

צוויי חדשים שפּעטער האָט באַנדי אָנטייל גענומען אין דער שלאַכט פֿון דעם 30טן אויגוסט, 1856, ביי אָסאָוואַטאָמי, וואָס דזשאָן בראַון מיט זיינע 45 אַנטי־שקלאַפֿערישע קעמפער האָבן געפֿירט קעגן אַן איבערוועגנדיקער מחנה פֿון די מיזורער גרענעץ־באַנדיטן.

7. דער „פֿונדאַמענט פֿון אַ פֿרייער רעפּובליק"

דער קאָנטאַקט מיט דעם אַלטן צאָרנדיקן אַבאָליציאָניסט בראַון האָט אין באַנדין אַרויסגערופֿן דעם טיפֿסטן אינטערעס צו דער סאָציאַלער פּראָבלעם פֿון שקלאַפֿעריי, און מיט דעם גאַנצן ברען פֿון זיין דראַנג פֿאַר פֿרייהייט האָט ער זיך איינגעלעבט אין דער נייער פֿאַר אים ספֿערע פֿון די ערשטע פֿאַר־שלאַכטן קעגן שקלאַפֿעריי.

פֿאַר דעם יונגן יידישן רעבעל איז דער שפּרונג פֿון די ווינער באַריקאַדן צו די סטעפּעס פֿון דער „בלוטנדיקער קענזעס" און שפּעטער — צו די שלאַכטפֿעלדער פֿון בירגער־קריג, געווען פּונקט אַזוי גרינג ווי אויפֿריכטיק.

מיט יאָרן שפּעטער האָט באַנדי געשריבן אין זיין אויטאָביאָגראַפֿיע זיינע דעראינערונגען וועגן יענע שלאַכטן: „איך באַשרייב די צייט אין קענזעס, וואָס האָט אויסגעפּראַוועט די נשמות פֿון מענטשן, האָט אַרויס־

געפירט אַזאַ העלד ווי דזשאָן בראַון און אים געגעבן די שליטה איבער לעבן און טויט".

„דרום קענזעס האָט געקוקט אויף דזשאָן בראַון, ווי אויף אַ שליח פון גאָט און אַן אינסטרומענט פון זיין נקמה. די אינסטיטוציע פון שקלאַפעריי האָט בראַון באַטראַכט ווי דעם גרעסטן שטרויכל־שטיין אויפן וועג פון מענטשלעכער ציוויליזאַציע".

דער ערשטער הערצאַישער אויפברויז פון באַנדיס יוגנט־חלום אויף די באַריקאַדן אין וויך, האָט איצט, אין די סטעפּעס פון קענזעס, באַקומען אַ קאָנקרעטן אויסדרוק. ער האָט דערזען אין בראַונס קאַמף די פאַר־ווירקלעכונג פון זיינע רעוואָלוציאָנערישע יוגנט־חלומות וועגן אַ פרייער רעפּובליק.

„...מיר זיינען געווען פאַראייניקט אין אַ ברידערלעכן בונד דורך ליבע, דרך־ארץ און איבערגעבנקייט צו אַ מאַן, וועלכער האָט מיט ווייכע רייד און קלוגע עצות צוגעגרייט אַ הייפל יונגעלייט אין די טיפענישן פון מדבר, ביים אָטאַוואַ־טייכל („אָטאַוואַ־קריק") צו לייגן אַ פונדאַמענט פאַר אַ פרייער רעפּובליק. ער האָט אַלעמאָל געפּריידיקט קעגן שקלאַפן־צוואַנג. ער האָט אין אונדז אַריינגעהאַמערט דעם פּרינציפּ, אַז מיר זאָלן קיין מאָל ניט אנערקענען קיין עקזיסטירנדיקע געזעצן און אינסטיטוציעס, איבער אונדזער געוויסן און אונדזער שכל זאָגן אונדז, אַז די דאָזיקע געזעצן און אינסטיטוציעס זיינען קעגן מענטשלעכע רעכט".

זיינע קאַמפן אין דער פרייהייטס־אַרמיי פון דזשאָן בראַון האָט דער יונגער באַנדי באַטראַכט ווי היסטאָרישע אַנטשיידונגען אין דעם געראַנגל קעגן שקלאַפעריי.

אַ שלאַכט פון די פרייהייטס־קעמפער מיט די מיזורישע גרענעץ־באַנדיטן, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ זיג פאַר די אַנטי־שקלאַפע־רישע כוחות, איז געווען די באַרימטע שלאַכט פון „בלעק־דזשעק". אין באַנדיס אויגן איז די דאָזיקע שלאַכט געווען ניט ווייניקער היסטאָריש, ווי לינקאָלנס באַרימטע שלאַכט פון געטיסבורג.

„דער דערפאָלג פון די פריי־ערדישע קרעפטן אין 'בלעק דזשעק' — שרייבט באַנדי, — האָט באַוויזן די גרויסע ענערגיע פון אַלע מענטשן, וועלכע האָבן געשטרעבט, אַז קענזעס זאָל זיין פריי". נאָך „בלעק דזשעק" האָבן שוין די פּראָ־שקלאַפערישע גרענעץ־באַנדיטן ניט געמאַכט קיין פאַרזוך אונדז צו באַגעגענען אויפן אָפענעם שלאַכטפעלד.

„...בלעק דזשעק איז געווען די געטיסבורג פון קענזעס. גאָט איז דאָרט געווען, דזשאָן בראַון איז דאָרט געווען און דער ייד איז דאָרט געווען אינאיינעם מיט דזשאָן בראַון..."

און אַט גייט אַן אויספירלעכע באַשרייבונג פון דער שלאַכט, וואָס באַנדי שילדערט אין זיין אייגנאַרטיקן יידיש־דייטשמערישן סטיל.

„...ווען מיר האָבן נאָכגעפאָלגט קאַפּיטאַן בראַון אַרויף צו, צום לאַגער פון די גרענעץ־אַנפאַלער אין „בלעק־דזשעק”, איך נאָך בראַונען, און הינטער אונדז — ווײנער, זיינען מיר געגאַנגען מיט איינגעבויגענע רוקנס, כמעט געקראָכן, כדי דאָס הויכע פּאַרטריקנטע גראָז זאָל אונדז כאָטש אַביסל פאַרשטעלן פון די פלינקע שיסער פון די „גרענעץ־אי־בערפאַלער”, אָבער די קוילן האָבן געהאַלטן אין איין פייפן. ווײנער איז אַלט געווען 57 יאָר און האָט געוואויגן 250 פונט. ער האָט געסאָפּעט ווי אַ דאַמף־שיף, קריכנדיק הינטער מיר. איך האָב זיך צו אים אָנגערופן: „נו, וואָס מיינען זי יעצט?” און ער האָט געענטפערט: „וואָס זאָל איך מיינען? סוף אָדם למות” (דער סוף פון אַ מענטשן איז — טויט).

„ניט קוקנדיק אויפן קוילן־געפּיף, האָב איך געלאַכט, ווען ער האָט געזאָגט: „מאַכן וויר דעם אַלטן מאַן זאָנסט ברוגז” (לאָמיר ניט אַריינ־ברענגען דעם אַלטן מאַן אין צאָרן), און אַזוי האָבן מיר אָפּגעטאָן דאָס ריכטיקע שטיקל אַרבעט...”

קענזעס איז געראַטעוועט געוואָרן פון שקלאַפעריי. אין יאָר 1857 האָט די שטאַט טאָפּיקאַ אָנגענומען אַ קאָנסטיטוציע, וואָס האָט פאַר־וואַנדלט קענזעס אין אַ פרייען שטאַט. באַנדיס אַנטי־שקלאַפערישע אַקטי־וויטעט האָט זיך אָבער ניט פאַרענדיקט.

אין יאָר 1860 האָט באַנדי געהייראַט העגריעטע איינשטיין פון לואיס־וויל, קענטאַקי, און זיין הויז איז געוואָרן אַ סטאַנציע פון דער באַרימטער „אונטערערדישער באַן”, וואָס די אַבאָליציאָניסטן האָבן אָרגאַניזירט, און וואו אַנטלאָפענע נעגערס פלעגן זיך באַהאַלטן, ביז וואַנען זיי פלעגן אָנקומען אין זיכערע ערטער.

8. אַ העלד אויף די שלאַכטפעלדער

עס איז געקומען דאָס אַנטשיידנדיקע יאָר 1861. אייבערעהעם לינקאָלן איז דערוויילט געוואָרן. די שקלאַפערישע דרום־שטאַטן האָבן זיך אָפּ־געטיילט פון פאַרבאַנד און באַשאָסן דעם פעדעראַלן האָפן, פאָרט סאַמטער. דער קריג איז אויסגעבראָכן. די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען געווען אין געפאַר, האָבן געליטן איין מפּלה נאָך דער אַנדערער. עס האָט אויסגעזען, ווי די שקלאַפערישע כוחות וועלן זיגן איבער די פרייע.

אויגוסט באַנדי האָט פאַרלאָזט זיין איינגעפונדעוועטע היים, זיין פרוי און זיין איין־יאָריק טעכטערל, זיין פאַרם מיט די תבואה־פעלדער, פערד און קי, און זיך פאַרשריבן אין דער קענזעסער וואָלונטירן־קאַוואַלעריע.

זיין מוטער מאַרטאַ האָט אים דערמוטיקט. „מיין מוטער, — דער־ציילט ער, — האָט מיר געזאָגט, אַז ווי אַ ייד בין איך פאַרפליכטעט צו באַשיצן די אינסטיטוציעס וואָס גאַראַנטירן פרייהייט צו אַלע גלויבנס".

באַנדיס פרוי, הענריעטאַ, איז געווען באַזאָרגט וועגן איר מאַנס אַוועקגיין. זי האָט געטראַכט וועגן דער שווערקייט אַנצוגיין מיט דער הויז־ און פעלד־ווירטשאַפט, וואָס דער אייגנטימער פאַרלאָזט, וועגן דעם שווערן עול וואָס ער לאָזט איבער אויף אירע הענט. דעמאָלט „האָט זיך מיין מוטער אויפגעשטעלט און געזאָגט, אַז איך מוז גיין פאַרטיידיקן דאָס היימלאַנד, און זי וועט אַכטונג געבן אויף מיין ווייב און קינד. און מיין מאַמע האָט געהאַלטן איר צוזאָג די גאַנצע צייט, וואָס איך בין געווען אויפן שלאַכטפעלד".

נאָך עטלעכע חדשים אויף די שלאַכטפעלדער איז באַנדי דערהויבן געוואָרן צום ראַנג פון „ערשטן סאַרדזשענט פון דער אָפּטיילונג" (די „קאָמפּאַני קעי" פון קענזעס).

דעם זין פון די שווערע שלאַכטן האָט באַנדי געזען אין דער פאַר־ניכטונג פון שקלאַפעריי. ער האָט דעריבער באַקעמפט יעדן אָפּנויג פון דעם דאָזיקן ציל. עס האָט פּאַסירט, אַז אַ געוויסער לייטענאַנט קלעיטאָן, וואָס האָט זיך געפונען אין באַנדיס רעגימענט, האָט אומגעקערט צוריק אַן אַנטלאָפענעם שקלאַף צו זיין אייגנטימער. דאָס האָט אַרויסגערופן גרויס צאָרן און פאַרביטערונג אין די רייען פון די סאָלדאַטן און כמעט דערפירט צו אַן אויפשטאַנד. באַנדי איז געווען איינער פון די איניציאַטאָרן פון דעם בונט. די אויפרודערונג, וואָס קלעיטאָן האָט פאַראורזאַכט איז דערגאַנגען ביזן גענעראַל־שטאַב, און אויף באַנדיס פאַרלאַנג האָט דער שטאַב אויסגעזידלט דעם לייטענאַנט פאַר זיינע פּראָ־שקלאַפערישע סענ־טימענטן, און יענער האָט געמוזט פאַרזיכערן אַז ער וועט מער ניט האָבן צו טאָן מיט אַנטלאָפענע נעגערס.

אין יאָר 1863, ווען פּרעזידענט לינקאָלן האָט אַרויסגעגעבן זיין באַרימטע דעקלאַראַציע פון עמאַנציפּאַציע פון די שקלאַפן, האָט באַנדי פאַרציכנט אין זיין „טאָגבוך", אַז עס איז היסטאָרישער טאָג — „מער ניט קיין פּרעהס און מער ניט קיין קנעכט".

קעמפנדיק אינאיינעם מיט זיינע אַמעריקאַנער קאַמעראַדן אויפן שלאַכטפעלד, האָט באַנדי קיין מאָל ניט פאַרגעסן, אַז ער איז אויך אַ ייד און האָט אַרויסגעוויזן פאַראַכטונג צו די יידישע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן געזוכט צו פאַרלייקענען זייער אָפּשטאַם.

אויף די פאַרשיידענע פראָנטן פון בירגער־קריג האָבן זיך געפונען ניט ווייניק יידן, אָבער ניט אַלע האָבן זיך געוואָלט אידענטיפיצירן אַלס

יידן. אין „טאָגבוך", וואָס באַנדי האָט געפירט בעתן קריג, האָט ער פאַרצייכנט אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד וועגן זיין באַגעגעניש מיט צוויי יידישע אַסימילאַטאָרן.

„דעם 25טן אָקטאָבער, 1862, — דערציילט באַנדי, — האָב איך אויסגעפונען, אַז אין דעם פינפטן רעגימענט פון דער קענזעסער קאַוואַלעריע זיינען דאָ נאָך צוויי יידן: מאַרקוס וויטענבערג און סיימאָן וואָלף. ווען איך האָב זיך געטראָפן מיט וויטענבערגן האָב איך אים געפרעגט, צי ער איז אַ ייד. ער האָט זיך געמאַכט, אַז ער פאַרשטייט ניט מיין פראַגע. האָב איך ווידערהאָלט: ביסטו אַ ייד?

„— איך בין אַן אונגאַר, — האָט ער געענטפערט. — מיינע עלטערן וואוינען אין קענזעס, לעבן דער שטאָט לאָורענס.

„אַ פּאָר טעג שפּעטער איז וויטענבערג קראַנק געוואָרן און איז אַוועקגענומען געוואָרן אין פעלד־שפּיטאָל. דאָרט האָט זיך ביי אים אַנטוויקלט אַ פאַרגיפטונג און דעם 31טן אויגוסט איז ער געשטאָרבן אין שפּיטאָל פון מאַנד־סיטי, אַרקאַנסאָ. אַ פּאָר טעג נאָך דעם, ווי די נייעס פון זיין טויט האָט מיך דערגרייכט, האָט מיין קאַמעראַד דזשאָן עמיל מיר געבראַכט בריוו אַדרעסירט צום פאַרשטאָרבענעם און דערקלערט, אַז זיי זיינען געשריבן אין אַ שפּראַך וואָס ער קען ניט לייענען. דאָס זיינען געווען בריוו פון זיינע עלטערן געשריבן אין יידיש, אין וועלכע זיי האָבן אים אינפאָרמירט ווען עס פאַלן אויס די טעג פון ראש־השנה און יום־כיפור".

„דער צווייטער יאַהודי, סיימאָן וואָלף, וועלכער איז געווען אַ סאַרדזשענט אין קאָמפּאַני „אי", האָט אויך ניט געוואָלט צוגעבן אַז ער איז אַ ייד. איך האָב מער מיט אים ניט געהאַט צו טאָן".

באַנדי לאָזט ניט דורך קיין געלעגנהייט אַרויסצוהייבן דעם יידישן מאָמענט אין בירגער־קריג. אַזוי, צום ביישפּיל, דערציילט ער, אַז ער האָט געהאָלפן „צוויי יאַהודים (יידן) אָפּזוכן זייערע פערד, וואָס סאָלדאַטן האָבן אַוועקגעפירט, און אַז ער איז געווען דער גאַסט פון אַ יידן, ראש־השנה פון יאָר 1862".

9. אויף אַ באַריקאַדע אינאיינעם מיט נעגער־סאָלדאַטן

אין משך פון די זיבן־און־דרייסיק חדשים, וואָס אויגוסט באַנדי האָט זיך געפונען אויפן שלאַכטפעלד האָט ער זיך באַטייליקט אין די שלאַכטן פון די שטאַטן: מיזורי, אַרקאַנסאָ און מיסיסיפּי. ער האָט אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכן מוט און בראַוקייט ביים פאַרטיידיקן שלאַכט־פּאָזיציעס. מיט שטאָלץ האָט ער שפּעטער דערמאָנט די צוויי אונצעס בליי,

וואָס זיינען פאַרבליבן אין זיין קערפּער פון די קוילן, וואָס די סאָלדאַטן פון דער שקלאַפערישער אַרמיי האָבן אין אים אַריינגעשאָסן.

דעם 25טן אָקטאָבער, 1863, איז פאָרגעקומען אַ פאַרביסענע שלאַכט אין דעם שטעטל מאַנטיסעלאַ, אַרקאַנסאַ. די פעדעראַלע אַנטי־שקלאַפערישע כוחות האָבן זיך געהאַלטן אויף זייערע פּאָזיציעס. כדי זיי צו פאַרטרייבן פון די פּאָזיציעס, האָט דער שונא אָנגעצונדן די הייזער. די באַריקאַדן, אויף וועלכע באַנדי און די אַנדערע סאָלדאַטן פון זיין רעגימענט האָבן זיך געפונען, זיינען אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון די פלאַמען.

אַרום 11 אינדערפרי האָט זיך דער רעגימענט געדאַרפט צוריקציען פון אַ פּאָזיציע און זיך אויסבאַהאַלטן פון שונאס אויגן. פאַרן צוריקטריט האָט די אָפּטיילונג באַקומען אַ באַפעל אַוועקצונעמען אַרום פערציק פעסער מיט ביינוול, וואָס האָבן געדינט אַלס באַריקאַדע. די אַרבעט פון אָפּרייניקן די פעסער איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע סכנות. באַנדי דערציילט אין זיין טאָגבוך, ווי ער האָט וואָלונטירט צו טאָן די העלדישע אַרבעט.

„איך האָב אַוועקגעלייגט מיין ביקס, האָב אַראָפּגערוקט דאָס היטל איבער די אויגן און אַרויסגערופן אַרום צוואַנציק אַנטלאָפענע שקלאַפן און זיי דערקלערט, וואָס מיר דאַרפן טאָן. זיי האָבן גענומען שטריק און, אונטער מיין באַפעל „פאָראויס!", געלאָפן מיט די שטריק צו די באַריקאַדן. איבער אונדזערע קעפּ — אַ האָגל פון שונאס קוילן. זיבן נעגערס זיינען באַלד געטראָפן געוואָרן פון די קוילן. דריי זיינען געפאַלן טויט אויפן אָרט און פיר זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן און געשטאָרבן דורך דער נאַכט. די איבעריקע, איבערגעבליבענע מיט מיר ביי די באַריקאַדן, האָבן צוגעבונדן די שטריק צו די פעסער, זיי געשלעפּט מיטן גאַנצן כוח און נאָך דעם זיי אונטערגעצונדן, כדי דער רויך זאָל אונדז פאַרשטעלן פאַרן שונא. מער האָבן מיר ניט פאַרלאָרן קיין איין מענטשן. מיר האָבן געראַטעוועט די שלאַכט־פּאָזיציע".

10. נאָכן בירגער־קריג

נאָך דריי יאָר דינסט אין בירגער־קריג, האָט זיך אויגוסט באַנדי אומגעקערט ווי אַ העלד אַהיים. ער האָט זיך באַזעצט צום ערשטן אין לעווענוואָרט, קענזעס, וואו ער האָט געעפנט אַ שפּייז־געשעפט. מיט צען יאָר שפּעטער, ווען דער העלדישער גענעראַל פון בירגער־קריג, אוליסעס גראַנט איז דערוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן, האָט זיך באַנדי באַזעצט אין דעם שטעטל סאַליינאַ,

צפון־מערב פון קענזעס, און איז באַשטימט געוואָרן אַלס פּאָסטמייסטער. ער האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט פאַרמערייַ, מיט „ריעל־עסטייט" און האָט שטודירט יוריספּרודענץ.

אָנהייב פון די אַכציקער יאָרן האָט באַנדי גראַדואירט אַלס אַדוואָקאַט און איז דערוויילט געוואָרן אַלס ריכטער פון זיין „קאַונטי" (געגנט).

יאָרן לאַנג איז ער געווען טעטיק אין דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי. אויף זיינע עלטערע יאָרן, ווען די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי איז געוואָרן די פּאַרטיי פון מאָנאָפּאָל־אינטערעסן, האָט באַנדי פאַרלאָזן די פּאַרטיי, וואָס איז מיט יאָרן צוריק, אין 1854, געבוירן געוואָרן אין קאַמף קעגן שקלאַפעריי. ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וועלכע האָט אים איצט אויסגעזען צו זיין טרייער און נאָענטער צו די פרייהייטס־פּרינציפּן, פאַר וועלכע ער האָט געקעמפט אין קענזעס און אין בירגער־קריג.

אין יאָר 1898 האָט באַנדי אונטערגענומען אַ רייזע קיין אייראָפּע. ער האָט געוואָלט אָנקוקן די אַלטע וועלט, זען מיט זיינע אייגענע אויגן יענע אייראָפּע, פאַר וועלכער ער האָט אין זיינע גאַר יונגע יאָרן געקעמפט, כדי צו העלפן זי באַפרייען פון דעספּאָטישן יאָך פון די מאָנאַרכן און רעאַק־ציאָנערע רעזשימען. די רייזע איז פאַר אים געווען אַ גרויסע איבער־לעבונג. ער האָט פאַרצייכנט אין זיין טאָגבוך אַלע ערטער, אַלע גע־שעענישן און די פּערזאָנען, וואָס ער האָט באַגעגנט.

אויף אַ רירנדיקן אופן האָט באַנדי באַשריבן די אויפנאַמע, וואָס זיינע יוגנט־חברים, די געוועזענע סטודענטן פון „אַקאַדעמישן לעגיאָן" אין ווין, האָבן אים געגעבן. אָבער דעם שטאַרקסטן איינדרוק פון אַלע שטעט, וואָס ער האָט געזען אין אייראָפּע, האָט אויף אים געמאַכט פּראָג. יעדער קער און ווענד אין דער שטאָט האָט אים דערמאָנט אין זיינע עלטערן און אַרויסגערופן אין אים ליבע און דרך־ארץ צו דער געשיכטע פון זיין שטאַם.

באַנדי האָט אויף זיין רייזע אין אייראָפּע אויך ניט פאַרמאַכט די אויגן צו די קאָנטראַסטן פון אָרעם און רייך אין אייראָפּע, צו דעם דייטשישן מיליטאַריזם און שאָוויניזם. זיינע באַאָבאַכטונגען אין אייראָפּע האָבן אים געפירט צו דעם געדאַנק, אַז עס איז נויטיק אַ נייער קאַמף פאַר פרייהייט אין אייראָפּע און אין דער וועלט, אַ קאַמף, וואָס זאָל זיין באַזירט אויפן פונדאַמענט פון סאָציאַלן יושר.

אין זיין טאָגבוך פון דער רייזע אין אייראָפּע האָט באַנדי אָנגעוויזן, אַז ער איז שטאָלץ, וואָס ער געהערט צו דער אָרגאַניזאַציע פון די

„פריי־מויערער" (מאַסאָנען), וועלכע זיינען אַמאָל געגרינדעט געוואָרן אויף די פּרינציפּן פון פרייהייט און גערעכטיקייט און „זיינען אינטערנאַציאָנאַל אין זייער כאַראַקטער און פאַרנעם, אָן אונטערשייד פון ראַסע, קאָליר און רעליגיע".

11. די „אויטאָביאָגראַפיע" — אַ היסטאָרישער דאָקומענט

אויגוסט באָנדי האָט איבערגעלאָזן אַ גרויסן היסטאָרישן דאָקומענט — זיין אויטאָביאָגראַפיע. דאָס איז אַן אויספירלעכער טאָגבוך, וואו ער דערציילט וועגן זיינע יוגנט־יאָרן אין ווין, אין די דרום־שטאַטן פון


AUGUST BONDI,
Attorney-at-Law,
REAL ESTATE AND ABSTRACTS.
BOX 147.
KANSAS STATE HISTORICAL SOCIETY.
39459
SALINA, KANSAS, Dec 22 190[illegible]
Hon. G. W. Martin
Secy
Topeka Ks
Dear Sir:
Inclosed please find photo of my membership card of the Vienna academic legion of 1848. The original is one of the only two, who ~~have~~ yet existing near 10.000; see footnotes [illegible] Vol. 8 hist. soc. records
To meet the many request for copies from Europe I had 10 made and [illegible] one [illegible] to be found in the archives of the Soc. With best wishes of the season
Very truly
August Bondi

פאַקסימיליע פון אויגוסט באָנדיס אַ בריוו

אַמעריקע, וועגן זיינע קאַמפן אין „בלוטנדיקן קענזעס" און אויף די שלאַכטפעלדער פון בירגער־קריג.

דורך די בלעטער אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אַ שרייבער־היסטאָריקער, וואָס שרייבט אָט מיט דיכטערישער אומרו און אָט מיט דער גע־

לאַסנקייט פון אַ כראָניקער. געשריבן איז דאָס ווערק אין ענגליש, דורכ־געזאָפּט מיט יידיש־דייטשישע העברעאיזמען.

ער האָט אָנגעהויבן שרייבן די אויטאָביאָגראַפיע אין יאָר 1903 און זי פאַרענדיקט אין 1905, ווען ער איז אַלט געוואָרן 71 יאָר.

אינעם אַריינפיר צו דער אויטאָביאָגראַפיע מאַכט באָנדי פאָלגנדיקע דערקלערונג, וואָס קען דינען אַלס קרעדאָ פון זיין לעבן:

„ווען איך פאַרטראַכט זיך וועגן מיין לעבן פון נאָענט צו זיבעציק יאָר, קומען אַרויף פאָלגנדיקע געדאַנקען: איך אָנערקען, אַז ניט אַלעמאָל האָב איך געהאַנדלט קלוג; איך האָב פאַרפעלט אויסצונוצן די שטראָ־מען, וואָס וואָלטן מיך געקענט טראָגן פאָראויס צו די כוואַליעס פון גליק; איך האָב אָפט געמאַכט גרויסע טעותן.

„דאָך בין איך שטאָלץ אין מיין באַוואוסטזיין, אַז איך האָב קיין מאָל ניט דערלאָזט קיין זאַך זאָל מיך אַראָפּפירן פון וועג, וועלכן איך האָב אָנגעצייכנט פאַר זיך. דאָס איז געווען אַ וועג פון מאָראַלישער אחריות און פאָליטישער פליכט.



אויגוסט באָנדי, אין 1895.

„נאָך אַלס קינד האָב איך באַשלאָסן צו ווידמען מיין לעבן דער זאַך פון פּראָגרעס און פרייהייט. דער דאָזיקער באַשלוס איז ביי מיר ניט צעטרייסלט געוואָרן אין פאַרלויף פון מיין לאַנגיאָריק לעבן, אַ לעבן, וואָס איז רייך מיט שטורמישע פּאַסירונגען. איך בין פאַרבליבן טריי יענע פּרינציפּן, וועלכע איך האָב געשוואָרן אָפּצוהיטן אין די שטורמישע טעג פון דער 1848־רעוואָלוציע.

„איך בין געבוירן געוואָרן דעם 21טן יולי, 1833, אין ווין, עסטרייך. מיין יידישער נאָמען איז אַנשל. איך האָב געעפנט מיינע אויגן אויף דער וועלט קורץ נאָך די פראַנצויזישע און פּוילישע רעוואָלוציעס פון 1830. עס איז געווען אַ צייט פון רעאַקציע. אין יענער צייט, פּונקט ווי מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק אין דער צייט פון פּויפּסטלעכע אינ־קוויזיציעס, זיינען געמאַכט געוואָרן פאַרזוכן צו פריידיקן און דורך געזעץ איינפירן דעספּאָטיזם.

„איך האָב, זייענדיק נאָך יונג, באַנומען יענעם גרויסן אמת, וואָס דער גלאָררייכער מאַרטירער פון דער פּויפּסטלעכער אינקוויזיציע*) האָט אַרויסגעזאָגט: „די ערד דרייט זיך פאָרט!"

„עס איז נאָך ניט דערפונדן געוואָרן קיין געזעץ, וואָס קאָן אָפּהאַלטן אַ מענטשן פון דענקען און קעמפן פאַר זיינע גאָט־געגעבענע רעכט אין פּאָליטיק, אין רעליגיע און אין דער וויסנשאַפט".

און אָט ווי אויגוסט באָנדי פאַרענדיקט די אויטאָביאָגראַפיע:

„איך האָב ניט די מינדסטע חרטה אויף קיין איינצלנעם שריט אין מיין לאַנג לעבן, וואָס האָט געהאָלפן פאַרווירקלעכן מיינע איבערגעבנסטע וואונטשן און אַספּיראַציעס, אַז טיראַניע און דעספּאָטיזם זאָלן פאַר־ניכטעט ווערן, אַז ענגהאַרציקייט און פאַנאַטיזם זאָלן אָפּגעווישט ווערן פון דער ערד..."

אויגוסט באָנדי איז געשטאָרבן דעם 30טן סעפּטעמבער, 1907, אין סעינט־לואיס, פון אַ האַרץ־שלאַג. ער האָט איבערגעלאָזן צען קינדער — צוויי זין און אַכט טעכטער.

ביז גאָר אינטערעסאַנט איז באָנדיס צוואה, אין וועלכער ער זאָגט אָן זיינע קינדער, זיי זאָלן בלייבן געטריי זיינע פּרינציפּן; מען זאָל איבערגעבן זיינע מאַנוסקריפּטן צו דער היסטאָרישער געזעלשאַפט און מען זאָל אים באַגראָבן אין אַ הילצערנעם אָרון, וואָס זאָל ניט קאָסטן מער ווי צען דאָלער.

באָנדיס לעבנס־ווערק איז אַ גרויס בלאַט אַמעריקאַנער־יידישע גע־

*) דזשיאָרדאַנאָ ברונאָ.

שיכטע. דאָס זיינען קאַפּיטלען פול מיט פּאַטאָס פאַר יושר און פרייהייט, וואָס זיינען אַן אייגנאַרטיקער צושטייער צו דער כלל־ביאָגראַפיע פון אַמעריקאַנער־יידישע פרייהייטס־קעמפער.

ווער ווייסט אויף וועלכע וועגן און מיט וועלכע רעזולטאַטן די וויזיע און די ענערגיע פון דעם צווייג פון אַ יחוסדיקער יידישער משפחה אין אַלטן יידישן פּראָג, וואָס האָט געטראָגן אין זיך דעם חלום פון פרייהייט און דערלייזונג, קאָנען נאָך אַמאָל ווירקן אויף די שיקזאַלן פון יידן אין אַמעריקע.

פונקט ווי דזשאָן בראַונס „דורכפאַל”, זיין העלדישער מאַרטירער־טויט, איז ניט געווען אומזיסט, ווייל עס האָט ענדלעך דערפירט צו דער פאַרניכטונג פון לייב־שקלאַפעריי, אַזוי איז ניט אומזיסט קיין שום דער־הויבענער חלום וועגן דער אויסלייזונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.



אויגוסט באָנדי, אויף די עלטערע יאָרן.

דוד איינהאָרן

זיין קאַמף קעגן שקלאַפעריי און פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג פון נעגער־פאָלק אין אַמעריקע

ערשטער קאַפיטל

איינהאָרן — דער ראַדיקאַלער רעפאָרמער

די יידישע קעמפער קעגן שקלאַפעריי זיינען געקומען פון פאַר־שיידענע סביבות און גייסטיקע קלימאַטן, און האָבן איינער דעם צווייטן כמעט ניט געקענט. אָבער גראָד פאַר זיי איז וואונדערלעך דער געמיינזאַמער וועג אויף וועלכן זיי זיינען געגאַנגען, זיך ראַנגלענדיק מיט זיך אַליין און מיט זייער דור.

עס איז ממש סימבאָליש, וואָס כמעט אַלע גייסטיקע שטרעמונגען אין אַמעריקאַנער יידנטום פון 19טן יאָרהונדערט זיינען געווען פאַרטראָטן אין דעם הייפל פיאָנערן פון דער יידישער אַנטי־שקלאַפערישער באַוועגונג. רעליגיעזע און ניט־רעליגיעזע עלעמענטן האָבן זיך באַגעגנט און איינער דעם צווייטן געשטאַרקט אין אַנזיכט פון דעם ביטול און דער שנאה פון דעם גאַנצן אַרום.

דוד איינהאָרן, אַ גײַסטיק־פעסטע ראַדיקאַלע פערזענלעכקייט, איינער פון די ערשטע פריידיקער פון ראַדיקאַל־רעליגיעזער רעפאָרם, איז כמעט איינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר. אָבער אַז מען לייענט איצט זיינע שריפטן, זעט מען פאַר זיך אַ מענטש, וואָס איז פאַר זיין דור געווען אַן אמתער ליכט־טורעם.

איינהאָרנס נאָמען איז ליטעראַריש פאַרבונדן מיט דער דייטשיש־יידישער חודש־שריפט „סיני" און אַ צאָל דרשות און בראָשורן קעגן

שקלאַפעריי, ווי אויך מיט אַ רעפאָרמירטן דייטשישן סידור. אין ליכט פון די דאָזיקע כתבים אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אַ דענקענדיקער זשור־נאַליסט און פּאָלעמיקער, וואָס האָט מיט קאַרגע הונדערט יאָר צוריק געפירט אַ סיסטעמאַטישן קאַמף מיט דער רעליגיעזער היעראַרכיע, מיט דער פאַרגליווערטער אָרטאָדאָקסיע און גלייכצייטיק אומדערמידלעך זיך אָפּגעגעבן מיט פּאָזיטיווער אַרבעט פאַר דער באַפרייאונג פון נעגערשן פאָלק פון שקלאַפן־צוואַנג.

דאָס איז געווען אין יענער צייט, ווען די אינסטיטוציאָנעלע רעליגיע אין אַמעריקע האָט זיך געשפּאָלטן אויף צוויי לאַגערן און ביידע האָבן

דוד איינהאָרן, אין 1852.

געפירט אַ קאַמף פאַרן נוסח פון דאַוונען, אויף העברעאיש אָדער דייטש, מיט אַן אָרגל אָדער אָן אָרגל. די דייטשישע יידישע רעפאָרמער האָבן געהאַלטן, אַז זייער קאַמף פאַר קירצן די תפילות פונעם סידור, אָדער אָפּשאַפן די ווייבערשע שול, איז אַ קאַמף פון „ליכט" קעגן „פינצטערניש". איינהאָרנס אָריגינעלקייט איז געלעגן דערין, וואָס ער האָט פאַרשטאַנען אַז דער רעפאָרם־קולט אַליין איז ניט גענוג צו „קאָנקורירן" מיט דער אָרטאָדאָקסיע. ער האָט כסדר באַטאַנט, אַז די רעפאָרם־באַוועגונג דאַרף זיך שטעלן אין דינסט פון דעם אַלגעמיינעם אַמעריקאַנער קאַמף פאַר פּאָזיטיווע, דעמאָקראַטישע סאָציאַלע ווערטן.

אין דייטשלאַנד איז איינהאָרן געווען אַן איינזאַמער קעמפער. ער האָט דאָרט געפירט אַ שטריט מיט נאָענטע און פרעמדע. ערשט אין אַמעריקע האָט ער געפונען חברים און מיטקעמפער.

1. אין אייראָפּע

דוד איינהאָרן איז געבוירן געוואָרן דעם 10טן נאָוועמבער 1809, אין דעם בייערישן דערפל דיספּעק ביי זיינע עלטערן מאיר און קאַראָלינע, פון אַן אַלטער רייכער משפחה. אַלס קינד איז ער פאַרבליבן אַ יתום אָן אַ פאָטער, און זיין מוטער האָט אים געשיקט אין דער דערבייאיקער קרייז־שטאָט פירט, אין דער אַלטער ישיבה וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פונעם פאַנאַטישן אָרטאָדאָקס וואָלף האַמבורגער. דאָרט איז דער יונגער דוד גלייך באַרימט געוואָרן אַלס „עילוי". צו 17 יאָר האָט ער באַקומען סמיכה אויף רבנות.

אין קיין אַנדער פּלאַץ איז די אָרטאָדאָקסיע ניט געווען אַזוי פאַרפעסטיקט ווי אין פירט. וואָלף האַמבורגער איז געווען קעגן אַלע וועלטלעכע לימודים. אין אַכצנטן יאָרהונדערט, ווען מאָזעס מענדעלסאָן האָט אָפּגעדרוקט זיין באַרימטן „ביאור" (אַ דייטשישע איבערזעצונג און קאָמענטאַר אויף דער ביבל) איז האַמבורגער געווען פון די ערשטע, וואָס האָט די איבערזעצונג מחרים געווען און באַפוילן עפנטלעך צו פאַרברענען דאָס ווערק. ווי איז געווען דעם ישיבה־בחור, וואָס איז געכאַפּט געוואָרן מיט אַ פרעמד־שפּראַכיק בוך אָדער אַ טריפה־פּסול (פאַרבאָטן בוך). ער האָט זיך שוין געדאַרפט געזעגענען מיט דער ישיבה און דער וועג פאַר אַ צוקונפטיקער רבנישער קאַריערע איז פאַר אים פאַרשטעלט געוואָרן.

אין 1826, דאָס יאָר וואָס דוד איינהאָרן האָט באַקומען זיין סמיכה, האָט די בייערישע רעגירונג פאַראָרדנט איינצופירן אין דער ישיבה דאָס

לערנען פון וועלטלעכע קענטענישן, אָבער האַמבורגער האָט זיך אין דער שטיל קעגנגעשטעלט און דאָס איז פּראַקטיש קיינמאָל ניט איינגעפירט געוואָרן [1].

דר. קויפמאַן־קאָלער, אַ פירער אין דער דייטשישער און אַמעריקאַנער ראַדיקאַלער רעפאָרם און דער אײדעם פון דוד איינהאָרן, פאַרצייכנט אַן אַנעקדאָט, וואָס כאַראַקטעריזירט די אָפּגעשטאַנענקייט און דעם אָבסקוראַנטיזם, וואָס האָט אין יענער צייט געהערשט אין פירט. אַ לערער פון דער ישיבה איז גערופן געוואָרן פאַרן קרייז־געריכט. ער איז אַליין ניט געקומען, נאָר האָט געשיקט זיין ווייב. אויף דער פאַראָרדנונג פונעם ריכטער, דער מאַן זאָל זיך אונטערשרייבן אויף אַ געוויסן דאָקומענט, האָט די פרוי געענטפערט: „מיין מאַן איז אַ גרויסער געלערנטער, דערפאַר קאָן ער זיך ניט אונטערשרייבן" (אין דייטש)...[2].

דער „גייסט פון דער צייט" איז אָבער אַריינגעדרונגען אין די פיר ווענט פון דער ישיבה. עס זיינען דאַן געווען די ערשטע טריט פון דער יידישער רעפאָרם אין בייערן, ווען גייגער פון ברעסלוי און האָלדהיים פון בערלין האָבן זיך געגרייט אָנצוהייבן זייער אָנגריף אויף דעם קאָנסערוואַטיוון לעבנס־שטייגער.

אונטער זייער איינפלוס איז איינהאָרן, נאָכן באַקומען סמיכה, אַוועקגעפאָרן שטודירן אין די אוניווערסיטעטן פון ווירצבורג, ערלאַנגען און מינכען.

ביז די דרייסיקער יאָרן פונעם 19טן יאָרהונדערט האָט אין בייערן דאָמינירט שעלינגס טעאָריע, וואָס האָט סינטעזירט די שכלדיקע און אינטעלעקטועלע מאָראַל מיט דער קריסטלעכער טעאָלאָגיע. אין מיטן די דרייסיקער יאָרן האָט שוין געהאַלטןביים אויפקומען דער העגעליאַניזם. קעניג לודוויג דער ערשטער האָט פאַרבאָטן צו שטודירן העגעלס היסטאָרישן קריטיציזם אין די אוניווערסיטעטן פון בייערן. דאָס זיינען אָבער געווען די יאָרן פון דעם גרעסטן רום פון העגעלס פילאָסאָפיע, וואָס האָט איר פאַרשפּרייטונג באַקומען זינט העגעלס טויט (1831).

דוד איינהאָרנס וועלט־אָנשויאונג הייבט זיך אָן אויספאָרמירן אין מיטן פון די דרייסיקער יאָרן, ווען דער העגעליאַניזם האָט שוין פאַרכאַפּט די ראַדיקאַל־בורזשואַזע קרייזן וואָס האָבן זיך באַפרייט פון די פעאָדאַלע איבערבלייבעכצן. איינהאָרן איז געגאַנגען פריי צו דער פילאָזאָפיע, וואָס האָט אַנטשפּראָכן דעם נייעם אידעאָלאָגישן עטאַפּ פון דער מאָדערנער יידישער בורזשואַזיע, און זיך אַנטשלאָסן אָפּצוּוואַרפן דעם גאַנצן באַלאַסט פון דער קאָנסערוואַטיווער געטאָ־ירושה.

איינהאָרן האָט אָנגענומען העגעלס דיאַלעקטישע פאַרשטעלונג פון



דוד איינהאָרן, אין 1860.

דער אַנטוויקלונג אז „דער ווידערשפּרוך פירט פּאַראויס", און דאָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו קעמפן קעגן דעם אַנטי־היסטאָרישן קאָנ־סערוואַטיזם פון דער אָרטאָדאָקסיע. מען דאַרף אָבער אונטערשטרייכן אַז אינאיינעם מיט דעם האָט ער אויך איבערגענומען העגעלס אידעאַלי־סטישע קאָנצעפּציע וועגן „אַבסאָלוטן גייסט", וואָס פון דעם האָט שוין לאָגיש געמוזט קומען די לערע וועגן דער מיסיע פון יידישן פאָלק, „וואָס איז באַרופן צו פאַרשפּרייטן די לערע פון מאָראַל צווישן אַלע פעלקער".

אין יאָר 1832 האָט ער חתונה מיט יוליאַ הענריעטאַ אָקס, אַ טאָכטער

פון אַ יידישן גביר אין קרייצענאַך, און אַזוי קומט ער אַריין אין אַ פאַמיליע־קרייז פון דער אויפגעקומענער יידישער בורזשואַזיע [3]. קודם־כל האָט דער יונגער איינהאָרן גובר געווען אין זיך די טראַדיציאָנעל־רעליגיעזע ירושה, כדי אַריינצוטרעטן אין דעם ראַדיקאַל־רעפאָרמירטן עטאַפּ אין זיין אַנטוויקלונג. און באַלד נאָך זיין צוריקקערן זיך פון אוניווערסיטעט קיין פירט, הייבן זיך אָן די פאַרפאָלגונגען מצד די פאַנאַטיקער קעגן אים. וואָלף האַמבורגער דערקלערט אים פאַר אַן אַפּיקורס און דראָט אים אַריינלייגן אין חרם.

יענע צייטן איז אַ חרם געווען ניט קיין קלייניקייט. עס האָט גע־דראָט מיט אומצאָליקע פאַרפאָלגונגען און אומגליקן פאַר יעדן אויפגע־קלערטן. אמת, די רעפאָרם איז שוין דאַן געווען גענוג שטאַרק און האָט געהאַט ביז אַ געווויסן גראַד די רעגירונגס־מאַכט אויף איר זייט. וואָלף האַמבורגערן איז אָבער געלונגען אָפּצוהאַלטן די ביירערשע קהלות פון אויפנעמען איינהאָרנען אַלס רב.

אין זייער קאַמף קעגן איינהאָרנען האָבן די אָרטאָדאָקסן אויסגענוצט אַלע מיטלען כדי צו פאַרקלענערן זיין אויטאָריטעט און אים אַרונטער־רייסן. אַזוי האָט וואָלף האַמבורגער געפּרואווט ווייזן, אַז איינהאָרן האָט אַרויסבאַקומען זיינע סמיכות אויף אַ געפעלשטן אופן [4]). צוליב די רדיפות איז איינהאָרן געבליבן אָן אַ רבנות־שטעלע גאַנצע צען יאָר, ביז 1842. פון די דרייסיקער יאָרן איז בלויז באַקאַנט זיינע אַ רעדע ביי דער דער־עפענונג פון אַ רעפאָרם־טעמפּל אין דאָרף קליינלאַוגהיים, ביי ווירצבורג [5]). אין דער רעדע איז שוין געקומען צום אויסדרוק זיין ראַדיקאַלע איינ־שטעלונג וועגן אוניווערסאַלן אינהאַלט פון דער רעפאָרם. „מיין הויז איז אַ הויז פון תפילה פאַר אַלע פעלקער".

מען דאַרף אויך צוגעבן אַז אַ געוויסן איינפלוס האָבן געהאַט אויף אים זיינע ניט־יידישע חברים, מיטציטלער, מיט וועמען ער האָט שטו־דירט אין די אוניווערסיטעטן. איינער פון זיי איז געווען דער ראַדיקאַלער פּאַסטאָר קאַרל אולענבאַך, וואָס איז נאָך אין 1835 אויסגעשלאָסן געוואָרן פון מינכענער אוניווערסיטעט פאַר זיין אַקטיוויטעט אין ליבעראַלע באַ־וועגונגען. אולענבאַך איז שפּעטער געווען טעטיק צווישן דער דייטשישער אימיגראַציע פון די „48ער" אין אַמעריקע, און מען קען זיך משער זיין, אַז דאָ האָבן זיך די צוויי נאָענטע אידייען־קאַלעגן געטראָפן.

אין 1842 ווערט איינהאָרן דער ראַבינער אין האופּטשטאָט־בירקענפעלד אין דער פּראָווינץ פון פירשט פון אָלדענבורג, וואָס איז שוין געווען מער ליבעראַל. גלייך ביים אָנהייב פון זיין אַמטירן אַלס ראַבינער הייבט איינהאָרן אָן איינצופירן ראַדיקאַלע רעפאָרמען אין זיין קהילה. ער

טראָגט אַרויס, צום ביישפּיל, אַ פּסק אַז מען מוז ניט באַגראָבן די מתים
דעם זעלבן טאָג, אַ זאַך וואָס איז אויך אַרויסגערוקט געוואָרן פון דעם
פּאָטער פון דער יידישער אויפקלערונג, מאָזעס מענדעלסאָן [6]). איינהאָרן
רוקט זיך אַרויס אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס פון דער יידישער רעפאָרם.

אַ חוץ שאַרפן אינטעלעקט האָט איינהאָרן פאַרמאָגט אַ ברויזנדיקן


Philadelphia 15. Octbr 1861

פאַקסימיליע פון דוד איינהאָרנס אַ בריוו אין 1861

טעמפעראַמענט און אַן אומגעהויערע ווילנסקראַפט. אַט דער ווילן האָט באַקומען זיין אימפעטפולן אויסדרוק אינעם רעליגיעזן ראַדיקאַליזם אויף די רעפאָרם־קאָנפערענצן און אינעם פאָליטישן קאַמף פון 1848.

אַ גרויסע ראָל האָט איינהאָרן געשפילט אויפן צווייטן רעפאָרם־צו־זאַמענפאָר, וואָס איז פאָרגעקומען אין פראַנקפורט דעם 15־18טן יולי, 1845. איינהאָרן איז דאָרט אַרויסגעטראָטן קעגן דעם דרעזדענער ראַבינער זכריה פרענקל, וואָס האָט געפאָדערט אַ מיטלוועג צווישן די רעפאָר־מער און אָרטאָדאָקסן. פרענקל האָט אַרויסגערוקט דעם געדאַנק, אַז מען דאַרף ניט אויסמישן די פאָליטישע אַקציע פון דער עמאַנציפּאַציע מיט די פראַגן פון רעליגיעזער רעפאָרם. די העברעאישע שפּראַך, — האָט ער געזאָגט, — איז אַן אינטעגראַלער טייל פון רעליגיע. העברע־איש מוז דערייבער פאַרבלייבן די הויפּט־שפּראַך פון די תפילות. איינהאָרן האָט שאַרף באַקעמפט דעם פאָרמאַליסטישן צוגאַנג פון פרענקלען, אַז העברעאיש איז אַ מוז זאַך. „דורך שלאָגן דעם שטיין פון אַ טויטער שפּראַך וועלן מיר ניט אַרויסברענגען קיין לעבעדיקע וואַסער צו שטילן דעם דאָרשט פון פאָלק"[7]), האָט ער געטענהט. איינהאָרן האָט אויך גע־פאָדערט, אַז מען זאָל די סאָציאַל־פאָליטישע פונקציע פון דער עמאַנצי־פּאַציע פאַראייניקן מיט דער קולטורעלער פונקציע פון דער רעפאָרם. ער האָט געפאָדערט מען זאָל עלימינירן פון דער יידישער רעליגיע און פונעם ריטואַל יעדן אויסדרוק פון נאַציאָנאַל־פאָליטישער אויפריכטונג אין אַלטן יהודה; דער יידישער מאָנאָטעאיזם דאַרף פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אוניווערסאַלער רעליגיע; יידנטום מוז פאַרוואַנדלט ווערן אין דער עכטער סובלימאַציע פון אמתדיקייט, יושר און שיינקייט; עס איז די מיסיע פון ישראל, אַלס טרעגער פון דעם נביאישן באַגריף, צו טראָגן די אידעע צווישן די פעלקער. „מיר שטייען אויפן באָדן פון נביאישן יידנטום, וואָס פראָקלאַמירט אַן אוניווערסאַלן גאָט און צילט צו גערעכ־טיקייט. דערפאַר דאַרפן מיר באַזייטיקן אַלע תפילות וועגן צוריקקער קיין ציון און דעם גלויבן אין אַ פערזענלעכן משיח"[8]).

עס איז אינטערעסאַנט, אַז ווען עס איז געקומען צו דער וויכטיקער פראַגע פון שבת, האָט איינהאָרן גענומען אַ סך אַ מילדערע שטעלונג, ווי אין דער פראַגע וועגן קרבנות און ציון אָדער דער אויפריכטונג פון בית־המקדש.

אויפן דריטן צוזאַמענפאָר, וואָס איז פאָרגעקומען אין ברעסלוי דעם 13־26טן יולי, 1836, האָט גייגער געפאָדערט מען זאָל מתיר מאַכן יענע אַרבעטן אום שבת וועלכע מען טוט פאַר באַקוועמלעכקייט, אָדער געזעל־זעלשאַפטלעכן נוצן. איינהאָרן האָט פאַרלאַנגט מען זאָל די פראַגע לאָזן אָפן

פאַרן געוויסן פון איינצלנעם. די מאָטיוון וועלכע האָבן אים באַוואויגן צו פאַרטיידיקן דעם שבת, האָט איינהאָרן אָנגעגעבן, זיינען דערפאַר, „ווייל דער שבת איז אַ סימבאָל פון סאָציאַלער באַפרייאונג און דערמאָנט אין דער אויסלייזונג פון עגיפּטישער שקלאַפעריי" [9].

שוין אָט די קורצע שטריכן וועגן איינהאָרנס טעטיקייטן סוף פון די דרייסיקער און אָנהייב פון די פערציקער יאָרן פונעם ניינצנטן יאָר־הונדערט, שטעלן אים פאַר ווי אַן אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט; אַ מענטש וואָס איז פון איין זייט געווען פאַרבונדן מיט די עלעמענטן פון פּראָגרעסיוו־אָנקומענדיקן ראַדיקאַל־בורזשואַזן שיכט, און פון דער צווייטער זייט באַזיצט ער גרויס וויסן און רעליגיעזע קענטעניש, וואָס גיט אים דאָס רעכט צו פאַרנעמען דעם ראַבינער־אַמט אין דער עלטערער יידישער געמיינדע פון מעקלענבורג־שווערין. אין 1847 איז ער אויפגענומען געוואָרן אַלס לאַנד־ראַבינער פון דער געמיינדע אויפן אָרט פון דר. האָלדהיים, וואָס איז אַוועק קיין בערלין.

די סאָציאַל־פּאָליטישע סביבה פון די דייטשישע מלוכות, ערב דער רעוואָלוציע פון 1848, האָט געגעבן אַ נייעם שוואונג און אינהאַלט איינהאָרנס דראַנג צו ראַדיקאַלע מעשים.

די ראַמען פון דער דאָזיקער אַרבעט דערלויבן ניט אָפּצושטעלן זיך ברייטער אויף דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטיש־רעכטלעכן מצב פון די יידן אין הערצאָגטום מעקלענבורג־שווערין, אַרום 3000 נפשות. עס איז גענוג צו זאָגן, אַז די לאַגע פון די יידן איז דאָרט געווען אַ שווערע. זיי האָבן געמוזט פירן אַן אומאויפהערלעכן קאַמף קעגן דעם אַדל, וואָס האָט ניט דערלאָזט אָנווענדן די „קאָנסטיטוציע" פון 1818 וועגן גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אַלע בירגער. די יידן האָבן געמאָנט און געפאָדערט, אָבער זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אָן אַן אייזערנער וואַנט פון דער פעאָדאַלער רעאַקציע. אין יאָר 1839 איז אונטער דער אויפזיכט פון דער רעגירונג איינגעפירט געוואָרן אַ נייע אָרגאַניזאַציע פאַר יידישע קהלות. אָט די לאַגע האָט באַוואויגן דעם רעפאָרמירטן טייל פון דער באַפעלקערונג, צו סימפּאַטיזירן מיט די רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישע כחות.

די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין מערץ 1848 האָבן געפונען אַ טיפן אָפּקלאַנג אין דער אַלגעמיינער און יידישער באַפעלקערונג און האָבן אַריינגעבראַכט אַן ענדערונג אין איינהאָרנס מצב. זיין שטרעבן צוצופּאַסן רעליגיע צו דער אַנטוויקלונג פון פרייען געדאַנק, האָט אים אַרויפגעפירט אויפן וועג פון פאַרבינדן דעם קאַמף פאַר רעליגיעזער רעפאָרם אין מעקלענבורג מיט דעם קאַמף פאַר דער דעמאָקראַטיזאַציע פון גאַנצן דייטשישן פאָלק.

אין מעקלענבורג האָט איינהאָרן געפירט אַ פאַרעקשנטן קאַמף אויף צוויי פראָנטן — מיט דער רעאַקציאָנערער מעקלענבורגער רעגירונג און מיט דער אָרטאָדאָקסיע, וואָס זי האָט גענומען אונטער איר שוץ.

דער רעאַקציאָנערער פאַרנעם פון דער רעגירונג האָט דערפירט צו פּאָליטישע שטרייטן אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט פון מעקלענבורג און געהאַט זיין אויסווירקונג אויף איינהאָרנס טעטיקייט.

איינהאָרנס איינשטעל קעגן דער אָרטאָדאָקסיע האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע אויפרעגונג אין די אָרטאָדאָקסישע רייען, וועלכע האָבן געזוכט שוץ קעגן זייער ראַבינערס ראַדיקאַליזם ביים מעקלענבורגער רעאַקציאָנערן פליגל. די רעגירונג האָט זיך אָנגענומען זייער קריוודע און גלייך אָנגעהייבן פאַרפאָלגן דעם רעפאָרמירטן וואָרטזאָגער. פאַר איינהאָרנען איז אָבער דער שטרייט געווען אָן איבערגאַנג פון טעאָרעטישער אויפקלערונג פאַר יידיש־דייטשישער דערנענטערונג צו אַ דירעקטער פּאָליטישער אַקציע פאַר דעמאָקראַטיע און גלייכבאַרעכטיקונג. „די באַפרייאונג פון אַלטע פאָראורטיילן, — האָט ער געטענהט, — דאַרף געפירט ווערן אויף דער ליניע פונעם קאַמף פאַר פרייהייט... צו דער אויסגלייכונג פון אונדזערע רעכט מיט די רעכט פון אַלע אַנדערע מענטשן... דאָס וואָס די רעגירונג פאַרגינט זיך אַריינצומישן אין רעליגיעזן לעבן, באַווייזט, אַז זי וויל האַלטן יידן אויף דער קייט, אַפילו נאָכדעם ווי די דעמאָקראַטיע האָט געזיגט קעגן דעספּאָטיזם אין אַלע אַנדערע לענדער... ס'איז נישט די זאַך פון דער רעגירונג אָנצואווייזן וואָס פאַר אַ רעפאָרם שטימט מיטן „היסטאָרישן יודאַאיזם".

דער שטרייט פון איינהאָרנען מיט דער אָרטאָדאָקסיע פון מעקלענבורג האָט געדויערט ביז 1851, ווען איינהאָרן איז געצוואונגען געוואָרן צו פאַרלאָזן זיין שטעלע און אַוועק קיין בודאַפּעסט. ער איז אויפגענומען געוואָרן אַלס ראַבינער פון דאָרטיקן רעפאָרם־טעמפּל, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פון אַ יונגן רעפאָרם־קעמפער און ראַדיקאַל איגנאַץ (יצחק) איינהאָרן. געקומען איז איינהאָרן קיין בודאַפּעסט נאָך דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע פון דעם אונגאַרישן דעמאָקראַט און פּאַטריאָט לואיס קאָשוט. איינהאָרן האָט דאָ געהאַפט פאָרצוזעצן זיין ראַדיקאַלן רעפאָרמיזם.

דער בודאַפּעסטער רעפאָרם־טעמפּל האָט אָנגעהויבן שפּילן אַ ראָל אין דער ראַדיקאַליזאַציע פון די דאָרטיקע יידן נאָך דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע. איינהאָרן און די אַנדערע רעפאָרמירטע פירער האָבן אונטערגעשטראָכן דעם יידישן אַספּעקט פון דער רעוואָלוציע און שטילערהייט געהאָפט אויפן צוריקקער פון קאָשוטן, וואָס זאָל ווידער באַנייען דעם קאַמף פאַר אונגאַרנס פרייהייט.

די אונגאַרישע יידישע אָרטאָדאָקסיע האָט גלייך געגומען אַטאַקירן דוד איינהאָרנס טעטיקייט און צוגעטראָגן דער רעגירונג אַ מסירה, אַז דוד איינהאָרן איז „נאָך אַ געפערלעכערער רעוואָלוציאָנער פון זיין פאָר־גייער, איגנאַץ איינהאָרן".

גענעראַל היינוי האָט באַפוילן אויף אייביק צו שליסן דעם טעמפל און האָט אַרויסגעגעבן אַ דערקלערונג, אַז „פון דער געמיינדע איז אַרויס דער סיגנאַל צו רעוואָלטירן"[10]. די פּראָטעסטן און בקשות פון די רעפאָר־מירטע געמיינדע־פירער האָבן, פאַרשטייט זיך, ווייניק וואָס געהאָלפן.

די פולשטענדיקע פרייהייט און גלייכהייט, וואָס יידן האָבן באַקומען פון דער רעוואָלוציע אין יאָר 1849, און — פון דער אַנדערער זייט — די קאָנטער־רעוואָלוציע פון דער רעאַקציע, מיט אירע פאַרפאָלגונגען קעגן יידן, האָבן נאָך מער איבערצייגט איינהאָרנען, ווי די אַנדערע יידישע פריי־הייטס־קעמפער, אַז דער איינציקער וועג צו פרייהייט פאַר יידן איז זיך אָנצושליסן אין ראַדיקאַלן לאַגער.

אַזאַ געלעגנהייט האָבן יידישע ראַדיקאַלן, איינהאָרן בתוכם, געהאָפט צו באַקומען מעבר לים.

נאָך דריי יאָר לעבן אונטער די נגישות פון וויסן טעראָר אין בודאַ־פעסט, וואו ער האָט געאַרבעט אויף זיין טעאָלאָגיש גרונט־ווערק: „וועגן מאָזאַאיזם", נעמט איינהאָרן אָן די איינלאַדונג פון דעם רעפאָרמירטן „הר־סיני פעראיין" פון באַלטימאָר, מערילענד, און אינאיינעם מיט די לעצטע אַקטיווע ראַדיקאַלן פונעם „פעלקער־פרילינג" און דער 48ער רע־וואָלוציע, וואָס זיינען נאָך פריער געצוואונגען געווען דורך דער וואַקסנדי־קער רעאַקציע צו פאַרלאָזן דייטשלאַנד, אימיגרירט ער קיין אַמעריקע.

2. אין באַלטימאָר — ערשטע טריט

אין סעפּטעמבער 1855 קומט איינהאָרן אָן קיין באַלטימאָר.

שוין אין זיין ערשטער דרשה אין „הר סיני"־טעמפּל האָט ער זיך געגעבן צו דערקענען, אַז ער נעמט אויף זיך ניט בלויז די אויפגאַבע פון גייסטיקן, נאָר אויך פון אַ געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן פירער פון דער באַל־טימאָרער געמיינדע. אין זיין דרשה האָט ער גערופן די יידן אָפּוואַרפן די אַלטע וועלטלאָזע פאָרמען פון קרבנות און תעניתים, אָננעמען די נביאישע פּרינציפּן פון גערעכטיקייט. „יידנטום האָט דערגרייכט אַ ווענדפּונקט, ווען אַלע פאַרגליווערטע מנהגים און טויטע צערעמאָניעס מוזן אָפּגעשאַפט ווערן, כדי צו ראַטעווען דאָס פאָלק פון מאָראַלישער דעגענעראַציע"[11].

אָט די דרשה קען פאַקטיש באַטראַכט ווערן ווי דער ערשטער רוף פון נייעם רעפאָרמירטן רב פון באַלטימאָר צו די יידן אין אַמעריקע, צום

קאַמף פאַר נייע סאָציאַלע אידעען. הגם זיין אויפפאַסונג וועגן רעליגיעזער רעפאָרם איז נאָך אין דער דרשה געווען ריין־טעאָלאָגיש, האָט זי אָבער אָפגעשפּיגלט די אינטעלעקטועלע אַטמאָספערע פון דייטשישן רעליגיעזן ראַדיקאַליזם, וואָס האָט זיך שוין דאַן באַפעסטיקט אין באַלטימאָר.

איינהאָרן האָט אָבער באַלד איינגעזען, אַז מיט טייטשן פסוקים אַליין קאָן מען ניט דורכפירן קיין ראַדיקאַלע ענדערונג אין לעבן פון די יידן. קודם כל מוז מען אָנהייבן אַ קאַמף קעגן איינגעבירגערטן קאָנסערוואַטיזם און זיין היעראַרכיע אינעם יידישן לעבן.

אין יאָר 1856, אַ קאַרגן יאָר נאָך איינהאָרנס פאַרנעמען דעם אַמט אין הר־סיני טעמפל, האָט די אָרטאָדאָקסיע, אונטער דער פירערשאַפט פון אייזיק לעסער, געמאַכט דעם ערשטן פּרואוו צו גרינדן אַ סינאָד, אָדער אַן אויבערראַט פון די רעליגיעזע געמיינדעס, כדי צו פאַראייניקן די צעוואָרפענע יידישע ישובים אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

פאַר דעם צוועק איז, לויט דער איניציאַטיוו פון אייזיק לעסערן, רע־

רעבעקאַ גראַץ

דאָקטאָר פון „אָקצידענט" אין פילאַדעלפיע און יצחק מאיר וויז, רעדאַקטאָר פון „איזראַעליט" אין סינסינעטי, פאַררופן געוואָרן דעם 17טן אָקטאָבער פון יענעם יאָר אַ רבנישע קאָנפערענץ אין קליוולאַנד, אָהייאָ, וואו ביידע לאַגערן, די קאָנסערוואַטיווע און די רעפאָרמירטע, זיינען געקומען גרייט איינצוגיין אויף פשרות אין טעאָלאָגישע פראַגן.

די באַשלוסן וואָס די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען, בעיקר דער באַשלוס, אַז „דער תלמוד איז אַ לעגאַלע און לאָגישע עקספּאָזיציע פון די ביבלישע געזעצן, און אַז אַלע ריטואַלע געזעצן מוזן פּראַקטיצירט ווערן לויטן תלמוד", האָט אַרויסגערופן דעם פּראָטעסט פון דוד איינהאָרנען. ער האָט אין די באַשלוסן, ווי בכלל אין דער פשרה צווישן לעסערס אָרטאָדאָקסיע און וויזס רעפאָרם, געזען די געפאַר פון איינשטעלן אַ רעליגיעזע היעראַרכיע, און ער האָט גלייך אַרויסגעלאָזט אַ מעמאָראַנדום, אונטערגעשריבן פון אַלע מיטגלידער פון זיין קהילה, וואָס איז געווען אַ שאַרפער פּראָטעסט קעגן דער קליוולאַנדער קאָנפערענץ.

ס'איז נייטיק זיך צו באַקענען, כאָטש אין אַלגעמיינע שטריכן, מיט דעם דעמאָלטיקן פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכן מצב פון באַלטימאָר, כדי צו פאַרשטיין, פאַרוואָס די צווייטע רעפאָרמירטע קהילה אין אַמעריקע האָט געהאַלטן פאַר פּאַסיק אויפצונעמען פאַר איר גייסטיקן פירער דוד איינהאָרנען, ניט געקוקט דערויף, וואָס עס איז איר זיכער געווען באַקאַנט די קעגנערשאַפט צו אים מצד די קאָנסערוואַטיווע עלעמענטן און אַפילו (ווי מיר וועלן שפּעטער זען) פון די מעסיקע רעפאָרמער.

וויאַזוי איז געווען די לאַגע אין מערילענד בכלל און באַלטימאָר בפרט?

דער שטאַט מערילענד איז דאַן געווען אַ פּערטל שקלאַפערישער שטאַט, אויף דער גרענעץ צווישן דרום און צפון-מזרח. מערילענד, מיט אַ באַפעלקערונג פון 687,634, האָט פאַרמאָגט 87,188 שקלאַפן אין איר דרומדיקן טייל.

אין די פופציקער יאָרן פונעם ניינצנטן יאָרהונדערט האָט זיך די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט פון דעם צפון-טייל פון מערילענד, באַזונדערס באַלטימאָר, געגעבן אַ באַדייטנדיקן רוק פאָראויס. גלייכצייטיק האָבן אָבער די רייכע טאַבאַק-פּלאַנטאַטאָרן פון דרום-טייל געהאַלטן עקאָנאָמיש אָפּהענגיק אַ טייל צפונדיקע הענדלער און פאַרמיטלער, באַזונדערס יידישע טאַבאַק-ליפעראַנטן, וועלכע האָבן זיך אַריינגעקוועטשט אין די פאַלדן פון שקלאַפערישן סיסטעם [12].

די מאָמענטן, וועלכע האָבן געשטויסן דעם פאָרגעשריטענעם טייל פון דער דייטשישער באַפעלקערונג איבערן לאַנד, און בפרט די באַלטימאָרער, צום נאַציאָנאַל-באַפרייערישן קאַמף פון די אַנטי-שקלאַפערישע

כוחות, האָבן אויך געמוזט באַווירקן די יידישע באַפעלקערונג. אין דער יידישער געמיינדע קומט אויף אַ ראַדיקאַלע אינטעליגענץ, וואָס באַטראַכט זיך ווי אַן אינטעגראַלער טייל פון די דייטש־געזעלשאַפטלעכע און קול־טורעלע קרייזן. מיטן עקאָנאָמישן אויפשטייג פון דער יידישער בורזשואַ־זיע גייט האַנט אין האַנט איר קולטורעלער אויפשטייג. די יידן לערנען די קינדער דייטש, זיינען די פלייסיקסטע לייענער פון דער דייטשישער פּרעסע און פירן, פּונקט ווי די דייטשישע ראַדיקאַלן, אַ קאַמף קעגן דער היעראַרכיע פון קאַטוילישן קלער און אָרטאָדאָקסישן לוטעראַניזם.

ווי שוין דערמאָנט, איז איינהאָרן, גלייך נאָך זיין אָנקומען קיין באַל־טימאָר, אַרויסגעטראָטן קעגן דעם פּרואוו צו גרינדן אַ נאַציאָנאַלן ראַט פאַר דער יידישער רעליגיעזער געמיינדע. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די אָרטאָדאָקסיע און דער רעכטער לאַגער פון רעפאָרם זיינען אים ניט געבליבן שולדיק קיין ענטפער. באַלד האָט זיך אַנטוויקלט אַ הייסער שטרייט צווישן יצחק מאיר וויז און דוד איינהאָרן, וואָס האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אין דער אַלגעמיינער דייטשישער פּרעסע [13].

מיט אומצאָליקע עקאָנאָמישע און קולטורעלע פעדים איז די יידישע אינטעליגענץ, דאָס סוחרטום און אויך די יידישע אָרעמע באַלמעלאָכעס, וועלכע האָבן געהערט צו איינהאָרנס קהלה, געווען פאַרבונדן מיט דער דייטשישער באַפעלקערונג, וואָס איז ס'רוב געווען ראַדיקאַל־רעפּובליקאַ־ניש געשטימט. דאָס האָט גורם געווען, אַז אַ גרויסער טייל פון דער יידישער בורזשואַזיע און מיטלבירגערטום, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט די דייטשישע עמאַנציפּאַציע־שטרעבונגען און אויפשטאַנד־טראַדי־ציעס, זאָל זיך אָנשליסן אין דער אַבאָליציאָניסטישער באַוועגונג.

די יידישע בורזשואַזיע האָט ניכטער דערשאַצט די רעפּובליקאַנישע שטימונג פון אַמעריקאַנער פאָלק און די מעגלעכע פּאָליטישע ענדערונ־גען, און איז טיילווייז אפילו באַאיינפלוסט געוואָרן פון זיי. דערביי דאַרף מען אונטערשטרייכן, אַז די לאַנגזאַמע קאַפּיטאַליסטיש־עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון באַלטימאָר האָט געהאַט איר אויסווירקונג אויף די אינערלעכע באַציאונגען פון דער יידישער סביבה. די רייכע טאַבאַק־הענדלער, וועלכע האָבן געהערט צו דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, און צווישן וועלכע עס האָבן זיך אויך געפונען דייטשן און יידן, האָבן אַרויסגעוויזן אָפענע אַנטיפּאַטיע צו דעם ראַדיקאַליזם פון די „48ער", — בשעת די אָרעמערע דייטשישע מיטלבירגער, פּאַכלייט און אַרבעטער, ווי אויך די ניי־אָנגעקומענע אינטעלעקטואַלן, זיינען געווען רעפּובליקאַניש און אַבאָליציאָניסטיש געשטימט. איינהאָרנס טעטיקייט אין דער דעמאָ־קראַטישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד און אונגאַרן האָט אים לאָגישערווייז

פאַרבונדן מיט די „48ער” אין באַלטימאָר. אין דעם פעריאָד פון בירגער־קריג איז ער אַמנאָענטסטן געשטאַנען צו דער דייטשישער ראַדיקאַלער עמיגראַציע.

אַ סאָציאָלאָגישע באַשרייבונג פון דער דייטשישער באַפעלקערונג אין באַלטימאָר גיט דער היסטאָריקער, דיעטער קונץ. לויט אים טיילט זיך די דאָזיקע באַפעלקערונג איין אין צוויי קאַטעגאָריעס:

1) אויף טאַבאַק און בוימוואָל־הענדלער, וועלכע וואוינען אין די דערפער. זיי געהערן צו דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און שפּעקולירן מיטן לאָזונג פון נאַציאָנאַלער איינהייט און גאַנצקייט פון פאַרבאַנד פון די פאַראייניקטע שטאַטן, און אויף אַזאַ אופן שטרעבן זיי צו אַ שלום צווישן די פּריצים פון דרום און אינדוסטריעלער פון צפון. צווישן די דאָזיקע שלום־זוכער געפינען מיר אויך די עלטערע דייטשיש־יידישע איינוואוינער פון באַלטימאָר, פון די דרייסיקער און פערציקער יאָרן, — ווי דער טאַבאַק־הענדלער ס. דעלעוויע, דער פּרעזידענט פון „הר־סיני” טעמפּל, וועלכער האָט שפּעטער געוואָלט צווינגען איינהאָרנען זיך אָפּ־צוזאָגן פון זיין אַבאָליציאָניזם.

2) די ניי־אָנגעקומענע אינטעלעקטואַלן, „פליכטלינגע פון דער רע־וואָלוציע”, און די פּאַראָרעמטע סאָציאַלע שיכטן פון דער עמיגראַציע, אַרבעטער און באַלמעלאָכעס, האָבן געהאַט מער געמיינזאַמעס מיטן נייעם בורזשואַזן קלאַס ווי מיט די האַלב־פעאָדאַלע דאָרפישע פּלאַנטאַטאָרן פון דרום־מערילענד און זייערע פאַרבינדעטע אין באַלטימאָר. זיי האָבן עקשנותדיק געקעמפט פאַר דער פאַרניכטונג פון שקלאַפעריי און האָבן זייער אַלטן אידעאַל פון דער רעוואָלוציע פאַרבונדן מיטן רעפּובליקאַ־ניזם און אַבאָליציאָניזם.

צווישן די דאָזיקע דייטשיש־יידישע רעפּובליקאַנער זיינען טעטיק די גרינדער פון „הר־סיני”־פאַראיין — דער באַנקיר וו. ס. ריינער, די אייגנטימער פון גרויסע „דעפּאַרטמענט”־געשעפטן הוצלער, האָכשילד, קאָן, גוטמאַן און האַמבורגער, איינהאָרנס יוגנט־פריינט פון מעקלענבורג־שווערין, ר. אָפּענהיים און איינער פון די מיטגלידער פון לינקאָלנס דריי־טער פּאַרטיי, לעאָפּאָלד בלומענבערג, וועלכער האָט שפּעטער געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין פּאָליטישן און מיליטערישן קאַמף קעגן שקלאַפעריי און אין די שלאַכטן פון „אנטיאנטאם”, אַ דעצידירנדיקע שלאַכט־פּאָזיציע פון בירגער־קריג.

3. דער „וועקער” און דער „סיני”

די שטרעבונג צו סאָציאַלער באַפרייאונג, וואָס האָט אין די פופציקער יאָרן פונעם ניינצנטן יאָרהונדערט דורכגעדרונגען די דייטשישע אימי־

גראַציע, וועלכע האָט אָנטייל גענומען אין דער אַנטי־שקלאַפערישער באַוועגונג, האָט אין יענעם פעריאָד געפונען אַן אויסדרוק אין ראַדיקאַל־רעליגיעזע ריכטונגען, וואָס זיינען דערגאַנגען ביז צום דעאיזם און אַטעאיסטישע שטרעמונגען. אין באַלטימאָר געפינען מיר צווישן די טעטי־קע דייטשישע אַבאָליציאָניסטן אַזאַ ליבעראַל־טעאָלאָג ווי פּאַסטאָר היינריך שייב, פירער פון דער „ציון"־געמיינדע, אינאיינעם מיט די דייטשישע „48ער" ווילהעלם ראַפּ און דער קאָמוניסט אויגוסט בעקער, וואָס איז פאַרמשפט געוואָרן אויפן קעלנער קאָמוניסטן־פּראָצעס און איז געווען אַ מיטגליד, אינאיינעם מיט דוד איינהאָרן, אין דייטשישן טורנער־פאַראיין — דער אַקטיוווסטער פון אַלע טורנער פאַראיינען אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

היינריך שייב, וואָס איז באַקעמפט געוואָרן פון דער לוטעראַנישער קירך פאַר זיין ראַדיקאַליזם און פריי־דענקעריי, האָט געוואונען די סימ־פּאַטיע פון די אַטעאיסטישע „טורנער", וואָס האָבן באַקעמפט די לוטעראַ־נישע קירך און האָבן באַצייכנט שייבן ווי אַ „ראַציאָנאַליסטישן פּאגאַן" (געצנדינער). אין דער דייטשישער שולע, וואָס שייב האָט געגרינדעט אין די פופציקער יאָרן, האָבן געלערנט די קינדער פון די מיטגלידער פון „הר־סיני" טעמפּל. אין ראַדיקאַלן פליגל פון דער יידישער רעפאָרמאַציע, וואָס איינהאָרן האָט געגרינדעט אין יאָר 1856, געפינען מיר די עלעמענטן פון אַלגעמיינע דייטשישע רעליגיעז־ראַדיקאַלע שטרעמונגען.

פאַר די דאָזיקע ראַדיקאַלע סעקטעס איז כאַראַקטעריסטיש קודם כל דער פּרינציפּיעלער הומאַניזם און ראַציאָנאַליזם, דער דראַנג זיך צו אידעג־טיפיצירן מיט די פון רעכט באַרויבטע ראַסן, ווי דער ווילן צו פאַרבע־סערן די סאָציאַלע לאַגע פון אויפצובויען דאָס לעבן אויף די יסודות פון יושר און גלייכהייט. די דאָזיקע ענלעכקייט איז ניט קיין רעזולטאַט פון צו־פעליקע איינפלוסן פון ראַדיקאַלע טעאָריעס אויף דער רעליגיעז־ראַדיקאַ־לער שיטה פון איינהאָרנען. זי איז אַ באַוויז, אַז אין דער יידישער רע־פאָרם האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די זעלבע שטרעבונג צו סאָציאַלער באַ־פרייאונג, מיט וועלכער עס זיינען דורכגעדרונגען די אַלגעמיין־דייטשישע מיליטאַנטישע רעליגיעזע און סעקולאַרע שטרעמונגען.

מען קען זיך משער זיין, אַז איינהאָרנס פּאָליטישע איבערצייגונגען זיי־נען צייטיק געוואָרן אונטער דער השפעה פון דער גרעזעלשאַפטלעכער סביבה פון באַלטימאָר. ווען ער איז אין יאָר 1855 געקומען קיין באַלטי־מאָר האָבן שוין דאָרט געלעבט און געווירקט, ווי שוין דערמאָנט, אַ גאַלעריי „48ער", וועלכע האָבן זיך געשטעלט אויף דער פּלאַטפאָרמע פון אַבאָליציאָניזם. עס זיינען אין באַלטימאָר דערשינען עטלעכע דייטשישע צייטונגען. די „טורן־צייטונג" און דער „וועקער", וואָס איז געווען די

קאָנסעקוועטנסטע און אומקאָנדיציאָנעלסטע צייטונג אין דער גאַנצער דייַ־טשישער פּרעסע, קעגן שקלאַפעריי.

די רעדאַקטאָרן פון „וועקער", אויגוסט בעקער און ווילהעלם ראַפּ, האָבן פון אָנהייב אָן געזען אין דעם קאַמף קעגן שקלאַפעריי און פאַר נעגער־רעכט אַ פאַרזעצונג פון זייער קאַמף אויף די באַריקאַדן פון די 48ער יאָרן[4]. אין קאַמף קעגן „נעיטיוויזם" *), האָט דער „וועקער" פאַרגליכן די לאַגע פון די דייטשן אין אַמעריקע מיט דעם מצב פון די יידן אין אייראָפּע. לעגאַל האָבן זיי די זעלבע רעכט, אָבער אין דער אמתן הערשט קעגן זיי אומעטום פאָראורטייל.

אין אַ לייט־אַרטיקל אין דער „טורן־צייטונג", אין יאָר 1853, האָט ווילהעלם ראַפּ פאָרמולירט די פּלאַטפאָרם און די צילן פון דער טורנער־באַוועגונג: קאַמף פאַר פּאָליטישער און סאָציאַל־רעליגיעזער רעפאָרם. „די הייזער און די צימערן פון דער טורן־באַוועגונג זיינען אָפן פאַר די פריינט פון פּראָגרעס און שונאים פון פּריווילעגיעס, פון קלעריקאַלן דעספּאָטיזם און פּאָליטישער קאָרופּציע". ווייטער איז די פּראָגראַם אַזוי ברייט, אַז זי נעמט אַריין קאָמוניסטן, אַטעאיסטן, פּאַנטעאיסטן, מעסיקע רעפאָרמער א. אז. וו., אָן אונטערשייד פון ראַסע, קאָליר, נאַציאָנאַליטעט.

גאָר וויכטיק אין דער פּראָגראַם פון „וועקער" איז געווען דאָס אונ־טערשטרייכן רעליגיעזע רעפאָרם און פיינטלעכקייט צום קלעריקאַליזם. דאָס האָט מסתמא דעציִדירט לטובת דער פּאָזיטיווער באַציאונג פון אייַנ־האָרנען צו זיינע ניט־יידישע פריינט, די „48ער" ראַפּ און בעקער, און גורם געווען ער זאָל גלייך נאָך זיין אָנקומען קיין באַלטימאָר ווערן אַ מיטאַרבעטער פון „וועקער" און זיך שפּעטער פולשטענדיק אידענטיפיצירן מיט די סאָציאַל־פּאָליטישע אידעען פון דעם אַבאָליציאָניסטישן אָרגאַן.

דער דראַנג צו סאָציאַלער פאַרבעסערונג אַנטפּלעקט זיך אַפילו אין ליכט פון איינהאָרנס אַלגעמיינער רעפאָרם־פּראָגראַם. די גלייכבאַרעכטיקונג פון דער פרוי אין דער רעליגיעזע געמיינדע און ריטואַל און דאָס אָנקניפּן זיין רעפאָרם אין די טראַדיציעס פון די נביאים (די נעגאַטיווע שטעלונג צו קרבנות אין דאַוונען, ווי צו דעם מינדסטן זכר פון ווידעראויפבוי פון בית־המקדש, די ענדערונג פון די תפילות) האָט פאַר זיך געהאַט אַ ציל זיך קעגנצושטעלן דער מאַכט פון דער אָרטאָדאָקסיע. די אַנדערע רעפאָר־מער האָבן זיך אָבער נאָך אַלץ געהאַלטן אין די טראַדיציעס פון רבניזם. איינהאָרן האָט באַוויזן ניט בלויז צו ענדערן די רעליגיע, נאָר זיך באַ־פרייען פון יעדן מין ספּיריטואַליזם און דאָגמע.

*) די שנאה צו אימיגראַנטן, פרעמד־געבוירענע.

אין פעברואַר 1856 לאָזט איינהאָרן אַרויס פון דרוק דעם ערשטן נומער פון זיין דייטשיש־יידישער חודש־שריפט „סיני". די דערשיינונג פון דער ראַדיקאַל־רעליגיעזער טריבונע שאַפט אַ נייע תקופה אינעם לעבן פון דעם רעדאַקטאָר און זיינע אָנהענגער.

אויפן שער־בלאַט פון דער שריפט שטעלט דער רעדאַקטאָר אַרויף, ווי אַ מאָטאָ, דעם פסוק: „את אחי אנכי מבקש" — איך זוך מיינע ברידער! — די פראַזע, וואָס דער ביבלישער יוסף האָט גענוצט איידער זיינע ברידער האָבן אים פאַרקויפט פאַר אַ שקלאַף קיין עגיפּטן... דער ציל פון דעם זשורנאַל, זאָגט איינהאָרן, איז צו באַווייזן אַז „יידישקייט, אין איר עסענץ, איז אידענטיש מיט ריינער הומאַנישקייט, און אַז די שטימע פון גאָט איז די שטימע פון שכל".

שוין אין ערשטן נומער באַווייזט זיך איינהאָרן ניט נאָר ווי אַ רע־ ליגיעזער, נאָר אויך ווי אַ סאָציאַלער רעפאָרמאַטאָר. דער סאָציאַלער מאָטיוו איז זייער בולט אין זיינע דרשות. אין יענער צייט האָט איינהאָרן זיך גענומען מילדערן די סאָציאַלע נויט אין דער פּראַקטיק. ער אַנטוויקלט אַן אַקציע פאַר די אָרעמע און נויטבאַדאַרפטיקע. דער באַשרייבער פון דער געשיכטע פון הר־סיני טעמפּל, דערציילט וועגן איינהאָרנס טעטיקייט אין יענעם פּעריאָד: „דער ראַבינער איז איינגעלאַדן געוואָרן צו אַדרעסירן אַ פאַרזאַמלונג פון וואוילטעטיקע פרויען לטובת די אָרעמע און נויט־ ליידנדע. אין זיין רעדע האָט ער געשילדערט ווי רייך אין קינסטלערישע מאָלערייען עס איז די שטוב פון אָרעמאַן. „דער פראָסט מאָלט אויס אויף די פענצטער און די שויבן פון אָרעמאַנס פאַרפרוירענער הויז די פרעכ־ טיקסטע ביימער, פאַרוואַנדלט די פענצטער אין אַ וואַלד־פּאַנאָראַמע"...[14].

איינהאָרן האָט באַשלאָסן זיך ניט צו באַנוגענען מיט אַפּעלירן פאַר צדקה נאָר זיך גענומען פּראָפּאַגאַנדירן ראַדיקאַל־סאָציאַלע אידעען.

אין יענעם יאָר טרעט ער צום ערשטן מאָל אַרויס אין „סיני" מיט אַן אַרטיקל וועגן דער פראַגע פון שקלאַפעריי און שליסט זיך אָן אָן דער באַוועגונג צו דערוויילן דעם רעפּובליקאַנער פּרעזידענט־קאַנ־ דידאַט, גענעראַל דזשאָן סי. פרימאָנט.

צווייטער קאַפּיטל

דוד איינהאָרן אין צענטער פון אַבאָליציאָניזם

1. דער „שוואַרצער רעפּובליקאַניזם"

דאָס יאָר 1856 ווערט באַצייכנט ווי דאָס יאָר פונעם „שוואַרצן רעפּובליקאַניזם" אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די פּאָליטישע לאַגע האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט. מיטן אַרויסשטעלן גענעראַל פרימאָנט אַלס פּרעזידענט־קאַנדידאַט, האָט זיך אָנגעהייבן אַן אָפענסיווע פון דעם פרייען צפון קעגן דער דראָענדיקער אָליגאַרכיע. די דעבאַטן צווישן לינקאָלנען און דעם דעמאָקראַטישן קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט, דאָוגלאַס, די אַנט־וויקלונג פון דער דריטער, רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי, האָט נאָך מער פאַר־שטאַרקט די אַנטי־שקלאַפערישע שטימונגען צווישן די צפונדיקע פאָלקס־מאַסן. דאָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט די מיליטאַנטע קרייזן צו קאָנסאָלידירן זיך און אַנטוויקלען אַ קאָנספּיראַטיווע טעטיקייט (דזשאָן בראַון און זיינע אָנהענגער) און אַריינדרינגען אַלץ מער צווישן דעם קליינבירגערטום און די אַרבעטער. דער אַבאָליציאָניסטישער לאַגער איז אָבער געווען אַ צעטיילטער.

דעם קרייז פון די מעסיקע אַבאָליציאָניסטן האָט פאַראייניקט דער געדאַנק נישט צו דערלאָזן צו „סעסעסיע" (אָפּרייסן זיך פון פאַרבאַנד) מצד דעם דרום, וואָס וואָלט געווען געפערלעך פאַר זייערע קלאַסן־אינ־טערעסן. זייער הויפּט־לאָזונג איז דעריבער געווען: „די גאַנצקייט פון פאַרבאַנד!". זיי האָבן געוואָלט זען אַ שטופנווייזע עוואָלוציע פון דער עקאָנאָמישער באַוועגונג, וועלכע זאָל ניט ברענגען צו דער ליקווידירונג פון שקלאַפעריי אין אַלע שטאַטן — ווייניקסטנס באַלד, — זי זאָל אָבער ניט לאָזן די שקלאַפעריי זיך ווייטער אויסשפּרייטן. זיי האָבן געהאַלטן, אַז מען קען נאָך אַלץ פאַראייניקן אין איין סיסטעם די פעאָדאַלע און קאַפּיטאַליסטישע פאָרמען. די שטאָטישע בורזשואַזיע און די אַרבעטער האָבן טיפער פאַרשטאַנען די באַגריפן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנט־וויקלונג. זיי האָבן געבילדעט דעם ראַדיקאַלן פליגל פון די „שוואַרצע רעפּובליקאַנער".

וויאַזוי האָט אויסגעקוקט דער לאַגער פון די דייטשישע ראַדיקאַלע עמיגראַנטן? אַפילו צווישן זיי זיינען געווען אַזעלכע מעסיקע, ווי קאַרל שורץ, וועלכער איז פאַרבליבן אומקאָנסעקווענט אַפילו אין אַזאַ עיקרדיקן ענין, ווי די באַפרייאונג פון קענזעס. די איבערוועגנדיקע מערהייט אין דער אָנפירונג פון די דאָזיקע אימיגראַנטן איז אָבער געווען דורכגעדרונגען מיט דעם ווילן צו באַפרייען גאַנץ אַמעריקע פון דער שקלאַפערישער שאַנד.

דער „סאָציאַלער טורנער פאַראיין" אין באַלטימאָר האָט געבילדעט דעם לינקן פליגל פון אַבאָליציאָניזם. אין זיין אייפער פון פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער דערוויילונג פון לינקאָלנען אַלס פּרעזידענט, האָט זיך וויל־העלם ראַפּ, דער רעדאַקטאָר פון „וועקער", ניט אָפּגעהאַלטן פון באַ־שולדיקן אים, לינקאָלנען, אין לאַווירן צווישן דעמאָקראַטן און רע־פּובליקאַנער און האָט פּראָטעסטירט קעגן זיין גיין „האַלב וועג".

אין צענטער פון אַבאָליציאָניזם צווישן יידן האָבן זיך אַוועקגעשטעלט מיכאל היילפּערין און דוד איינהאָרן.

מיכאל היילפּערין, אַ מיטקעמפער פון אונגאַרישן פּאַטריאָט און דעמאָקראַט לואיס קאָשוט אין דער רעוואָלוציע פון 1848, איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1854 און איז באַלד טעטיק געוואָרן אין די רעפּובלי־קאַנישע און אַבאָליציאָניסטישע קרייזן. אין 1856, ביי אַ פאַרזאַמלונג פאַר דער דערוויילונג פון פרימאָנטן, אין „קאַרפּענטערס" זאַל פון פילאַ־דעלפיע, האָט ער געהאַלטן אַן אַנטי־שקלאַפערישע רעדע און איז אַטאַקירט געוואָרן פון אַ צערייצטן ערב־רב פון דרום־סימפּאַטיקער, וועלכע האָבן אים מערדערלעך צעשלאָגן. ער האָט אָבער דעמאָנסטרירט „ווי אַ ייד, וועלכער האָט געקעמפט פאַר פרייהייט אין אייראָפּע און קען דערפאַר ניט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און שווייגנדיק צוקוקן ווי אַ פּראָגרע־סיווע באַוועגונג ווערט אַרונטערגעריסן פון באַצאָלטע אַגענטן פון דער רעאַקציע" [1].

דוד איינהאָרן האָט שוין אין ערשטן נומער פון „סיני" באַגריסט דעם געבורט פון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי, אונטערשטרייכנדיק אַז „דער גייסט פון יודאַאיזם מאַכט פאַר אַ געבאָט דאָס אָפּשאַפן פון שקלאַ־פעריי". אין צווייטן נומער האָט ער געדרוקט אַ רוף פאַר דער דער־ווײלונג פון פרימאַנטן, ווי דעם בעסטן וועג „צו באַקעמפן דעם ראַק (קענסער) פון פאַרבאַנד — שקלאַפעריי" [2].

כדי אָפּצושאַצן איינהאָרנס טעטיקייט, דאַרף מען געדענקען, אַז אַ באַדייטנדיקער טייל פון די אַמעריקאַנער יידן איז דעמאָלט געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפּונקט: ניט מישן זיך אין דעם שטרייט צווישן די ניט־

יידישע אַמעריקאַנער. איינהאָרן האָט זיך אָבער פון אָנהייב אָן געשטעלט אינעם מיליטאַנטסטן פליגל פון אַבאָליציאָניסטישן פראָנט. אויף דער טענה פון איינעם אַ דר. ב. סעגניץ, אַז אַ נצחון פון די רעפובליקאַנער וועט שאַפן אַ נאַציאָנאַלן כאַאָס, ווייל ס׳וועט צעברעכן די אייניקייט פון די שטאַטן, האָט איינהאָרן געבראַכט צום אויסדרוק זיין בולטן אַבאָלי־ציאָניסטישן קרעדאָ. ער האָט געשריבן:

„מיר טיילן ניט די מורא פון די וואָס האַלטן אַז דער זיג פון די „שוואַרצע רעפובליקאַנער" וועט פירן צו דער אויפלייזונג פון דעם פאַרבאַנד פון די שטאַטן, ווייל אויב דער פאַרבאַנד פון די שטאַטן איז באַזירט אויף אַ ניט־ראַציאָנאַלער באַזע, וועט ער ניט עקזיסטירן און איז ניט ווערט צו עקזיסטירן" [3]).

צוליב דעם האָט איינהאָרן באַטראַכט פאַר די וויכטיקסטע פאָדע־רונגען אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט פון אַמעריקע: 1) אַנער־קענען, אַז דער גורל פון יידישן פאָלק אין דער נייער וועלט איז פאַר־בונדן מיטן אמתן סאָציאַלן פאַרשריט פון אַמעריקע, זי זאָל ווערן די פאָראויסגייערין פון פרייהייט־מאַרש פון דער דעמאָקראַטיע איבער דער גאָרער וועלט [4]). וועקן ביי אַלע יידישע שיכטן דעם אינטערעס און די אַקטיוויטעט פאַר דער פולשטענדיקער עמאַנציפּאַציע פון נעגער־פאָלק. שנאה צום נעגער און אַנדערע מינדערהייטן, יידן בתוכם, שטאַמען פון איין קוואַל. „אויב דער נעגער זאָל בלייבן אויף אייביק פאַרשקלאַפט, וועלן אַלע אימיגראַנטן פאַרבלייבן צווייט־קלאַסיקע בירגער" [5]).

אַ געלעגנהייט צו פאַרבינדן זיין קאַמף פאַר נעגער־באַפרייאונג מיטן קאַמף פאַר יידישע רעכט, האָט איינהאָרן באַקומען אין יאָר 1858, אַרום אַן אינצידענט וועלכער האָט קאָנצענטרירט אַרום זיך במשך פון אַ שטיק צייט די אויפמערקזאַמקייט פון די יידן אין אַמעריקע.

2. דער „ענין מאָרטאַראַ"

עדגאַר מאָרטאַראַ איז געבוירן געוואָרן אין באָלאָנאַ, איטאַליע, ביי זיינע עלטערן — גיראַלמאָ און מאַריאַנאַ לעווי. ווען עדגאַר איז אַלט געוואָרן אַ יאָר, איז ער קראַנק געוואָרן. אין יוני 1858, ווען דאָס קינד איז געווען זעקס יאָר אַלט, זיינען פּויפּסטלעכע זשאַנדאַרן באַפאַלן דאָס הויז פון די לעוויס אין באָלאָנאַ און אוועקגעפירט דאָס יינגל, עדגאַר. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די קאַטוילישע דינסט האָט דערציילט דעם גלח בעת איר קאָנפעסיע, אַז זי האָט איינמאָל, בעתן קינדס קראַנקהייט, שטילערהייט אָפּגעשמדט דאָס קינד, כדי אויסצולייזן זיין נשמה, טאָמער וועט ער שטאַרבן. דער גלח האָט באַפוילן אָפּצונעמען דאָס „קריסטלע־

כע״ יינגל ביי די עלטערן און עס דערציען אין דער קאַטוילישער רע־ליגיע, לויטן אויפטראַג פון פּויפּסט. דער ראַדיקאַלער צוואַנגס־אַקט איז דערגאַנגען צו דער פּרעסע און אין גאַנץ איראָפּע האָט זיך אויפ־געהויבן אַ פּראָטעסט־שטורעם. משה מאָנטעפיאָרע האָט ספּעציעל אונ־טערגענומען אַ רייזע פון לאָנדאָן קיין איטאַליע צו אינטערווענירן ביים פּויפּסט, ער זאָל אָפּגעבן דאָס יינגל. אויך אין אַמעריקע איז די יידישע עפנטלעכקייט אויפגערודערט געוואָרן. אין פאַרשיידענע שטעט האָבן זיך די רעליגיעזע קאָנגרעגאַציעס און די אַלגעמיינע יידישע אינסטיטוציעס פאַראייניקט אין דורכפירן פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען קעגן דעם מיט גוואַלד אַרויפגעצוואונגענעם שמד פון וואַטיקאַן.

צווישן דעם 30טן אָקטאָבער 1858, און 27טן יאַנואַר 1859, זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן פּראָטעסט־מיטינגען אין די פאָלגנדיקע יידישע קהלות: סינסינעטי, פילאַדעלפיא, באַלטימאָר, אינדיאַנאַפּאָליס, סיראַקיוז, סאַן־פראַנציסקאָ, דעטראַיט, שיקאַגאָ, ניו־אָרלינס, ריטשמאָנד, מעמפיס. אין דער ניו יאָרק פאַרזאַמלונג האָבן אָנטייל גענומען 2000 יידן און אין סאַן־פראַנציסקאָ — 3000.

ניט קוקנדיק אויף דער שאַרפער אָפּאָזיציע פון די דעמאָקראַטישע כחות, וועלכע האָבן זיך פאַררופן אויף די קאָנסטיטוציאָנעלע גאַראַנטיעס פון פולער רעליגיעזער פרייהייט און די רעכט פון יעדן איינעם צו גלויבן לויט זיינע איבערצייגונגען, איז די קאַטוילישע קירך און די קאַ־טוילישע פּרעסע פון אַמעריקע געבליבן פאַרעקשנט אין איר פאַנאַטיזם, ניט צו דערלויבן דאָס קינד זיך אומצוקערן צו זיינע עלטערן. זיי זיינען אומדירעקט געשטיצט געוואָרן פון דער רעגירונג אין וואַשינגטאָן, וועלכע האָט זיך אָנטזאָגט צו אינטערווענירן ביים פּויפּסט לטובת די יידישע עלטערן.

די סיבה, וואָס די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט אָנגעגעבן פאַר איר אָנטזאָגן זיך אונטערצונעמען וועלכע עס איז אַקציע לטובת די איטאַ־ליענישע יידן, איז געווען באַזירט אויף איר פאַרלאַנג ניט צו דערלאָזן אויסלענדישע קריטיק אויף איר „אייגנאַרטיקע אינסטיטוציע״, די שקלאַ־פעריי־סיסטעם אין די דרומדיקע שטאַטן [6].

דעם 10טן יאַנואַר, 1859, איז אַ דעלעגאַציע פון פילאַדעלפיער יידן, בראש מיט אייזיק לעסער, אויפגענומען געוואָרן פון פּרעזידענט ביוקענען און שטאַטס־סעקרעטאַר לואיס קאַסס, וועלכע האָבן שוין פון פריער דערקלערט, אַז זיי זיינען ניט גרייט זיך אַריינצומישן אין דעם אויסלענדישן ענין.

די דעלעגאַציע האָט דערמאָנט דעם פּרעזידענט, אַז דער פריערדיקער

פרעזידענט, וואָן ביורען, האָט אין יאָר 1840 אינטערוועניִרט אינעם דמשק ענין*). אויף דעם האָט פרעזידענט ביוקענען געענטפערט: „דאָס האָט פּאַסירט, ווען איך בין ניט געווען קיין פרעזידענט". לויטן גע־דרוקטן באַריכט פון דער דעלעגאַציע זאָל ביוקענען אויך האָבן דער־קלערט אַז אין פאַל די רעגירונג וועט זיך אַריינמישן, וועט עס אַריינ־שפּילן אין די הענט פון די אַנטי־שקלאַפערישע כחות און „וועט געבן איירָאָפּע אַ פּאַרטיקן תירוץ, אַז די אויסלענדישע מלוכות זאָלן זיך מישן אין אונדזערע אינערלעכע ענינים", מיינענדיק דערמיט די אינסטי־טוציע פון שקלאַפעריי.

פרעזידענט ביוקענען און זיין אַדמיניסטראַציע האָבן מיט זייער גלייכ־גילטיקער באַציאונג צו דעם צוואַנג־שמד געצילט צו שאַפן אַ צעטיילונג אין דער יידיש־אַמעריקאַנער געזעלשאַפטלעכקייט, אָבער אונטערן דרוק פון דער פּראָגרעסיווער שטעלונג פון אַ באַדייטנדיקן טייל פון די צפון־שטאַטן, באַזונדערס פון דער פּראָטעסטאַנטישער קירך, האָט די אַלגעמיינע יידיש־ענגלישע און יידיש־דייטשישע פרעסע, פון די קאָנסערוואַטיווסטע ביז די ראַדיקאַלסטע רעפאָרמער, ניט אָנגענומען ביוקענענס דערקלערונג.

דוד איינהאָרן, וועלכער האָט זיך שוין דערוואָרבן אַ רעפּוטאַציע פון אַ קאָנסעקווענטן אַבאָליציאָניסט, האָט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט די לאַגע און האָט עפנטלעך דערקלערט, „אַז עס איז נאַטירלעך פאַר אַ רעגירונג, וואָס שטיצט שקלאַפעריי, זי זאָל זיך ניט וועלן אַריינמישן לטובת גע־רעכטיקייט. פאַנאַטיזם, רעליגיעזע פאָראורטיילן זיינען אַ טייל פון אַ באַוואוסטזיניק אויסגעאַרבעטער סיסטעם פון ראַסן־אונטערדריקונג און שקלאַפעריי" [7].

יצחק מאיר וויז פון סינסינעטי, דער פירער פון דער מעסיקער רעפאָרם אין מערב און דער קאָנסערוואַטיווער אייזיק לעסער און זייערע קהלה־פאַרשטייער, וואָס זיינען באַשטאַנען אין גרעסטן טייל פון אַזאַ קלאַסן־עלעמענט, וואָס איז ניט געווען פאַראינטערעסירט אין דער אָפּ־שאַפונג פון שקלאַפעריי, האָבן דערקלערט אַז זיי נעמען ניט אָן ביוקע־נענס מאָטיווירונג פון ניט אַריינמישן זיך אין מאָרטאַראַ־ענין, ווייל עס וועט דערפירן צו דער אַריינמישונג פון אויסלענדישע מלוכות אין דעם אַמעריקאַנער פּראָבלעם פון שקלאַפעריי.

„די פעדעראַלע רעגירונג, — האָט יצחק מאיר וויז געשריבן, — האָט גאָרניט צו טאָן מיט שקלאַפעריי פון דרום. די רעגירונג פון די

*) אין יאָר 1840 זיינען אין דמשק אַרעסטירט און געפּייניקט געוואָרן 13 יידן אויף דער כלומרשטער אָנקלאַגע פון דערהרגענען אַ מאָנאַך.

פאַראייניקטע שטאַטן איז אַבסאָלוט ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַזעלכע דאָמעסטיקאַלע אינסטיטוציעס פון דזשאָרדזשיאַ, אָדער טעקסעס... אַ פּראָטעסט פון אַן אויסלענדישער רעגירונג קעגן דער שקלאַפערישער אינסטיטוציע דאַרף בכלל ניט אנערקענט ווערן פון דער רעגירונג, און קען איבערגעשיקט ווערן אויפן אַדרעס פון סאַוט־קאַראָליינאַ, אָדער דזשאָרדזשיאַ. מיר פאַרשטייען דעריבער ניט דעם שטאַטס־סעקרעטער גענעראַל קאַסס״ [8].

דער קאָנסערוואַטיווער דר. שבתי מאָראַיס פון דער ספרדישער מקוה־ישראל קאָנגרעגיישאָן אין פילאַדעלפיע, איז אַזוי אויפגעבראַכט געוואָרן פון ביוקענענס ענטפער, אַז ער האָט אויפגעהערט אָפּצוריכטן תפילות פאַר דער רעגירונג.

דוד איינהאָרן האָט געזען אין דעם ענטפער פון דער רעגירונג אין וואַשינגטאָן אַ באַוויז פאַר דער גערעכטיקייט פון זיין פּאָליטישער ליניע. ער האָט געגלויבט, אַז עס איז געקומען די צייט און די נויטווענדיקייט אַרויסצוטרעטן עפנטלעך צו באַוועגן די אַמעריקאַנער יידן אָנטייל צו נעמען אין די פּאַטריאָטישע מאַניפעסטאַציעס און אין די אַקציעס קעגן שקלאַפערישן יאָך אויף די נעגערשע מאַסן. ער האָט דעריבער פאַרשטאַרקט זיין אַגיטאַציע לטובת דעם אַבאָליציאָניזם דורך וואָרט און שריפט, בעל פה ובכתב, אין זיינע דרשות און אין זיין שריפט „סיני״.

די פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען קעגן מאָרטאַראַ־אינצידענט האָבן געגעבן אַ שטויס פאַר אָרגאַניזירן אַ פּערמאַנענטע נאַציאָנאַלע יידיש־אַמעריקאַנער קערפּערשאַפט, וועלכע זאָל ריידן אין נאָמען פון אַלע אַמעריקאַנער יידן. אין 1859 איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ ראַט (באָארד) פון די „דעלעגאַטן פון אַמעריקאַנער איזראַעליטן״, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן ביי אַ צוזאַמענפאָר אין ניו־יאָרק, דעם 27טן נאָוועמבער, מיטן אָנטייל פון פאָרשטייער פון איבער 25 יידישע קהלות איבערן לאַנד.

איינהאָרנס „הר־סיני״ טעמפּל פון באַלטימאָר, בערנאַרד פעלזענטאַלס „סיני״ פון שיקאַגאָ און טעמפּל „עמנואל״ פון ניו יאָרק, האָבן זיך אָנטזאָגט אָנצושליסן אין דער „באָארד״, ווייל די קערפּערשאַפט האָט זיך גענומען יורידיקציע איבער רעליגיעזע פראַגן.

די קאָנסערוואַטיווע און די מעסיקע רעפאָרמער פון י. מ. וויַיז ריכטונג האָבן דערפאַר חושד געווען איינהאָרנען, אַז ער נוצט אויס זיין אָרגאַן לשם אַגיטאַציע אין דער יידישער סביבה פאַר אַזעלכע צוועקן, וועלכע זאָלן דערפירן צו האַנדלונגען, וואָס זיינען „בישט אין איינקלאַנג מיטן גייסט פון יודאַאיזם״ און ניט לטובת די אינטערעסן פונעם יידישן פאָלק.

3. די מחלוקת וויז־איינהאָרן

ווי מיר האָבן פריער געזען, האָט איינהאָרן גלייך נאָך זיין אָנקומען קיין באַלטימאָר, צוליב זיין ראַדיקאַליזם, אַרויסגערופן קעגן זיך דעם צאָרן פון די קאָנסערוואַטיווע עלעמענטן און פון די מעסיקע רעפאָרמיסטן. אָנהייב 1860 שאַפט זיך קעגן דעם עקסטרעמען רעפאָרמער און פלאַם־פייערדיקן אַבאָליציאָניסט — אַ דריי־בונד, אָנהייבנדיק פון דעם אָרטאָדאָקסישן רב פון באַלטימאָר בערנאַרד אילאָווי, מיט די קאָנסערוואַטיווע פירער לעסער און אייזאקס, ביז דעם מעסיקן רעפאָרמער י. מ. וויז פון סינסינעטי.

בערנאַרד אילאָווי, דער רב פון דער רייכער אָרטאָדאָקסישער לאָיד־סטריט שול אין באַלטימאָר, האָט איינהאָרנען באַצייכנט ווי אַן אפיקורס און געאַרבעט מעשים ער זאָל באַזייטיקט ווערן פון זיין שטעלע.

אייזיקס און לעסער האָבן ניט געקענט מוחל זיין איינהאָרנען זיין שטעלונג קעגן דער קליוולאַנדער קאָנפערענץ.

אין יאָר 1858 האָט איינהאָרן אַרויסגעלאָזט זיין דייטשיש־רעפאָרמירטן סידור „עולת תמיד", וואָס האָט איבעראַנדערשט כמעט דעם גאַנצן נוסח פון די תפילות, אויסגעשניטן אַלע תפילות וואָס האָבן צו טאָן מיט קרבנות, מיטן גלויבן אין אַ צוריקקער קיין ציון א. אַז. וו. ער האָט אויך פאַרפאַסט אייגענע תפילות אויף דייטש. דער סידור האָט גורם געווען אַז קעגן דעם ראַדיקאַלן רעפאָרמער זאָל זיך אויסבילדן אַן איינהייטלעכער פראָנט פון דער אָרטאָדאָקסיע, פון קליינבירגערלעכן קאָנסערוואַטיזם און פון דער געמעסיקטער רעפאָרם.

די מעסיקע רעפאָרם פון יצחק מאיר וויז, וואָס ווערט מיט רעכט באַצייכנט ווי אַ מין רעליגיעזער יידישער ראַציאָנאַליזם, איז געווען גאָר ווייט פון אַמעריקאַנער ראַדיקאַלן פּראָטעסטאַנטיזם אין זיין שטעלונג קעגן קלעריקאַליזם. דער ראַציאָנאַליזם און דער „וויסנשאַפטלעכער יודאַאיזם" פון דער רעפאָרם איז בלויז געגאַנגען אַזוי ווייט ווי קעמפן קעגן אבערגלויבענישן און פאַרעלטערטע מנהגים. ער האָט אָבער גאָר ענערגיש געפּרוווט דערשטיקן ניט בלויז שטרעמונגען פון אַטעאיזם, נאָר אַפילו פון דעאיזם.

וויזס „איזראַעליט" פון סינסינעטי, אָרגאַן פון קאָנסערוואַטיוו־רע־פאָרמירטן נגיד, האָט שוין אין די ערשטע איינהאָרנס אַרטיקלען אין „סיני" דערשמעקט, אַז אין געשטאַלט פון דעם ראַדיקאַל גרייפט אַן אַ נייער שיכט. וויז באַצייכנט דעם באַלטימאָרער רעפאָרמער ווי אַ „דע־

איסט, אַ צדוקי, אַ יוניטאַריער און אַפּאָסטאָל פון דעאיסטישן ראַציאָ־נאַליזם". „איינהאָרן, טאָרסט ניט פאַרגעסן אַז דיין פאָטער איז געווען אַ ייד. פּראָקלאַמיר פאַר דער עפנטלעכקייט דיין פאַלשע פאָרשטעלונג וועגן יודאַאיזם און דיינע בלבולים אויפן יידישן פאָלק... ווי לאַנג דו פאַרבלייבסט אַ שונא פון יידן און יודאַאיזם, וועל איך מיט דיר ניט פירן קיין שום וויכוחים" [9].

וויז באַגרענעצט זיך ניט בלויז אויף פּערזענלעכע זידלערייען. ער גרייפט אויך אָן איינהאָרנס געמיינדע. נאָך אַ באַזוך אין באַלטימאָר שרייבט וויז, אַז איינהאָרנס קאָנגרעגאַציע איז „אויף אַ העלפט ראַדיקאַל אין דער פּראַקטיק און אינגאַנצן ראַדיקאַל אין דער טעאָריע" [10].

אינטערעסאַנט, אַז צווישן די גרונט־באַשולדיקונגען, וואָס וויז שטעלט אַרויס קעגן זיין ראַדיקאַלן קאָלעגע, איז אויך איינהאָרנס סאָציאַלער ראַ־דיקאַליזם. „ראַדיקאַליזם וועט ניט ווירקן אין דער ספערע פון מענטש־לעכער אַקטיוויטעט... ראַדיקאַליזם וועט ניט ווירקן אין פּאָליטיק, ווייל עס זיינען פאַראַן היסטאָרישע רעכטן, וואָס ווילן זיך ניט אונטערגעבן די טעאָריעס... ראַדיקאַליזם באַרויבט אַ מענטשן פון זיין רעליגיע" [11].

אָט די אַטאַקעס זאָגן עדות, אַז עס האָט זיך ניט געהאַנדלט וועגן פּערזענלעכע אידעאישע חלוקי־דעות, נאָר וועגן אַ פאַרגאַנצטן סיסטעם געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע אידעען. דער קאַמף צווישן וויז און איינ־האָרן צעפלאַקערט זיך טאַקע אויף דער ליניע פון פּראָ־ און אַנטי־שקלאַפעריי.

וויזס אַרויסטרעטונג קעגן איינהאָרנען איז ניט קיין צופעליקע דער־שיינונג, ניט בלויז אַן אַקט פון פיינטשאַפט בנוגע אַן עקסטרעמען קאָ־לעגע, נאָר אַ רינג אין אַ גאַנצער פילאָסאָפיש־געזעלשאַפטלעכער סיסטעם, וואָס האָט שפּעטער געבראַכט צו אַ שאַרפן קאָנפליקט צווישן וויזן און זיינע חברים אין דער רעפאָרם, ווי ליליענטאַל און פעלזענטאַל, אין שייכות מיט דער שטעלונג צום בירגער־קריג און שקלאַפעריי. וויזס פאַרטיידיקונג פון רעליגיעזער היעראַרכיע אין קליוולאַנד האָט סיגנאַ־ליזירט זיין שפּעטערדיקן אָפּגאַנג פון די פּאָזיציעס פון דער רעפאָר־מאַציע. שוין אין אָנהייב פון די 50ער יאָרן פונעם 19טן יאָרהונדערט האָט וויז פאָרמולירט אַ סיסטעם פון רעאַקציאָנערע אָנשויאונגען, וואָס זיינען ענלעך צום רעפאָרמיזם פון אָנהייב 20טן יאָרהונדערט: אידעאַ־ליזאַציע פון קאָנסערוואַטיזם, פון פּראָקלאַמירן זיין סאָוועראַניטעט אין זין קאָנסערווירן אָפּגעשטאַנענסטע טראַדיציעס, שאָוויניסטישער נאַציאָנאַ־ליזם און ראָמאַנטיש־רעאַקציאָנערער קולט פון קלעריקאַליזם.

די יידישע בירגערלעכע און בורזשואַזע היסטאָריאָגראַפן, פּ. וויערניק און בערטראַם קאָרן, ווילן דערקלערן ווייזס אַרויסטרעטונג קעגן די אַבאָליציאָניסטן מיט דעם, וואָס ער האָט געהאַלטן די אַבאָליציאָניסטן פאַר אַפּיקורסים. דאָס איז, נאַטירלעך, ניט קיין דערקלערונג. ווי די יידן פון ווייזס סביבה זיינען ניט געווען רעליגיעז, וואָלטן זיי ניט מקריב געווען זייער פרייהייט צוליב רעליגיע. די סיבה ליגט דערין, וואָס באַשטימטע אינטערעסן האָבן געצוואונגען ווייזן אונטערצובעטן די קייטן פון שקלאַפעריי מיט רעליגיעזע בלומען.

דער רעכטער פליגל פון דער אַמעריקאַנער יידישער רעפאָרמאַציע, אונטער דער אָנפירונג פון ווייזן, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גע־שלאָסענע סיסטעם אָנשויאונגען — די אידעאָלאָגיע פון דער אויפקומענ־דיקער בורזשואַזיע, וואָס איז נאָך ענג פאַרקניפּט מיט פעאָדאַלע פאַר־העלטענישן; די אידעאָלאָגיע פון אַ שיכט, וואָס מאַרשירט פאָראויס צו אַ קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, אָבער פאָרזיכטיק, מיט מורא, אומ־קוקנדיק זיך כסדר אויף צוריק. ווי מיר וועלן שפּעטער זען, איז ווייזס קאַמף קעגן ראַדיקאַליזם פונאַנדערגעוויקלט געוואָרן לויט די כללים פון דער דרומדיקער רעאַקציע. ער האָט אַטאַקירט אייבערעהעם לינקאָלנען, ווי „אַן אומבאַהאָלפענעם דאָרפסמאַן, וואָס וועט זיך פילן שלעכט אין ווייסן הויז", האָט געזידלט די אַלע, וואָס האָבן געשטימט פאַר דעם גרויסן באַפרייער און זיי באַצייכנט ווי „אַטעאיסטן" [12].

נאַטירלעך טאָר מען ניט מעכאַניש אידענטיפיצירן ווייזן מיט דער רעפאָרם פון אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ווען דער רעפאָרם־לאַ־גער האָט פולשטענדיק אָנגעהייבן קאַפּיטולירן פאַר דער בורזשואַזיע און פאַרן יידישן נאַציאָנאַליזם. אָבער גלייך פון אָנהייב איז וויין געווען אַ שוואַרצע קראָ צווישן די רעפאָרמער. אין די ראַמען פון זיין אידעאָ־לאָגיע איז ער געווען אַ טעמפּעראַמענטפולע נאַטור מיט אַ באַדייטנדיקן פובליציסטישן טאַלאַנט און גרויסע אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן. ער איז פאַמעלעך געוואָרן די צענטראַלע פיגור אין אַמעריקאַנער יידישן לעבן, אָנהייב דער צווייטער העלפט פון נייַנצטן יאָרהונדערט. ער האָט אָבער פאַרמאָגט ריזיקע חסרונות, וואָס האָבן געמינערט דעם ווערט פון זיינע געזעלשאַפטלעכע אַרויסטרעטונגען און ליטעראַרישע אַרבעטן. אַמביציע איז ביי אים איבערגעוואַקסן אין אַ ווילן צו באַהערשן; דער אַפּאָרטו־ניזם אין דער וועלט־אָנשויאונג איז נאָך פאַרטיפט געוואָרן דורך זיין קאַריעריזם, און ניט איינמאָל האָט זיך וויין דערנידעריקט און פאַרביליקט זיין אייגענע שטעלונג צוליב פערזענלעכע קאַריערע־אינטערעסן, — ווי,

צום ביישפּיל, זיין אומגעלומפּערטע דערמאָנטע אַטאַקע אויף דער לוי־טערער געשטאַלט פון לינקאָלנען און זיין אַרויסשטעלן זיין קאַנדידאַטור פאַר סענאַטאָר אויפן דעמאָקראַטישן וואל־צעטל, — וועלכע ער איז געצוואונגען געוואָרן אַראָפּצונעמען אויפן פאַרלאַנג פון זיינע באַלעבאַטים אין סינסינעטי [12].

דריטער קאַפּיטל

די ביבל און שקלאַפֿעריי

1. קייטן און אַלטאַרן

אָנהייב פון די זעכציקער יאָרן פונעם נייַנצנטן יאָרהונדערט זיינען די פאַראייניקטע שטאַטן אַריין אין דער גורלדיקסטער צייט פון זייער געשיכטע. אַ בורזשואַזע ציוויליזאַציע, וואָס האָט שוין דערגרייכט אַ געוויסע מדרגה, איז געשטאַנען פאַר אַ מוראדיקער קאַטאַסטראָפע, דערפאַר וואָס זי האָט ניט באַוויזן צו געפינען דעם יסוד פאַר ראַסן־גערעכטיקייט.

די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען אַריין אין דעם גרויסן איבערברוך פון אַ סאָציאַלער איבערקערעניש און נאָר מענטשן מיט פניות, מיט באַשטימטע אינטערעסן, האָבן געוואָלט באַווייזן, אַז מען קען ווייטער ציען די האַלב־פעאָדאַלע און האַלב־קאַפּיטאַליסטישע שטריכן פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג.

וואו איז געלעגן די לייזונג?

אין שטאַט אילינאָי האָט זיך אויף דער פּאָליטישער אַרענע אַרויסגערוקט אַ געוועזענער האָלץ־העקער, וואָס איז געוואָרן דער וואָרטזאָגער פון יענע עלעמענטן, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז מען טאָר דעם פּראָצעס ניט לאָזן גיין; מען מוז שאַפן אַ כח, וואָס זאָל צוימען די שקלאַפעריי, ניט דערלאָזן די טיראַניע זאָל זיך פאַרשפּרייטן.

אַנדערע זיינען געגאַנגען ווייטער פון אים און געהאַלטן, אַז מען דאַרף דעם נייעם אידעאַל פון אַ געזעלשאַפט, באַזירט אויף פרייער אַרבעט, איינמאָל פאַר אַלעמאָל פאַרווירקלעכן מאַקסימאַל, צערייסן די קייטן פון דער אַפריקאַנער ראַסע און אויסרופן „פרייהייט אין לאַנד פאַר אַלע אירע איינוואוינער" — ווי עס זאָגט דער אינספּירירנדיקער פסוק, וואָס איז אויסגעקריצט געוואָרן אויף אַ גלאָק, וואָס הענגט עד־היום אין יענער הויז אין פילאַדעלפיע, וואו עס איז אונטערגעשריבן געוואָרן אַ דאָקומענט, וואָס האָט אָנגעצייכנט דעם באַגינען פון אַמעריקאַנער פאָלק אונטער דער נייער דעמאָקראַטישער זון.

די „דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט" האָט אָריגינעל פאַרדאַמט

שקלאַפעריי און דעם שקלאַפן־האַנדל אַלס אַ „גרויזאַמע מלחמה קעגן דער מענטשלעכער נאַטור גופא, פאַרלעצנדיק אירע הייליקסטע געזעצן פון לעבן און פרייהייט", ווי טאָמאַס דזשעפערסאָן האָט אַליין פאַרנאָטירט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע: „דער פּאַראַגראַף, קריטיקירנדיק די פאַרשקלאַפונג פון די אַפריקאַנישע איינוואוינער, איז אַרויסגענומען געוואָרן אויס אַכטונג צו דזשאָרדזשיאַ און דרום־קאַראָליינאַ, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געמאַכט קיין פאַרזוך אָפּצושטעלן דאָס אימפּאָרטירן שקלאַפן און וואָס האָבן, פאַרקערט, נאָך אַלץ געוואָלט עס אָנהאַלטן. אויך אונדזערע שכנים פון צפון, גלויב איך, האָבן זיך געפילט אַ ביסל געטראָפן אונטער דער קריטיק; ווייל כאָטש זייערע איינוואוינער האָבן אַליין געהאַט וויניק שקלאַפן, האָבן זיי דאָך טראַנספּאָרטירט אַ היפּש ביסל צו אַנדערע... אַזוי ווי מען קען וויסן די מיינונגען פון מענטשן, ניט נאָר פון דעם, וואָס זיי נעמען אָן, נאָר אויך פון דעם וואָס זיי וואַרפן אָפּ, וועל איך איבערגעבן די פאָרמע פון דער דעקלאַראַציע, ווי זי איז אָריגינעל באַריכטעט געוואָרן". (טאָמאַס דזשעפערסאָן, „דאָס לעבן פון איינעם").

דאָס אַמעריקאַנער פאָלק האָט פון דזשעפערסאָנס צייטן אָן פאָרגעזעצט צו אַנטוויקלען זיינע דעמאָקראַטישע טראַדיציעס, אָבער יענער ביבלישער פּסוק אויסגעקריצט אויפן גלאָק אין „זאַל פון דער זעלבשטענדיקייט" (אינדעפּענדענס האָל), איז נאָך אַלץ געווען אַן אידעאַל, וואָס איז פאַרווירקלעכט געוואָרן טיילוויז, און ניט פולשטענדיק.

דער זעלביקער קאָנגרעס וואָס האָט אָנגענומען די דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט, וואָס אַנטהאַלט דעם רעוואָלוציאָנערן געדאַנק, אַז „אַלע מענטשן זיינען געבוירן גלייך", האָט פאַרמאָגט גענוג כחות, וואָס זיינען געווען דערפאָלגרייך אין צוריקוואַרפן דזשעפערסאָנס קריטיק פון שקלאַפעריי, און האָבן געזוכט אויסצולאָזן דעם נעגער פון דער גלייכהייט, וואָס זיי אַליין האָבן געהאַט פּראָקלאַמירט.

דיסקוטירנדיק די פראַגע פון גלייכהייט אין זיין גרויס ווערק „אַנטי־דיורינג", האָט פרידריך ענגעלס פאַרצייכנט: „...עס איז געווען נאַטירלעך, אַז די פאָדערונג פאַר גלייכהייט זאָל אָננעמען אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער, וואָס זאָל אַריבער די גרענעצן פון דעם אינדיווידועלן שטאַט, און פרייהייט און גלייכהייט זאָלן פּראָקלאַמירט ווערן אַלס מענטשלעכע רעכט. און עס איז אַן אָנדייטונג פון דעם ספּעציפיש־בורזשואַזן כאַראַקטער פון אָט די מענטשלעכע רעכט, אַז די אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע, די ערשטע צו אנערקענען די רעכט פון מענטש, האָט אין דעם זעלביקן אָטעם באַשטעטיקט די שקלאַפעריי פון דער שוואַרצער ראַסע אין אַמעריקע:

קלאַסן־פּריווילעגיעס זיינען פאַרבאָטן געוואָרן, ראַסן־פּריווילעגיעס זיינען פאַרהייליקט געוואָרן״ [1].

אַזוי האָט זיך עס געצויגן ביז דעם אויפקום פון דער אַבאָליציאָני־סטישער באַוועגונג. ווען די זעכציקער יאָרן האָבן זיך דערנענטערט, האָט זיך די אַנטי־שקלאַפערישע ליטעראַטור שטאַרק פאַרשפּרייט. צוליב פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן נעמען זיך די פּראָטעסטאַנטישע סעקטעס צו דער ביבל. די דאָזיקע ביבל־אויסטייטשונג, פאַר און קעגן שקלאַפעריי, וואָס האָט דעמאָלט געהאַט אַן אָרט אין די אויבערשטע אָרגאַנען פון דער פּראָטעסטאַנטישער קירך, איז אין אַ געוויסער מאָס אַרויסגערופן געוואָרן פון דער אַלגעמיינער צערודערונג אין לאַנד.

נאָך אַ לענגערער תקופה פון סכסוכים צווישן די צפונדיקע און דרומדיקע טיילן פון די פּרעסביטעריאַנישע, באַפּטיסטישע און מעטאָ־דיסטישע סעקטעס, ווערט די קירך פון אַמעריקע געשטעלט פאַר דער מעגלעכקייט פון אַ רעליגיעזן סכיזם, אין שייכות מיט דער צעטיילונג.

דער קלער פון ווירדזשיניאַ, דזשאָרדזשיאַ און אַנדערע דרום־שטאַטן נעמט איבער דעם קאָנטראָל פון די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונגען פון דער פּרעסביטעריאַנער קירך און גיט אַרויס אַ דעקלאַראַציע לטובת שקלאַ־פעריי.

דער פירער פון די דרומדיקע פּרעסביטעריער, דר. טהאָרנוועל, רעדאַקטאָר פון „סאַוטערן פּרעסביטעריען רעוויו״, שרייבט אַז „די צוויי באַזונדערע גרופּן אין דעם סכסוך זיינען ניט בלויז אַבאָליציאָניסטן און שקלאַפן־האַלטער, — זיי זיינען אַטעאיסטן, רויטע רעפּובליקאַנער, סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן, יאַקאָבינער, פון איין זייט, און פריינט פון אָרדנונג און רעגולירטער פרייהייט — פון דער צווייטער זייט״ [2].

אַן אַנדער דרומדיקער פּאָליטיקער האָוועל קאָב, פון דזשאָרדזשיאַ, האָט אין 1856 פאַרעפנטלעכט אַ בוך „אַ ביבלישע עקזאַמינירונג פון שקלאַפעריי״, וואו ער זוכט צו באַווייזן, אַז די ביבל און אַלע אַנדערע היסטאָרישע דאָקומענטן באַשטעטיקן שקלאַפעריי און סאַנקציאָנירן די דאָזיקע אינסטיטוציע.

אין הסכם מיטן גייסט פון דער טעאָלאָגישער פּאָלעמיק ווערן שקלאַפן־קייטן געשלעפּט אויף די אַלטאַרן.

נאַטירלעך האָבן די אַנטי־שקלאַפערישע קירכן־פירער פון צפון, און אַ גאָר קליינע מינדערהייט פון דרום, אויך אַרגומענטירט, אויפן סמך פון דער ביבל, אַז שקלאַפעריי איז ניט בלויז אַ פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פאַרדאַרבונג, נאָר אויך אַ רעליגיעז־מאָראַלישער פאַר־ברעכן, פאַרדאַמט פון דער ביבל. ציטאַטעס און פּאַראַפראַזן פון פּסוקים

און שטראָף־רייד פון די נביאים קעגן אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַ־ציע, האָבן באַקומען אַן אַקטועלן ווערט אינעם מויל פון אַבאָליציאָניסטי־שע קריסטלעכע פּרעדיקער, ווי פון די גייסטיקע פירער פון דער קירך אין די שקלאַפן־שטאַטן. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ קאַמף אַרום דעם תנ״ך. פּראָטעסטאַנטישע גלחים האָבן זיך גענומען צו דעם אַלטן צוויי־טויזנט־יאָריקן בוך. ביידע צדדים זיינען געשטאַנען אויפן זעלבן באָדן פון „גאָטס וואָרט״, און דיספּוטירט האָט מען נאָר וועגן דעם ריכטיקן פּירוש צו זיינע רייד.

און וואָס האָט געזאָגט דאָס „פאָלק פון בוך״, דער עם־הספר אַליין?

אַ שטיק צייט האָבן זיך רבנים געמאַכט כלא־ידע. וואָס איז דער יידישער רעליגיע אָנגעגאַנגען וואָס „גויים״ אַמפּערן זיך, צי איז שקלאַ־פעריי לויטן תנ״ך כשר, אָדער טריפה? אין די פיר איילן פון יידישן לעבן — האָט מען געהאַלטן — איז די שאלה ניט קלאָר, ווייל זי איז „ניט אַקטועל״. עס איז אָבער געקומען דאָס יאָר 1861, און דער שטרייט האָט זיך באַוויזן אין יידישן לעבן און האָט אָפּגעקלונגען לעבעדיק און הייס איבער גאַנץ אַמעריקע.

2. „גאָטס וואָרט — אַ שקלאַפן־בייטש״

דער זיג פון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי אין נאָוועמבער, 1860, מיט דער דערוויילונג פון אייבערעהעם לינקאָלן אַלס פּרעזידענט, וועלכער האָט פאַרנומען דעם אָרט פון דעם געצייג פון די שקלאַפן־באַזיצער, ביוקענען, האָט בולט געמאַכט דעם קריזיס אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

די שקלאַפערישע אָליגאַרכיע האָט דערשפּירט אַז עס טרייסלט זיך די ערד אונטער איר אָרדנונג. עס איז קלאָר געוואָרן, אַז די אָנ־פירער פונעם דרום וועלן מער ניט דולדן די הערשאַפט פון די רע־פּובליקאַנער.

אַלס ענטפער דערויף, וואָס די רעפּובליקאַנער זיינען געקומען צו דער מאַכט, האָבן די פּלאַנטאַטאָרן פון די דרומדיקע שטאַטן באַשלאָסן זיך אָפּטיילן פון דעם שטאַטן־פאַרבאַנד (יוניאָן) און בילדן אַן אייגענע קאָנפעדעראַציע, אַ באַזונדערע מלוכה. דעם 20טן דעצעמבער 1860 האָט סאַוט־קאַראָליינאַ דערקלערט, אַז זי טרעט אַרויס פונעם פאַרבאַנד. נאָך איר זיינען באַלד נאָכגעגאַנגען נאָך זעקס פּראָ־שקלאַפערישע שטאַטן. דאָס אָפּטיילן זיך איז דורכגעגאַנגען מיט דער הילף פונעם סאַמע ברוטאַלסטן טעראָר. עס איז באַשטעטיקט געוואָרן, אַז דאָ „האָט זיך געהאַנדלט ניט בלויז וועגן אָפּטיילן זיך פונעם צפון, נאָר אויך וועגן פאַרפעסטיקן און פאַרשאַרפן די הערשאַפט פון דער אָליגאַרכיע פון 300 טויזנט שקלאַפן־

האַלטער איבער 5 מיליאָן ווייסע דרומדיקע איינוואוינער״ [3]). עס האָט אָנגעהויבן שמעקן מיט בירגער־קריג.

די דרומדיקע שטאַטן, וואָס האָבן זיך אָפּגעטיילט, האָבן געשאַפן זייער קאָנסטיטוציע און אויסגעקליבן אַן אייגענעם פּרעזידענט, דזשעפער־סאָן דעיווים, וואָס האָט אין זיין דעקלאַראַציע געשריבן: „אַלס באַזע פון דער נייער קאָנפעדעראַטיווער רעגירונג איז געלייגט געוואָרן דער גרויסער פּרינציפּ, אַז די נעגערס זיינען ניט גלייך צו די ווייסע, אַז זייער שקלאַפעריי איז אַ נאַטירלעכער, נאָרמאַלער צושטאַנד. די רעגי־רונג, וואָס מיר האָבן געגרינדעט, איז די ערשטע אין דער וועלט־געשיכטע, וואָס באַזירט זיך אויף דעם דאָזיקן פיזישן, פילאָסאָפישן און מאָראַלישן אמת״. די קאָנפעדעראַנטן האָבן אַפילו אָנגעהויבן ריידן וועגן שאַפן אַ מאָנאַרכיע און געטרוימט וועגן באַקומען פאַר אַ קיניג איינעם פון די ענגלישע פּרינצן.

אין דער צייט וואָס דער דרום האָט זיך געגרייט צו מלחמה, איז אַ טייל פון דער צפונדיקער בורזשואַזיע געווען גוטמוטיק געשטימט און ניט אַרויסגעוויזן קיין אַנטשלאָסנקייט צו אָננעמען מיטלען. די דרומדיקע האָבן אָבער געהאַנדלט אַנטשיידן. ביז וואַנען לינקאָלן האָט איבערגע־נומען דעם אַמט פון פּרעזידענט, האָט דערוויל ביוקענען אויסגענוצט די צווישן־צייט פון דער דערוויילונג ביז דער אינאָגוראַציע אויף העלפן דעם דרום. ער און זיינע מיניסטאָרן האָבן אַריבערגעפירט צום דרום מיליטערישע אָפּטיילן, האַרמאַטן און גרויסע סומען געלט. נאָכן באַזאָרגן די שקלאַפן־האַלטער מיט געלט און מלחמה־מאַטעריאַל, האָט ער זיך גענומען צו „גאָטס־וואָרט״.

דעם 4טן יאַנואַר, 1861, האָט ביוקענען פּראָקלאַמירט פאַר אַ נאַ־ציאָנאַלן תענית, כדי צו „מאָביליזירן די סענטימענטן פון דער אַמערי־קאַנער באַפעלקערונג קעגן דער געפאַר פון צוזאַמענברוך פון די פאַר־איייניקטע שטאַטן״. סיי אין די קריסטלעכע קירכן, סיי אין די יידישע סינאַגאָגעס האָבן זיך פאַרזאַמלט מאַסן אָפּצוריכטן תפילות פאַר דער אויפהאַלטונג פונעם פאַרבאַנד פון די שטאַטן.

אַ טאָג פאַרן 4טן יאַנואַר האָט דר. מאָריס ראַפאַל, דער רב פון דער קאָנסערוואַטיווער יידישער קהלה אין ניו יאָרק, „בני־ישורון״, מודיע געווען אַז ער וועט האַלטן אַ דרשה אין דער גרויסער שול.

דר. מאָריס ראַפאַל איז געווען איינער פון די אָנערקענטסטע מנהיגים און עקסטרעם־קאָנסערוואַטיווע רבנים. אַ זון פון אַ יידישן באַנקיר אין קאָפּענהאַגען, דענמאַרק, איז ער צוערשט געווען אַ רב אין מאַנטשעסטער, ענגלאַנד, און אין די פערציקער יאָרן איז ער אויפגענומען געוואָרן אַלס

פּרעדיקער אין דער „בני־ישורון"־סינאַגאָגע, און האָט באַלד אַרויס־געוויזן זיינע סימפּאַטיעס מיט יענע יידישע שיכטן, וואָס זיינען געווען געשטימט אַנטי־אַבאָליציאָניסטיש און פּראָ־שקלאַפעריש.

דעם 4טן יאַנואַר 1861 איז די „בני־ישורין" סינאַגאָגע געווען פול, ווי צו כל־נדרי און באַהערשט פון אַן ערנסטער שטימונג. דר. ראַפאַל האָט אָנגעהייבן זיין דרשה מיט אַ טעקסט פון תנ"ך. אויסשפּרייטנ־דיק זיינע הענט פון אונטערן טלית, פאַר דער עדה פאַרזאַמלטע יידן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך אויך געפונען אַ פּאָר טוץ פּראָ־שקלאַפע־רישע, ניט יידישע סוחרים, — האָט ער מיט אַ קלינגענדיק קול גערופן צו תשובה, כדי דאָס לאַנד זאָל ניט אומקומען. און באַלד איז ער אין זיין דרשה איבערגעגאַנגען צו אַ פּייערדיקער באַרעכטיקונג פון שקלאַ־פעריי.

היסטאָרישער יודאאיזם, האָט ער דערקלערט, איז קעגן דער פילאָ־סאָפיע פון אַבאָליציאָניזם. די צען געבאָט (עשרת הדברות) סאַנקציאָנירן מענטשלעכע שקלאַפעריי. די דרומדיקע שקלאַפן־האַלטער, כאָטש זיי זיינען אָפט גרויזאַם אין דער פּראַקטיק צו זייערע קנעכט, האָבן אָבער אַ לע־גיטימע רעכט אויף זייער מענטשלעך אייגנטום, אַ רעכט וואָס די ביבל סאַנקציאָנירט. אַזוי האָט דר. ראַפאַל געפּריידיקט.

די דאָזיקע דרשה האָט אַרויסגערופן גרויס פריידי צווישן די פּראָ־שקלאַפעריי קרייזן און אַ שטורעם אין דער אַבאָליציאָניסטישער באַוועג־גונג. יאָרן לאַנג איז אָנגעגאַנגען אַ מחלוקה וועגן דער שטעלונג פון דער ביבל צו שקלאַפעריי, צווישן פּראָ־שקלאַפערישע און אַנטי־שקלאַ־פערישע פּראָטעסטאַנטישע גייסטלעכע. איצט, אין סאַמע ברען פון אידיי־אישן קאַמף, איז געקומען אַ יידישע אויטאָריטעט, איינער וואָס געהערט צום פאָלק פון דער ביבל, און „געשליכטעט" די פּראַגע.

די דרשה איז דערשינען אין דער גאַנצער טעגלעכער ניו־יאָרקער פּרעסע און איז אויך אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַ באַזונדער בראָשור [4], נאָכדעם ווי דר. ראַפאַל האָט, אויפן פאַרלאַנג פון פּראָ־שקלאַפערישע סוחרים, איבערגעחזרט די דרשה אין דער „ניו־יאָרק היסטאָריקעל סאָ־סייעטי". די פּראָ־שקלאַפערישע עלעמענטן האָבן די בראָשור ממש געכאַפּט פון די הענט, שטאַלצירט מיט די „הייליקע" באַוויז־אַרגו־מענטן.

אין ווירדזשיניאַ האָט דער גאָווערנאָר ווינדהאַם ראָבערטסאָן אויפ־געפאָדערט די ראַבייס פון דרום צו עפענען דאָס שטאַט־הויז מיט תפילות און גענוצט דר. ראַפאַלס דרשה אַלס אַ באַווייז פאַר יידישער סימפּאַטיע צום דרום.

„עס איז פּאַסיק ביים איצטיקן מאָמענט, ווען מיר קעמפן פאַר אונדזער רעכט... צו דערמאָנען אַ מעכטיקע און עלאָקווענטע שטים, וואָס איז אויפגעהויבן געוואָרן פון אַ געלערנטן איזראַעליט אין ניו־יאָרק, צו פאַר־טיידיקן די סאָציאַלע אינסטיטוציע פאַר וועלכער מיר שטעלן זיך קעגן אַ וועלט" [5]).

די גאַנצע פּראָ־שקלאַפעריי פּרעסע האָט דעמאַגאָגיש אויסגענוצט ראַפאַלס דרשה פאַר אירע צוועקן. דער „ריטשמאָנד דעילי דיספּעטש" האָט געשריבן אַז „עס איז דער שטאַרקסטער אַרגומענט אין דער רע־ליגיעזער קאָנטראָווערסיע וועגן קנעכטשאַפט" [6]).

איין ציטאַט פון דער דרשה וועט קלאָר מאַכן, אַז דר. ראַפאַל איז אויסן געווען צו צילן מיט זיינע רייד אין האַרץ פון אַבאָליציאָניזם.

„איך פרעג דעריבער דעם חשובן רעווערענד פון ברוקלין, — האָט ראַפאַל זיך געווענדט אויפן אַדרעס פונעם פירער פון אַבאָליציאָניזם, רעווערענד הענרי וואָרד ביטשער, — ווי וואַגט איר צו שטעמפּלען שקלאַ־פעריי ווי אַ זינד? האָט איר פאַרגעסן אַז אברהם, יצחק, יעקב, איוב, די מענטשן מיט וועמען דער אַלמעכטיקער האָט גערעדט און פאַרבונדן זיין נאָמען מיט זיי, אַז די דאָזיקע מענטשן זיינען געווען שקלאַפן־באַ־זיצער? פעלט אייך גאָרניט איין אַז איר לעסטערט דערמיט גאָט? און אויב איר וועט טענהן, אַז אין יענער צייט איז שקלאַפעריי געווען גע־זעצלעך, פרעג איך: ווען און דורך וואָס פאַר אַן אויטאָריטעט ציט איר די ליניע? זאָגט אונדז, ווען איז שקלאַפעריי פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ זינד?..."

דער שטורעם, וואָס ראַפאַלס דרשה האָט אָנגעמאַכט, האָט אָבער באַלד אַרויסגערופן אַ קעגן־שטורעם. די דרשה האָט געווירקט אויף די אַנטי־שקלאַפערישע עלעמענטן, ווי דינאַמיט. דאָס נוצן גאָטס וואָרט אין שוץ פון שקלאַפעריי, מצד ראַפאַלן, האָט געגעבן דער אַנטי־שקלאַפערישער צייטונג פון ניו־יאָרק, „טריביון", אַן אַרגומענט צו באַרעכטיקן אירס אַ פריערדיקע באַהויפּטונג, אַז יידן זיינען צווישן די פירנדיקע פּאַרטיי־דיקער פון שקלאַפן־סיסטעם.

איבערגעבנדיק ראַפאַלס דרשה האָט האָרייס גרילי, דער רעדאַקטאָר פון „טריביון", צוגעשריבן אַזאַ באַמערקונג: „מיר האָבן דאָ שקלאַפן־אייגנטימער פון דרום אין איין ליגע מיט די רייכע יידן און אַנדערע געלט־לייער פון ניו־יאָרק".[7])

מען דאַרף וויסן ווי הייליק עס איז ביי אַ גרויסן טייל פון די אַבאָ־ליציאָניסטן געווען די ביבל, כדי אָפּצושאַצן די גאַנצע וואָגיקייט פון דעם צאָרן, מיט וועלכן די גאַנצע אַמעריקאַנער אַנטי־שקלאַפערישע פּרעסע

האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף ראפאלן. אין די יידישע אַבאָליציאָניסטישע קרייזן האָט מען איצט דערפילט, אַז עס גייט אין פאַרטיידיקן דעם כבוד פונעם יידישן פאָלק. יידישע אַנטי־שקלאַפעריי־קעמפער האָבן זיך גע־נומען צו דער פען און האָבן אין זייערע בריוו צו רעדאַקציעס פאַרדאַמט און דעמאַסקירט ראפאלס איינשטעל.

אַ באַזונדערן אינטערעס האָט אַרויסגערופן אַ לאַנגער בריוו פון מיכל היילפּערין, וואָס איז דערשינען אין דער ניו־יאָרקער „טריביון" דעם 15טן יאַנואַר, 1861. ריידנדיק וועגן די סאָציאַלע ווערטן פון תנ"ך, קומט דער דאָזיקער יידישער געלערנטער און פרייהייטס־קעמפער צו אַזאַ אויספיר:

„אין דער געשיכטע פון די יידן ווי אַ פאָלק איז ניט דערמאָנט קיין איין פאַל פון אַ שקלאַפן־אויפשטאַנד, וואָס דאָס באַווייזט די אָפּוועזנהייט פון אַזאַ שקלאַפן־סיסטעם ווי אין די דרום־שטאַטן, וואו שקלאַפן־אויפ־שטאַנדן זיינען אָפט פאָרגעקומען.

„די געשיכטע פון דעם דאָזיקן לאַנד (אַמעריקע) איז אָנגעפּיקעוועט מיטן דאָזיקן פינצטערן וואָרט: „שקלאַפעריי". זאָל שוין טאַקע די דאָזיקע געשיכטע אַזוי ווייטער פאָרגעזעצט ווערן? ענטפערט, איר, שטאַטסלייט און פאָלק פון אַמעריקע!"

קעגן ראפאלס דרשה זיינען אויך אַרויסגעטראָטן צוויי רעפאָרמיס־טישע ראַבינער, דר. ריכארד גאָטהייל פון מאַנטשעסטער, ענגלאַנד און דר. מיעלצינער פון דענמאַרק, וועלכער האָט אָפּגעדרוקט זיין דיסערטאַ־ציע: „שקלאַפעריי צווישן די אַלטע העברעער" [8].

און ווי האָבן זיך פאַרהאַלטן די אָפּיציעלע וואָרט־זאָגער פון דער אַמעריקאַנער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, די קאָנסערוואַטיווע און די רעפאָרמער?

דעם זעלביקן טאָג, וואָס ראפאל האָט געהאַלטן זיין דרשה, האָט דער „מעסענדזשער" געדרוקט אַן אַרטיקל פון זיינעם אַ שטענדיקן מיט־אַרבעטער, „דזשודאעוס", וואָס האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פונעם דרום און אַטאַקירט לינקאָלנען. שפּעטער, ווען עס זיינען אָנגעקומען בריוו צום „מעסענדזשער" וועגן ראפאלס דרשה, האָט זיך ס. אייזיקס, דער רעדאַקטאָר ענטזאָגט זיי צו דרוקן. „מיר זיינען אַנטשלאָסן ניט צו דערלויבן אויף אונדזערע שפּאַלטן קיין מיינונגען וועגן דעם ענין, ניט פאַר און ניט קעגן שקלאַפעריי" [9].

אייזיקס האָט מורא געהאַט פאַר אַ פאַנאַנדערגעוויקלטער פּרינציפּיע־לער דיסקוסיע און זיך באַמיט מיט אַלע זיינע כחות אָפּצוקומען בלויז מיט אַלגעמיינע פאַטריאָטישע פראַזן.

אַנדערש איז עס געווען מיט די יידיש־ענגלישע שריפטן — „רעקאָרד", „אָקצידענט", „איזראַעליט" און „אסמאָנעאַן". זיי זיינען ניט געגאַנגען אויף קיינע קאָמפּראָמיסן מיט די אַבאָליציאָניסטן. דער „אסמאָנעאַן" האָט אָפּגעוואָרפן יעדער נייטראַליטעט און איז אַרויס מיט אַליידנשאַפטלעכער פאַרטיידיקונג פון נעגער־שקלאַפעריי. אַטאַקירנדיק די אַבאָליציאָניסטן און באַצייכענענדיק זיי ווי „פאַנאַטיקער וואָס ווילן פאַרבאַפּן די מלוכה און פאַרניכטן אינסטיטוציעס", האָט דער „דזשואיש רעקאָרד" געשריבן:

מיר קענען ניט ריידן אין איין אָטעם פון נעגערס און יידן. די דאָזיקע נעמען האָבן צוויי באַזונדערע קלאַנגען. איינס רעפּרעזענטירט אַלץ וואָס איז מינדערווערטיק אין באַרבאַרישן היידנטום אין משך פון 6000 יאָר; דאָס צווייטע, יידן, האָבן געגאָסן פון יהוהן אַליין די פאַרבינדונג מיט הימלישע מלאכים. די פאַנאַטיקער פאַרשוועכן דעם אויסוואַל פון גאָט אַליין, ווען זיי ווילן אָפּשאַפן די אינפעריאָריטעט, וואָס ער האָט אַרויפגעלייגט אויף די אַפריקאַנער; ווען זיי ווילן פאַרגלייכן צווישן די דאָזיקע צוויי ראַסן. די מענטשהייט, פון איין עק וועלט ביז דער אַנדערער, איז קעגן אַזאַ פאַרגלייך. דער העברעער איז פון אָנהויב אָן געווען פריי. דער „טשאַרטער" (קאָנטראַקט) פון זיין באַפרייאונג איז אים געגעבן געוואָרן פון זיין באַשעפער. דער נעגער איז פאַרשקלאַפט געוואָרן אין אַפריקע... דאָס געזעץ אין דער גאַנצער וועלט איז איינשטימיק, אַז פראָקלאַמירן די פרייהייט פונעם נעגער און אים גלייך מאַכן מיט די אַרומיקע ראַסן, איז אַ פאַרס. דער הייליקער נאָמען פון משהן און די נביאים וועט פאַרשוועכט ווערן דורך די עקזאָטישע דערגרייכונגען פון לינקאָלנען" [10].

דער דאָזיקער אָרגאַן פון דער יידישער אָרטאָדאָקסיע האָט פאַרגעלייענט: „זאָל לינקאָלן, איידער ער זעצט־דורך די נעגער־עמאַנציפּאַציע, אָפּשאַפן מאָנאַרכיע אין אייראָפּע" [11].

באַקעמפנדיק יעדן שריט, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פאַר דער באַפרייאונג פון די נעגער, האָט דער „רעקאָרד"" געשריבן מיט סאַרקאַזם, אַז „די ווייסע וועלן זיך באַלד מוזן פאַרשטעלן פאַר נעגער, אויב זיי וועלן וועלן באַקומען טובות פון דער לינקאָלן־אַדמיניסטראַציע" [12].

דער „מעסענדזשער" האָט נאָך דער עמאַנציפּאַציע־פּראָקלאַמאַציע געשטיצט דעם 13טן אַמענדמענט, נאָר האָט געוואָרנט, אַז דער נעגער וועט דאַרפן פאַרדינען זיין פרייהייט ניט דווקא דורך לעגיסלאַטיווע מיטלען. אָבער דער „רעקאָרד" האָט אַזוי שפּעט ווי אין 1865, נאָכן בירגער־קריג, געשריבן, אַז „דער נעגער פאַרדינט ניט צו זיין פריי" [13].

יצחק מאיר וויז האָט ניט בלויז געגעבן זיין שוויגנדיקע הסכמה אויף ראפאלס דרשה, נאָר האָט זיך באַלד געלאָזן אין אַ שטורמישן אָנגריף קעגן אַבאָליציאָניזם, קעגן אַלע רעפּובליקאַנישע עלעמענטן. זיינע אַטאַקעס אויף די אַנטי־שקלאַפערישע כחות האָט ער אָנגעהאַלטן די גאַנצע צייט פון ערב בירגער־קריג און אַפילו בעתן בירגער־קריג. וויז האָט ניט נאָר געהאַלטן, אַז די דרומדיקע שטאַטן האָבן אַ רעכט צו „סעסידן" (זיך אָפּרייסן פון פאַרבאַנד), נאָר איז בכלל געווען זיכער אין אַ קאָנפעדעראַטיוון זיג.

צוגלייך מיט די רעאַקציאָנערסטע דרומדיקע אידעאָלאָגן פון שקלאַפעריי האָט זיך וויז געלאָזט אין אַן אַנטשיידנדיקן קאַמף קעגן די אַבאָליציאָניסטן. מיט דער שוואַרצסטער פאַרב האָט ער געוואָלט אויסשמירן די ליכטיקע געשטאַלט פון אייבערהעם לינקאָלן. ווען דער גרויסער באַפרייער האָט אין יאָר 1861 באַזוכט וויזס שטאָט, סינסינעטי, האָט וויז געשריבן: „אַרעמער אַלטער לינקאָלן, וואָס האָט ביז איצט געפירט אַ שטיל לעבן ווי אַ פּראָווינציעלער אַדוואָקאַט, און איז איצט איינגעשוואָרן געוואָרן אַלס פּרעזידענט. די פּיליסטער פון גאַנצן לאַנד זאַמלען זיך אַרום אים און דינען אים. צו וואָס דער גאַנצער טומל? וואַרט ביז ער וועט עפּעס אויפטאָן? ווי זעט ער אויס? ווי אַ דאָרפסמאַן, וואָס קומט צום ערשטן מאָל אין אַ שטאָט... מיט זיין פּרימיטיוון אויסזען וועט ער אויסקוקן זייער נעבעכדיק אין ווייסן הויז"[14].

נאָך ערגער האָבן ביי וויזן אָפּגעשניטן די אַנדערע ראַדיקאַלע אַבאָליציאָניסטן. „פאַנאַטיקער", „דעמאַגאָגן", „רויטע רעפּובליקאַנער" און „פּערמאַנענטע העביטואַלע" (אויס געוואוינהייט) רעוואָלוציאָנערן, — אַזעלכע זיינען די אַבאָליציאָניסטן. זיי שפּייזן זיך מיט אויפרעגונג און האָבן הנאה פון בירגער־קריגן. דייטשע אַטעאיסטן, אינאיינעם מיט אַמעריקאַנער פּיוריטאַנער, וואָס ווייסן ניט פון קיין גרענעץ אין זייער פאַנאַטיזם. טרוימערישע פילאַנטראָפּן, רשעותדיקע פּרעדיגער, וועלכע פּאַסן צו זייער רעליגיעזיטעט צו זייערע קאָנגרעגאַציעס, דעמאַגאָגן פון האַס און חורבן".

„מיר גלויבן ניט אַז עס געפינט זיך איין דייטשישער אפּיקורס, וואָס זאָל ניט האָבן געשטימט פאַר לינקאָלנען"[15].

וויז איז געווען איבערצייגט, אַז די פּראָטעסטאַנטישע גייסטלעכע זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן בירגער־קריג. „פון ערשטן מאָמענט אָן פון די אומגליקלעכע פאַסירונגען פון וועלכע מיר ליידן איצט, האָבן די פּראָטעסטאַנטישע כהנים אַריינגעוואָרפן זייערע האַלאָוועשקעס אין פייער

פון אַבאָליציאָניזם. עס איז ניט געווען קיין איין פּראָטעסטאַנטישע צייטונג, וואָס האָט ניט געדרוקט אַבאָליציאָניסטישע געדאַנקען. און זייער יעדער דרשה האָט גערעדט וועגן „עקזיסטירנדיקן שלעכטס". „עס זיינען די גלחים, וואָס טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דזשעפערסאָן דעיוויסעס רעבעליע. די דאָזיקע באַנדע וואָלט בעסער געוואָלט זען די נאַציע צעבראָכן, איידער אויפגעבן זייער פּאָליטישן פאַנאַטיזם" [16]).

ווייז האָט דערקלערט, אַז ער וויל בעסער שקלאַפעריי זאָל בלייבן אויף אייביק, איידער „דורכמאַכן די בלוט־באָד פון בירגער־קריג" [17]).

צוגלייך מיטן רעפאָרמער י. מ. ווייז, לאָזן זיך די אָרטאָדאָקסישע און קאָנסערוואַטיווע רבנים בערנאַרד אילאָווי פון באַלטימאָר, יהודה וועקסלער פון פּאָרטסמוט, אָהייאָ, אַ שכן פון דעם דרומדיקן שטאַט, קענטאַקי, און דזשעמס גוטהיים פון ניו־אָרלינס אין אַ היילּיקן קריג קעגן אַבאָליציאָניזם. דר. וועקסלער האָט, ווי ווייז, געהאַלטן די אַבאָליציאָניסטן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער גרינדונג פון דער קאָנפעדעראַציע, גוטהיים האָט בעסער אויסגעקליבן צו פאַרלאָזן זיין שטעלע איידער שווערן לאָיאַליטעט צום „דיקטאַטאָר פון וואַשינגטאָן" (לינקאָלן) [18]).

בערנאַרד אילאָווי פון באַלטימאָר, אַליין אַ שקלאַפן־האַלטער, האָט דערקלערט, אַז „די אַבאָליציאָניסטן זיינען אַמביציעזע אַספּיראַנטן און עגאָאיסטישע פּאָליטיקער. אונטערן מאַנטל פון רעליגיע און פילאַנטראָפּיע, האָבן זיי אַריינגעוואָרפן דאָס לאַנד אין אַ מצב פון צעטומלעניש".

אילאָווי האָט דעם זעלבן 4טן יאַנואַר, ווי ראַפאַל אין ניו יאָרק, געהאַלטן אַ דרשה און באַרעכטיקט שקלאַפעריי. נאָר זיין דרשה האָט ניט אַרויסגערופן אַזאַ אויפמערקזאַמקייט ווי ראַפאַלס. אינטערעסאַנט איז, אַז אויך ער האָט כמעט גענוצט די זעלביקע אַרגומענטן, וואָס זיין ניו־יאָרקער קאָלעגע... „פאַרוואָס האָט משה, וואָס איז ניט געווען פאַר שקלאַפעריי, ווי עס איז צו זען פון זיינע שריפטן, באַפוילן די עלטסטע פון ישראל אָוועקצונעמען מיט גוואַלד אַ שקלאַף, וואָס איז אַנטלאָפן פון זיין האַר? פאַרוואָס האָבן אברהם און עזרא ניט באַפרייט זייערע שקלאַפן? דאָס אַלץ באַווייזט אַז מיר האָבן ניט קיין רעכט אָנצואווענדן גוואַלד־מיטלען קעגן דער אינסטיטוציע, אַפילו ווען אונדזערע רעליגיעזע סענטימענטן און הומאַניסטישע געפילן זיינען קעגן דעם. בפרט אַז די פריידיקער פון די געפערלעכע אידעען, וואָס דראָען אונדזער לאַנד מיט רואינע, זיינען ניט דאָס, וואָס זיי פּרעטענדירן צו זיין, — פאַרשטייער פון רעליגיע און פילאַנטראָפּיע" [19]).

אילאָווי און זיינע אָרטאָדאָקסישע און קאָנסערוואַטיווע קאָלעגן, האָבן ווי עס שיינט, ניט מורא געהאַט זיך צו סאָלידאַריזירן מיט פּראָטעסטאַנטן פון די דרום־שטאַטן, אויב די דאָזיקע האָבן זיך געפונען מיט זיי אין אַן אידעאישער קלאַסן־קרובהשאַפט.

3. איינהאָרן אין קאַמף קעגן ביבלישן לעגאַליזם

דוד איינהאָרן, וואָס האָט רעדאַגירט זיין „סיני" מיטן פּאַטאָס פון די מיליטאַנטסטע אַבאָליציאָניסטן און „שוואַרצע רעפּובליקאַנער", האָט נאַטירלעך מיט גרויס אימפּעט זיך אַריינגעוואָרפן אין שטרייט מיט די לעגאַליזירער פון דער שקלאַפעריי, „מן התורה", אויפן סמך פון דער ביבל.

דעם שטאַרקסטן און איינדרוקפולסטן פּראָטעסט קעגן דער לעגאַלי־זאַציע פון שקלאַפעריי דורך די רעליגיעזע יידישע מנהיגים, שטעלט מיט זיך פאָר איינהאָרנס פּאָלעמישע שריפט קעגן ראפאלן, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אין צוויי נומערן פון „סיני" [20].

אין דער דאָזיקער שריפט האָט איינהאָרן אַריינגעלייגט אַ סך פּאַ־לעמישעליידנשאַפט און דיאַלעקטישע שאַרפזיניקייט. עס האָט זיך באַ־קומען אַ קלאַסישער אַבאָליציאָניסטיש־יידישער טראַקטאַט. אין איינקלאַנג מיטן גייסט פון טעאָלאָגישן פּאָלעמיק פון יענער צייט, ווערן די רבנים, וואָס האָבן געכשרט די שקלאַפעריי, געשלאָגן מיט זייער אייגענעם געווער. ווענדיק אַרויסרייסן פון די קלעריקאַלע הענט דעם עצם אינסטרומענט פון זייער גייסטיקער פאַרקנעכטונג — די פאַרהייליקטע פּסוקים, טרעט איינהאָרן שאַרף אַרויס קעגן זייער אויסטייטשן פון פּסוקים און פּראַזן.

איינהאָרן לאָזט ניט דורך קיין שום געלעגנהייט אין זיין פּאָלעמיק, כדי אויסצוטייטשן די אַנטשפּרעכנדיקע פּסוקים אַנדערש פון ראפאלן און אילאָווין. אָבער קודם כל דערקלערט ער, אַז ער אָריענטירט זיך אויף דער דינאַמיק פון דער ביבל, אויף אירע געשיכטלעכע טענדענצן, בשעת זיי אָריענטירן זיך אויף דעם „טויטן בוכשטאַב" און ניט אויפן גייסט.

די פראַגע איז ניט, — זאָגט איינהאָרן — צי שקלאַפעריי איז דער־מאָנט אין תנ"ך, נאָר צי די „הייליקע שריפטן" טאָלערירן בלויז די שקלאַפעריי, אַלס אַ שלעכטס וואָס מען קאָן ניט פאַרבייגיין, און דערפאַר האָבן זיי געשאַפן געזעצן, וואָס האָבן געפּרוווט די דאָזיקע דערשיינונג פאַרשמעלערן און רעדוצירן, כדי אַזוי אַרום מיט דער צייט אינגאַנצן אויסוואָרצלען די דאָזיקע העסלעכע פאָרם פון מענטשלעכן דאָ־זיין, —

אָדער די ביבל הייליקט און באַרעכטיקט קנעכטשאַפט פון מאָראַלישן שטאַנדפּונקט.

איינהאָרן פּאָלעמיזירט מיט די רבנים, קודם כל וועגן דינאַמישן גייסט פון די ביבלישע געזעצן און דאָ רוקט ער אַרויס אַזאַ דיאַלעקטישע הנחה:

די געזעצן פון תנ״ך זיינען ניט קיין טויטע געזעצן, נאָר לעבעדיק־באַוועגנדיקע טענדענצן. אַ טענדענץ איז ניט קיין אָפּגעשלאָסענע זאַך: אַ טענדענץ, וועלכע שטרעבט צו דערגרייכן אַ געוויסן ענדציל, מוז זיך אין פאַרלויף פון איר אַנטוויקלונג פאַרמערן דורך אויפנעמען כסדר וואָס אַמאָל מער קוואַנטיטאַטיוו. די קוואַנטיטעטן גייען איבער אין אַנדערע קוואַליטעטן; מיט דער צייט, ווען די טענדענץ נעמט אויף אַ גרעסערן סכום, פאַרבייט זי איר קוואַליטעט, דאָס הייסט אַז זי מוז איבער־אַנדערשן איר סטרוקטור, איר פאָרם.

וואָס האָט שקלאַפעריי באַדייט אין אַלטן יידנטום? ווען מיר נעמען אין אַכט, אַז אין דער צייט ווען אין דער גאַנצער וועלט האָט געהערשט אַן אומבאַגרענעצטע ברוטאַלע שקלאַפעריי, איז ביי יידן קנעכטשאַפט געווען באַגרענעצט ביז זעקס יאָר, נאָך וועלכע דער קנעכט ווערט אַ פול־שטענדיק באַפרייטער מענטש, — דאָס אַליין איז שוין גענוג צו באַנעמען, אַז אין יענע פאַרהעלטענישן זיינען די יידישע שקלאַפן־געזעצן, אין באַצוג צו דער אַרומיקער וועלט, געווען רעוואָלוציאָניזירנדיקע.

וויכטיק אין די געזעצן פון תנ״ך איז ניט זייער סטאַטיק, זייער „טרוקענער געזעץ״, נאָר די דינאַמיק, די כוונה, דער מאָראַלישער מיין פון דעם געזעץ. אין פאַרשיידענע צייטן ווערן די פאַרשיידענע געבאָטן אַנדערש אויסגעטייטשט און עס ווערן אין זיי אַריינגעגעבן נייע אינ־האַלטן. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט דער רמב״ם אין זיין צייט אויסגע־טייטשט אַ סך מצוות אין איינקלאַנג מיט די פילאָסאָפישע באַגריפן פון זיין צייט.

אָט ווי סאַרקאַסטיש איינהאָרן הייבט אָן זיין פּאָלעמיק מיט ראַפאַלן.

אין תלמוד געפינען מיר אַזאַ אַלעגאָריע: „הרוצה להחכים — ידרים, — ווער עס וויל ווערן קלוג זאָל גיין אין דער ריכטונג פון דרום; „הרוצה להעשיר — יצפין״ — ווער עס וויל ווערן רייך, זאָל ער גיין אין דער ריכטונג פון צפון. דער ניו־יאָרקער ראַבינער, ראַפאַל, איז אַוועק קיין דרום, ניט ווייל ער האָט געוואָלט קליגער ווערן, ווייל אין זיין דרשה וויזט ער אַרויס גאַנץ ווייניק חכמה.... ער האָט זיך פשוט געוואָלט איינקויפן ביי די רייכע סוחרים פון צפון, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיטן דרום...

דר. ראפאל, — דערקלערט איינהאַרן, — פאַרזיכערט אונדז, אַז גרויסע מענטשן אין אַלע דורות האָבן געהאַלטן פון אינסטיטוציאָנעלער שקלאַפעריי. אברהם, יצחק, יעקב, האָבן געהאַט שקלאַפן, האָט דאָך אברהם געהאַט אַ שקלאַפין הגר, איז ער דערפאַר געוואָרן ווייניקער מאָראַליש?

עס איז אָבער ניט קיין פראַגע צי אַ שקלאַפן־באַזיצער, אַלס יחיד, איז יאָ, אָדער ניט, קיין מאָראַלישער מענטש. קיינער האַלט ניט, אַז אַ שקלאַפן־באַזיצער, אַלס יחיד, איז אַ „מאָנסטער" (טייוול). אין אונדזער צייט פּראַקטיצירן די טערקן פּאָליגאַמיע און קיינעם וועט ניט איינפאַלן צו באַצייכענען אַלע טערקן ווי אוממאָראַלישע מענטשן. ביי זיי איז עס אַ פראַגע פון אַ לעבנס־שטייגער, פון געוואוינהייטן, לאָקאַלע מנהגים און טראַדיציעס, א. אַז. וו. אויך אויף די אָבות, וועלכע זיינען געווען שקלאַפן־באַזיצער, דאַרף מען קוקן אין ליכט פון זייער צייט, ווען אין דעם גאַנצן אַרום האָט געבליט שקלאַפעריי; אַנדערש איז עס אין אונדזער צייט, ווען די אינסטיטוציע פון שקלאַפעריי איז געוואָרן אַ צייכן פון מאָראַלישער פאַרדאַרבנקייט.

ווייטער זאָגט דר. ראפאל, אַז נאָך אין דער אַנטיקער צייט פון דער ביבל געפינען מיר שקלאַפעריי. אין חומש ווערט געזאָגט: „פאַר־שאָלטן איז כנען, ער זאָל זיין אַ קנעכט צו זיינע ברידער" (בראשית, 32, 8) די ווערטער האָט געזאָגט דער ביבלישער נח. פרעגט דער „פרומער דרשן", — דר. ראפאל, — פונוואַנען האָט נח געוואוסט וועגן שקלאַפעריי, ווי איז אים גאָר איינגעפאַלן זיך צו באַנוצן מיט דער קללה פון שקלאַפעריי? סיידן, ניט אַנדערש, ווי אין זיין זכרון איז נאָך געווען פריש די דעראינערונג פון שקלאַפעריי, וואָס האָט עק־זיסטירט פאַר דעם מבול! אַלזאָ, שקלאַפעריי האָט שוין אַמאָל געהערשט, פירט אויס דער ניו־יאָרקער טעאָלאָג.

ווי ראפאל זאָל ניט שטיצן זיינע אַרגומענטן אויף אַנטיקוואַרישקייט, מוזן מיר זיי דערקלערן פאַר פאַלש! אין חומש, די געשיכטע וועגן וועלט־באַשאַף, ווערט דערציילט, אַז גאָט האָט באַשאַפן קריכנדיקע ווידמונגען" (בראשית 6,28). דאָרט ווערט גאָרניט דערמאָנט, אַז ער האָט באַפוילן די הערשאַפט פון איין מענטשן אויפן אַנדערן, גאָרניט וועגן פאַרשקלאַפן דעם מיטברודער, פונוואַנען דרינגט ראפאל, אַז פאַרן מבול האָט שוין עקזיסטירט נעגער־שקלאַפעריי? סיידן ער פאַררעכנט דעם נעגער צווישן די „קריכנדיקע ווידמונגען".

ראפאל וויל דערקלערן דאָס גאַנצע נעגערשע פאָלק, אַלס בני־נח, קינדער פון נחן, וואָס שטאַמען פון זיין זון חם, מיר גלויבן אָבער, אַז

די נעגער וועלן אים מוחל זיין דעם כבוד, און ווילן ניט געהערן צו די בני־נח, וועלכער האָט לויטן חומש, געפלאַנצט אַ וויינגאָרטן, און ניט קיין קאַטן אין דער סאַוט..."

„אברהם, יצחק און יעקב, — זאָגט ווייטער ראַפאַל, — האָבן געהאַט שקלאַפן!" אמת, אָבער זיי האָבן אויך געהאַט עטלעכע ווייבער, פאַרוואָס עפּעס זאָלן די אבות זיין מוסטערן פאַר שקלאַפעריי און ניט קיין מאָדעלן פאַר פיל־ווייבעריי?

„דעם געבאָט פון שבת־רו פאַרן קנעכט און דער דינסט דערקלערט דער „בכבודיקער טשעפּליין פון קאָנגרעס" (ראַפאַל האָט דערעפנט אַ זיצונג פון קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן מיט אַ תפילה) ווי אַ תנ"כישע סאַנקציע פאַר דער שקלאַפעריי. מיר באַוואונדערן די מאָס הומאַנישקייט פון דר. ראַפאלן, וואָס נעמט אַזאַ הומאַנישן געבאָט פון אַבסאָלוטער מנוחה פאַרן קנעכט, צוגלייך מיט זיין האַר, אין שבת־טאָג, און באַרעכטיקט מיט אים די קנעכטשאַפט! פון דעם געטלעכן פלאַם פון ליבע שמידט אויס דער פרומער רב, קייטן! אַז אָך און ווי צו אַזאַ שאַנד!"

איינהאָרן פירט אויס, אַז זיין קאַמף קעגן שקלאַפעריי איז אַ קאַמף מיט פאַלש־צביעותדיקער רעליגיאָזיטעט, וואָס וויל פון אַ מכלומרשטן געטלעכן שטאַנדפּונקט לעגאַליזירן רויבערישע אַפּעטיטן.

די רבנים, וואָס כשרן שקלאַפעריי, מאָנאָפּאָליזירן די ביבל פאַר זייערע פּריווילעגירטע קלאַסן־אינטערעסן, וואָס דאָס איז אַ חלול השם, אַ פּראָפאַנאַציע פון תנ"ך.

„אין נאָמען פון געטלעכער אויטאָריטעט צו פּראָקלאַמירן די מאָראַלישע ריינקייט און אומשולדיקייט פון די שקלאַפן־האַרן און אַרויסברענגען דעם הכשר פאַר די אויגן פון קריסטלעכע גייסטלעכע, וואָס טראַכטן אַנדערש, — אַזאַ זאַך איז אַ פאַרברעכן. דער ייד, אַ שטאָם און אַ צווייג וואָס ריכט אָפּ טאָג־טעגלעך תפילות צו זיין גאָט, און לויבט אים פאַר דער אויסלייזונג פון הויז פון שקלאַפעריי אין עגיפּטן, דער ייד, וואָס ליידט אפילו אין אונדזערע צייטן אונטערן דרוק פון פאַרשקלאַפונג, אין די מערסטע לענדער פון דער וועלט, און שרייט צו זיין גאָט פון שקלאַפן־צוואַנג, — דער דאָזיקער ייד האָט זיך איצט אונטערגענומען צו באַרעכטיקן שקלאַפעריי ווי אַ זינדלאָזע, פּערפעקטע אינסטיטוציע, סאַנקציאָנירט פון גאָט אַליין, און די מענטשן, וואָס האָבן אַן אַנדער איבערצייגונג ווערן באַגעגנט מיט פאַנאַטישער פאַראַכטונג! — ס'איז זיך שווער פאָרצושטעלן אַ פענאָמען וואָס איז מער ווערט צו „באַוואונדערן" ווי ראַפּאַלס „אונטערנעמונג"...

„עס דאַרף פונדעסטוועגן נאָכאַמאָל געזאָגט ווערן: אויב אַ קריסט־לעכער גייסטלעכער וואָלט געשריבן אַז יידישקייט איז אין תוך פּראָ־שקלאַפעריש, וואָלטן אַלע יידן, פון דער עקסטרעמער אָרטאָדאָקסיע ביז דעם ראַדיקאַלסטן פליגל פון די רעפאָרמער, אַרויסגערופן דעם צאָרן פון הימל און ערד קעגן אַזאַ פעלשונג. קאָנען מיר בלייבן גלייכגילטיק צו אַזאַ פּראָפאַנאַציע?"

זיין שריפט פאַרענדיקט איינהאָרן מיט די ווערטער: „איך שרייב די ווערטער דעם 9טן יאַנואַר 1861. אין דעם מאָמענט הענגט שוין דער דונערדיקער וואָלקן שווער איבער אונדזערע קעפּ. מיר בעטן פאַרן שלום פאַר די פאַראייניקטע שטאַטן, ווי אַ טרייער זון איז מתפּלל פאַר זיין געפערלעך קראַנקער מאַמע!"

דער שלום איז אָבער ניט געקומען. דער געוויטער האָט זיך נאָכמער צעווילדעוועט. דער שטורעם האָט זיך נאָכמער צעשפּילט, און צווישן די וואָס האָבן זיך בראַוו פאַרמאָסטן מיט די שטורעם־פויגלען און זיך פריי־וויליק צוגעשמידט צו דער שיף, וואָס ער האָט גערודערט צום פאַרשפּראָ־כענעם לאַנד פון פרייהייט, האָט זיך געפונען דוד איינהאָרן.

פערטער קאַפּיטל

אַ מאַרטירער פאַרן אמת

אין זיין רעפעראַט געווידמעט דעם 250 יאָריקן יובילעאום פון יידישער געשיכטע אין אַמעריקע, אין 1904, האָט עמיל ג. הירש, דער פירער פון ראַדיקאַלן יידישן רעפאָרמיזם, געזאָגט: „אין קאַמף קעגן שקלאַפעריי איז קיינער ניט געווען מער אייפעריק ווי דער פירער פון רעפאָרם־יידנטום אין אַמעריקע; מער ענטוזיאַסטיש ווי אַ קאָנסערוואַטיווער פירער פון די ספרדים אין פילאַדעלפיע. און ווי אַ באַווייז ווי יידנטום איז פאַרקנסט מיט פרייהייט, האָבן זייערע שטימען אָפּגעקלונגען אין די רעפאָרמירטע און פאָרטוגעזישע קהלות פון פילאַדעלפיע, גרייט צו שטאַרבן, אויב נויטיק צווישן די קעמפער קעגן שקלאַפעריי, גרייט צו שטעלן אין געפאַר זייערע שטעלעס און פּאָזיציעס, — אַזעלכע זיינען געווען דוד איינהאָרן און שבתי מאָראַיס״ [1]).

שוין גלייך נאָך איינהאָרנס אָנקומען קיין באַלטימאָר האָבן די מיטגלידער פון זיין קאָנגרעגאַציע אויסגעפונען אַז זיי וועלן וויניק לערנען פון זייער „פּאַסטור״ וועגן דער וועלט פון „אייביקייט״. זיי האָבן אָבער אַלץ מער און מער געהערט פון אים דעם כלל־גדול, אַז ברויט צום עסן און מינימאַלע רעכט און פרייהייט, קומט יעדן לעבעדיקן נפש, אָן אונטערשייד צי זיין פאַרב איז ווייס אָדער שוואַרץ, געל אָדער רויט. און אַז אויב איינער האָט עס ניט, זיינען פאַראַן פאַר דעם צוויי סימנים: אַ סימן, אַז שטאַרקערע האָבן אים באַרויבט פון זיין נאַטירלעכער רעכט, און אַז די געזעלשאַפט איז... אַ גאַטלאָזע.

אַז איינהאָרן האָט שוין דאַן געזוכט מער דעם „לעבעדיקן גייסט״ ווי די „טויטע בוכשטאַבן״ איז צו זען פון זיינע אָפּהאַנדלונגען אין „סיני״.

„גאָט האָט פאַרלאָזט די קירכן און די סינאַגאָגעס און זיך באַזעצט אין די הערצער פון טרוימער און קעמפער״, — דער דאָזיקער אָפאָריזם, וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן פון ראַדיקאַלן אַמעריקאַנער אַבאָליציאָניסט טעאָדאָר פאַרקער, האָט זיך באַשטעטיקט ווען איינהאָרן האָט גע־

נומען פייערלעך אַרויסטרעטן קעגן די רבנים, וואָס האָבן געגעבן זייער „הייליקע ברכה" דער שקלאַפעריי.

די שטעלונג פון דעם אָרטאָדאָקסיש־קאָנסערוואַטיוון לאַגער, אַז אין דעם גרויסן קאָנפליקט צווישן צפון און דרום דאַרף מען אויסקלייבן דעם וועג פון נייטראַליטעט צו יעדער פּאָליטישער ריכטונג, — די דאָזיקע שטעלונג האָט איינהאָרן ניט געקענט אָננעמען. ניט זיינע קאָלעגן און ניט די פּראָ־שקלאַפערישע פירער פון זיין אייגענער געמיינדע, האָבן אים געקענט באַוועגן ער זאָל זיך ניט מישן אין „פּאָליטיק". אַזאַ לוקסוס פון זיך דערהייבן איבער דער ברוטאַלערווירקלעכקייט און זיך אויס־לעבן אין ריין־גייסטיקע ספערן, האָט ער געהאַלטן, קאָן ער זיך ניט דערלויבן. שווייגן וואָלט געמיינט אונטערשטיצן די, וואָס קלאַמערן זיך אין דער רשעותדיקער אָרדענונג. האָט ער, ווי זיינע ניט־יידישע קאָלעגן, די אַבאָליציאָניסטן פּאַרקער, פיליפּס, ביטשער, געלאָזט אויפ־שטיין תחית־המתים לוטערס שטאָלץ וואָרט: „דאָ שטיי איך, איך קען ניט אַנדערש", און מיט גבורהדיקן מוט פאַרטיידיקט זיינע איבער־צייגונגען, זיינע פּרינציפּן.

1. די ערשטע חדשים פון פּרעזידענט לינקאָלן

מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם האָט דאָס גאַנצע לאַנד געוואַרט אויפן אויסגאַנג פון דער וואַל־קאַמפּאַניע אין יאָר 1860. אויף אַמעריקע זיינען אויך געווען געווענדעט די אויגן פון דער גאַנצער וועלט.

די ביטערע ווערטער־שלאַכט צווישן די צוויי קעמפנדיקע לאַגערן האָט זיך געענדיקט. וואָס טראָגט מיט זיך די צוקונפט? און די צוקונפט איז אָפּגעהאַנגען פון דעם רעזולטאַט פון די דאָזיקע וואַלן.

ניו־יאָרק איז געווען דער שליסל; דער רעזולטאַט פון די וואַלן אין ניו־יאָרק וועט געבן איינעם פון די צוויי לאַגערן די רעגירונגס־לייצעס אין די הענט. וועט ניו־יאָרק שטימען פאַרן „שוואַרצן רעפּובלי־קאַנער", פאַרן „קליינשטעטלדיקן לאַיער", פאַרן „ראַדיקאַל פון אילינאָי"?

ניו־יאָרק, די אַרבעטער און פאַרמער פון ניו־יאָרק, האָבן געשטימט פאַרן ראַדיקאַל, פאַר אייברעהעם לינקאָלן. דער „שוואַרצער רעפּובלי־קאַנער" איז דערוויילט געוואָרן פאַר פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

אויף מאָרגן איז „דער דעק אַרויסגעפאַלן פון מאַרק". וואַל־סטריט איז געגאַנגען כאַדאָראַם. קלאַנגען זיינען געפלויגן שנעלער ווי די טעלעגראַף־באַריכטן. מ'האָט זיך געשושקעט, אַז הויכע רעגירונגס־באַ־אַמטע וועלן דורכפירן אַן איבערקערעניש, איידער דער פּרעזידענט וועט

איינגעשוואָרן ווערן. און דאָס איז געווען מער ווי אַ קלאַנג. צום ווינ־ציקסטן דריי מיטגלידער פון פּרעזידענט ביוקענענס קאַבינעט, האועל קאָב — פינאַנץ־סעקרעטאַר, דזשאָן ב. פלאָיד — קריגס־סעקרעטאַר, און דזשאָזעף טאָמסאָן — סעקרעטאַר פאַר אינערלעכע ענינים, זיינען געווען פאַרוויקלט, ווי דאָס איז היסטאָריש פעסטגעשטעלט געוואָרן, אין אַ קאָנספּיראַציע קעגן דער נייער מאַכט.

מ׳האָט דערציילט מעשיות, אַז עפּעס וועט פּאַסירן צווישן די וואַלן און דער „איינשווערונג" און אויך דאָס איז ניט געווען אינגאַנצן אויס־געטראַכט.

געקאָכט ווי אַ קעסל האָט אויך די הויפּט־שטאָט, וואַשינגטאָן. אפילו נאָך מער ווי אויף וואָל־סטריט זיינען דאָ געצויגן געוואָרן דראָטן. די פּאָליטישנס פון דער „סאַוט" האָבן גאַנץ אָפן גערעדט וועגן דעם, אַז וואַשינגטאָן וועט איינגיכן ווערן די הויפּט־שטאָט, ניט פון די פאַראייניק־טע שטאַטן, נאָר פון אַ קאָנפעדעראַציע פון די דרום־שטאַטן. דער „ריטשמאָנד אינקווייערער" האָט אין אַן עדיטאָריעל לכבוד קריסטמעס גערופן מערילענד זיך אָנצושליסן אין ווירדזשיניע און צוזאַמען אַטאַקירן די הויפּט־שטאָט [2]).

די דאָזיקע געשעענישן האָבן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דעם גרענעץ־שטאַט מערילענד און אויף די אַנטי־שקלאַפערישע כחות פון באַלטימאָר. אויף אַלץ און אויף אַלעמען איז געלעגן אַ שטעמפּל פון פאַר־צווייפלונג און ניט־זיכערקייט.

אויף די יידן פון באַלטימאָר האָט זיך די דאָזיקע צערודערונג, פון לינקאָלנס דערוויילט ווערן ביז זיין איבערנעמען דעם אַמט, באַזונדערס אָפּגעשפּיגלט. אַדאַנק דער עקאָנאָמישער פאַרבונדנקייט פון גרויסע יידישע קרייזן מיט די פּלאַנטאַטאָרן פון דרום־מערילענד און ווירדזשיניא, צו וועלכע עס האָבן געהערט די יידישע סוחרים ס. דעלעוויע, פּרעזידענט פון איינהאָרנס „הר־סיני" קאָנגרעגאַציע, און דער פּרעזידענט פון באַל־טימאָר היברו־קאָנגרעגעישאָן, האָט דער פּראָ־שקלאַפערישער יידישער שיכט אין באַלטימאָר ביסלעכווייז באַקומען די אויבערהאַנט אויף דער יידישער גאַס. דערצו האָט נאָך מיטגעווירקט דער פאַקט, וואָס אין באַל־טימאָר זיינען גרויסע מאַסן געווען פאַרסמט פון „נעיטיוויזם" — שנאה צום פרעמד־געבוירענעם, הויפּטזעכלעך צום דייטשישן עלעמענט, מיט וועמען אַ טייל יידן זיינען געווען פאַרבונדן, און וועלכע זיינען אין דער מערהייט געשטאַנען אויף דער זייט פון די אַבאָליציאָניסטן.

די סיבות האָבן גורם געווען, אַז אַפילו אין די קרייזן פון די ראַדיקאַלע יידישע רעפאָרמער האָט זיך אַנטוויקלט אַ מין „אַפּאָליטישע" פּסיכאָ־

לאָגיע, אויף וועלכע עס האָט זיך געשטיצט זייער נייטראַליטעט, ד. ה., די אידייע איינצושלעפערן דעם עולם, טרייסטנדיק אים מיט דער האָפנונג אַז ער וועט אויסמיידן דעם שטורם, אויב ער וועט זיך ניט מישן אין „פרעמדע עסקים", אין פּאָליטיק.

בלויז געציילטע יחידים פון יידישע בירגער, ראַדיקאַלע רעפאָרמער, האָבן אונטערגענומען אַ קאַמף מיט ענערגישע מיטלען קעגן די פּראָ־שקלאַפערישע כחות. צווישן זיי זיינען געווען אָנגעזעענע מיטגלידער פון איינהאָרנס קאָנגרעגאַציע, לעאָפּאָלד בלומענבערג, גרינדער פון דייטשישן „יוניאָנס פּאַראיין", און ר. אָפּענהיים.

לעאָפּאָלד בלומענבערג, אַן אָנגעזעענער יידישער „48ער", וועלכער האָט זיך פּאַר זיין אָנקומען קיין אַמעריקע אויסגעצייכנט אין פּרייסיש־דענישן קריג, האָט זיך אין 1854 געשטעלט אין די רייען פון די רע־פּובליקאַנער און אַבאָליציאָניסטן פון באַלטימאָר.

קעגן בלומענבערגן און איינהאָרנען זיינען אַרויסגעטראָטן די פּראָ־שקלאַפערישע כחות און די „נייטראַלע" יידישע פּריינט זייערע פון באַל־טימאָר. די געפערלעכע באַדינגונגען פאַר איינהאָרנען ווערן קלאָר פון באַנייטן „סיני", וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין פילאַדעלפיע, וואו ער האָט געשילדערט זיינע איבערלעבונגען די לעצטע חדשים פון זיין אַמטירן אין באַלטימאָר. איינהאָרן דערציילט:

„פון סאַמע אָנהייב אָן פון דער איצטיקער פּאָליטישער אויפרודערונג איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז די לופט אין באַלטימאָר ווערט צו שאַרף פאַר מיר, — אַ מענטש וואָס איז געקומען קיין אַמעריקע, כדי ער זאָל קענען ריידן און שרייבן פריי; אַ מענטש, וואָס איז אַנטרונען פון דעם קנוט פונעם טיראַן. געדאַנקען, אויסגעדריקט מינדלעך און שריפטלעך, וועלכע האָבן געהאַט וועלכע עס איז שייכות צו דער ברענענדיקסטער פראַגע פון שקלאַפעריי, האָבן פאַרלאָרן זייער פריערדיקע אומשולדיקייט און אומשעדלעכקייט, און האָבן אָנגעהויבן שרעקן מענטשן, זיינען פאַר־רעכנט געוואָרן ווי קרימינעלע רייד. די בלויזע דערמאָנונג פון שקלאַ־פעריי, אויב נאָר ניט אינעם אינהאַלט פון דער דרומדיקער אָנשויאונג, האָט אַרויסגערופן אַ צאָרן, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט משוגעת. מיט טיפן צער בין איך געוואויר געוואָרן, אַז אַפילו אַ באַדייטנדיקער טייל פון מיין אייגענער קאָנגרעגאַציע איז אָנגעשטעקט פון דעם שנאה־פיבער. אַדאַנק דעם טיפן האַס, וואָס געוויסע קרייזן אין שטאָט האָבן פאַרזייט קעגן מיר, האָב איך דערוואַרט דאָס ערגסטע.

„עס האָט פּאַסירט אַז די ניו־יאָרקער „איווינינג פּאָוסט" האָט גלייך נאָך דער דרשה פון ראַפאַלן אָפּגעדרוקט, אָן מיין וויסן, טייל פון מיין

דרשה, וואָס איז דערשינען אין „סיני", וואו איך האָב דערקלערט, אַז יעדער מענטש וואָס איז געשאַפן אין געשטאַלט פון גאָט, אָן אונטערשייד פון פאַרב און ראַסע, איז בארעכטיקט צו לעבן. אַ פּרואוו איז דאַן מאַכט געוואָרן צו פּראָוואָצירן אַ צאָל יידן, זיי זאָלן אונטערשרייבן אַן עפנטלעכע דעקלאַראַציע, אַז זיי געהרן ניט צו דער קאָנגרעגאַציע פון אַבאָליציאָניסטישן פּרעדיקער. אין גרונט פון דער דעקלאַראַציע איז געלעגן ניט אַזויפיל דער פּחד, ווי די בייזוויליקע כוונה פון מסירה, פון ציען די עפנטלעכע אויפמערקזאַמקייט אויף מיינע אַנטי־שקלאַפערישע אַנשויאונגען און אָנרייצן דעם המון אויף מיר.

„איך האָב זיך אָבער ניט אָפּגעשראָקן פאַר דער בייזוויליקייט און האָב, אין פעברואַר־נומער פון מיין חודש־שריפט, גענומען אויף זיך דעם שרעקלעכן פאַרברעכן פון פּרעזענטירן דאָס יידנטום, אַ ניט־באַרירטן פון דעם שמאָך און שאַנד, וואָס דער גרויסער רב פון ניו־יאָרק האָט עס אַרויסגעשטעלט, כדי צו צופרידנשטעלן די שקלאַפן־אייגנטימער און בירזשע־מאַגנאַטן, ווען ער האָט מיט אמת יעזואיטישן פייער פּראָקלאַמירט דעם גאָט פון ישראל, ווי דעם גאָט פון קנעכטשאַפט און דערקלערט יעדער מין צוויפל אין דער הייליקער אומבאַרירלעכקייט פון דער דרומדיקער אינסטיטוציע, ווי אפּיקורסות.

„איך האָב קיין איין מינוט ניט געצווייפלט, אַז דאָס וועט אָנצינדן אין מיינע שונאים אַ פלאַמיקן כעס און בין דעריבער ניט געווען איבעראַשט, ווען אין דער אָנוועזנהייט פון אַ מיטגליד פון מיין קאָנגרעגאַציע, האָט אימיצער געמאַכט די דערקלערונג: „בלויז אַ שאַרלאַטאַן קאָן אַזוי שרייבן!" איך האָב ניט געקענט שווייגן אין ליכט פון אַזאַ פאַרשוועכונג פון יידנטום, און זאָל געשען וואָס עס דאַרף געשען!

„ביי יעדער געלעגנהייט, סיי פון דער בימה, סיי אין „סיני", האָב איך באַטאָנט די מאָראַלישע פּרינציפּן אין דער פּראָבלעם, און באַוויזן די אוממאָראַלישקייט פון די „שוואַרץ־מאָלער", וועלכע פאַרשוואַרצן די ריינע שיין פון גאָטס ליכט. איך האָב עס געהאַלטן פאַר מיין חוב, שוין צוליב דעם וואָס אין מיין אייגענער געמיינדע האָבן זיך געפונען מענטשן, וועלכע האָבן פאַרדאַמט די „שוואַרצע רעפּובליקאַנער" און געריימט די „שוואַרץ־מאָלער" ביז די הימלען.

„איך האָב אויך אין דער אָנוועזנהייט פון פריינט דעקלאַרירט מיין פּרינציפּיעלן באַשלוס: אויב מערילענד וועט פאַרלאָזן דעם פאַרבאַנד פון די שטאַטן, וועל איך ניט האָבן קיין אַנדער ברירה ווי פאַרלאָזן מיין שטעלע, ווייל אַ שקלאַפן־שטאַט וועט טאָלערירן פרייע רעדע און פרייען געדאַנק, אַ סך ווייניקער ווי רוסלאַנד און עסטרייך" [8].

2. די געשעענישן אין באַלטימאָר — אַפּריל 1861

דעם 11טן אָקטאָבער 1860, האָט אַ געוויסער אייראָפּעאישער קאָרעס־פּאָנדענט געשריבן אין דער ניו־יאָרקער „טריביון": „עס זיינען דאָ אַזוי פיל באַשיינפּערלעכע באַווייזן, אַז דער צפון האָט שוין אָנגעזאַמלט גענוג ענערגיע צו פאַרניכטן די אַפּווייכונגען, וואָס די געשיכטע פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן האָט געמאַכט אין משך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט, אונטער דעם דרוק פון די שקלאַפן־אייגנטימער, און זי אומקערן צו די אמתע פּרינציפּן פון איר אַנטוויקלונג"[4]. עס איז אַפּגעלאָפן איין חודש, און דער אַנטשיידנדיקער קאַמף איז אַריין אין זיין לעצטער פאַזע.

דעם 11טן אַפּריל האָבן די דרומדיקע כחות אַטאַקירט דעם פאָרט סאָמטער, אין דרום קאַראָלאַינאַ. אַלס ענטפער אויף דער אַטאַקע האָט לינקאָלן באַשלאָסן אָנצוהייבן אַ קעגן־אַטאַקע. עס זיינען גערופן געוואָרן צום מיליטער־דינסט 75 טויזנט פרייוויליקע. אויפן רוף זיינען געקומען 300 טויזנט.

מיינונגס־פאַרשיידנהייטן זיינען פאַרגעסן געוואָרן. אַ פּאַטריאָטישער פלאַם האָט אַרומגעכאַפּט די מאַסן פון מעין ביזן פּאַסיפיק. יעדער איינער האָט געאיילט זיך צו שטעלן אונטער דער פאָן פון די „שטערן און שטרייפן". די הויפּט־שטאָט, וואַשינגטאָן, איז געשטאַנען אין געפאַר. אַן אַרטילערישע גרופּע פון פּענסילווייניע האָט זיך געאיילט דורך באַלטימאָר צו דער הויפּט־שטאָט. די דאָזיקע גרופּע, וואָס איז באַשטאַנען פון 530 ווייסע און געציילטע נעגערשע וואָלונטירן, אַנטלאָפענע שקלאַפן, איז נאָכגעפאָלגט געוואָרן פון 6טן רעגימענט, וואָס דער גאָווערנאָר פון מאַסאַ־טשוזעטס האָט אַרויסגעשיקט צו דער הויפּט־שטאָט.

מערילענד, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע צאָל בירגער מיט פּראָ־שקלאַ־פערישע סענטימענטן, האָט געשיקט אַ דעלעגאַציע צום פּרעזידענט, וועל־כע האָט אים אויפגעפאָדערט ניט צו דערלויבן די צפונדיקע סאָלדאַטן דורכמאַרשירן מערילענד. דער פּרעזידענט האָט זיי געגעבן דעם ענטפער:

„איר, דזשענטעללייט, זיינט אַהער אַראָפּגעקומען צו פאַרלאַנגען אַ שלום אָן שום באַדינג. און איר האָט ניט קיין איין וואָרט פון פאַרדאַמונג פאַר די, וועלכע האָבן אונדז דערקלערט קריג. איר דריקט אויס אייער זאָרג פאַר דער בלוט־פאַרגיסונג און איר זיינט ניט גרייט אָנצוקוליגן קיין איין שטרוי אין וועג פון די, וואָס אָרגאַניזירן זיך אין ווירדזשיניע איינצונעמען די שטאָט. די רעבעלן האָבן אַטאַקירט פאָרט סאָמטער, און אייערע בירגער אַטאַקירן טרופּן, וואָס ווערן אַרויסגעשיקט צו פאַרטיי־דיקן די רעגירונג, דאָס לעבן און פאַרמעגן אין וואַשינגטאָן. איר ווילט

איך זאָל ברעכן מיין שבועה און איבערגעבן די מלוכה אָן אַ קלאַפּ. איך זע אין דעם ניט דעם גייסט פון וואַשינגטאָן, פון דזשעקסאָן, פון מענער־טום, פון כבוד. איך האָב ניט קיין ווילן צו מאַכן אַן אינוואַזיע אין דרום, אָבער איך מוז האָבן רעגימענטן צו פאַרטיידיקן די דאָזיקע הויפּטשטאָט. געאָגראַפיש ליגט די שטאָט אַרומגערינגלט מיט דער ערד פון מעריי־לענד און מאַטעמאַטיש עקזיסטירט די נויטווענדיקייט, אַז די סאָלדאַטן זאָל דורכגיין איר טעריטאָריע. אונדזערע מענטשן זיינען ניט קיין מילבן און קענען זיך ניט גראָבן אונטער דער ערד, זיי זיינען ניט קיין פויגלען, און קענען ניט פליען אין דער לופט. ניטאָ קיין אַנדער וועג פאַר זיי, ווי מאַרשירן דורך מערילענד. דאָס מוזן זיי טאָן. איך זע אין דעם ניט קיין אורזאַך פאַר אַ צוזאַמענשטויס. האַלט אייערע מאַסן אין באַלטימאָר און עס וועט ניט קומען צו קיין בלוט־פאַרגיסונג...״[5]).

אָבער די שטאָט־פירער פון באַלטימאָר האָבן ניט באַוויזן איינצו־צוימען זייער אויפגערעגטן פּראָ־שקלאַפערישן המון. דעם 19טן אַפּריל האָבן פּראָ־שקלאַפערישע באַנדעס אַנגעגריפן דעם 6טן רעגימענט פון מאַסאַטשוזעטס, וואָס איז אָנגעקומען פון פילאַדעלפיע און איז פאַרביי־געפאָרן די פּראַט־גאַס, דערנענטערנדיק זיך צו דער באַן־סטאַנציע פון „באַלטימאָר־אָהייאָ־רעילראָוד״. די סאָלדאַטן זיינען אויפגענומען געוואָרן מיט אויסרופן: „ווילקאָמען צו די קברים אין דרום!״ „טויט צו די ממזרישע ברידער פון אייבי לינקאָלן!״

12 סאָלדאַטן זיינען געטויט געוואָרן אויפן אָרט און 36 זיינען גע־פערלעך פאַרוואונדעט געוואָרן. דאָס צפונדיקע מיליטער, וועלכע האָט געענטפערט מיט פייער, האָט געטויט 12 ציווילע בירגער און פאַרוואונ־דעט אַ גרעסערע צאָל.

די מאַרטירער פון באַלטימאָר, די ערשטע קרבנות פון בירגער־קריג, האָבן אַרויסגערופן די פאַרערונג פון די מאַסן איבערן גאַנצן לאַנד. דער גאָווערנאָר פון מאַסאַטשוזעטס, דער אַבאָליציאָניסט אַנדריו, האָט טעלעגראַפירט דעם בירגערמייסטער פון באַלטימאָר און אים געבעטן איבערשיקן די קערפּערס פון די געפאַלענע. די „ניו־יאָרק טיימס״ האָט באַגלייט די קערפּערס פון די קרבנות מיט די ווערטער: „יאָ, טראָגט די קערפּערס. זיי זיינען הייליקער ווי רעליגיעזע רעליקוויעס. וואו מען וועט זיי דורכפירן, זאָל די פאָן פון אונדזער נאַציע, וואָס זיי האָבן מיט זייער לעבן פאַרטיידיקט, איבער זיי פלאַטערן. זאָלן קאַנאָנען דונערן פאַר זייער אומשטערבלעכער גלאָריע, און זאָלן אַלע מענער און פרויען פאַרגיסן אַ טרער איבער די מאַרטירער, וואָס זיינען געפאַלן פאַר זייער לאַנד און פרייהייט״[6]).

די פראָ־שקלאַפערישע באַנדעס האָבן פאָרגעזעצט זייערע ראַיאָטן, שוין נאָכדעם ווי די טרופּן האָבן פאַרלאָזט די שטאָט. דער ראַיאָט האָט אַרויסגערופן אַ גוואַלדיקע אויפרעגונג צווישן אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, אָן אונטערשייד פון זייער באַציאונג צום שטרייט, ווייל זיי האָבן אין דעם טעראָר געזען אַ פאָגראָם מצד דעם דרום קעגן זייערע קעגנער, און אַ שטרעבונג צו דערשטיקן מיט גוואַלד יעדע פּאָליטישע פּאַטריאָטישע טעטיקייט פון לאָיאַלע בירגער צום געזעצלעך דערוויילטן פּרעזידענט לינקאָלן.

צומאָרגנס, דעם 20טן אַפּריל, האָט זיך דער זעלבער המון געלאָזט אויף דער רעדאַקציע פון דער דייטשישער אַנטי־שקלאַפערישער צייטונג „דער וועקער" און אויפגעהויבן אַ געשריי: „רעדאַקטאָר ווילהעלם ראַפּ, פאַררעטערישער אַבאָליציאָניסט, אַרויס! אַ טויט ווילהעלם ראַפּ!" אַ האָגל פון שטיינער האָט אויסגעהאַקט די שויבן פון דער רעדאַקציע. די באַנדיטן האָבן זיך אַריינגעריסן און צעשמעטערט די זעצעריי און די דרוק־מאַשינען. ראַפּ האָט זיך אויסבאַהאַלטן און איז קוים אַ לעבע־דיקער אַנטלאָפן פון באַלטימאָר.

דער רעדאַקטאָר פון „וועקער", ווילהעלם ראַפּ, דערציילט אין זיינע „מעמואַרן" וועגן דעם איבערפאַל פון די צעיושעטע פּראָ־שקלאַפערישע באַנדיטן אויף דער רעדאַקציע. זיי האָבן געוואָלט כאַפּן דעם רעדאַקטאָר און אים „לינטשן". אים איז געלונגען צו אַנטלויפן און זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ וויין־קעלער, וואו ער איז אָפּגעלעגן אַ גאַנצע נאַכט, הערנדיק דורך די פענצטער די אויסרופן: „וואו איז ווילהעלם ראַפּ, דער פאַרדאַמטער אַבאָליציאָניסט! הענגט אים! הענגט אים!"

ערשט פאַרטאָג איז אים, ראַפּן, געלונגען אַרויסצוגיין פון זיין באַהעלטעניש און צוגיין צו דער רעדאַקציע, וועלכע ער האָט געטראָפן אינגאַנצן חרוב, צעשטערט. צום גליק האָבן איינצלנע פון דעם „מאָב", וועלכע האָבן זיך אַרומגעדרייט אין די גאַסן אים ניט דערקענט, ווייל ער, ראַפּ, האָט אינצווישן באַוויזן אָפּשערן זיך די באָרד און זיך איבערטאָן אין אַנדערע קליידער... דעם רעדאַקטאָר פון „וועקער" איז געלונגען אַנטלויפן קיין וואַשינגטאָן און זיך ראַטעווען פון אַ זיכערן טויט [7].

דער „וועקער" איז אַ גאַנצן חודש, פון 20טן אַפּריל ביז דעם 20טן מאַי, ניט דערשינען.

פון דער רעדאַקציע „וועקער" האָבן זיך די באַנדעס געלאָזט אויפן יידישן „שוואַרץ רעפּובליקאַנער" אָרגאַן „סיני", אויף שאַרפּ סטריט. צעשמעטערט די דרוקעריי־מאַשין און אויסגעזעצט די פענצטער. פון איינהאָרנס דרוקעריי האָט די צעיושעטע מאַסע זיך געווענדט צום צענטער

פון שטאָט, צו דער הויז פון לעאָפּאָלד בלומענבערגן, וואָס איז געווען באַשיצט אין די נעכט דורך אַ פּאָליציייאישער וואַך. די פּראָ־שקלאַפּע־רישע באַנדיטן האָבן איצט באַשלאָסן צו לינטשן בלומענבערגן און נקמה נעמען אין איינהאָרנען, אין וועלכן זיי האָבן געזען די פּערסאָניפיצירונג פון אַ דייטשישן ראַדיקאַל און יידישן „נעגער־ליבהאָבער".

די פּראָ־שקלאַפּערישע באַנדעס וואָלטן זיכער געווען דורכגעפירט זייער באַשלוס און אָפּגעראַמט איינהאָרנען פון וועג, ווען ער וואָלט באַ־צייטנס ניט אַנטלאָפן.

צו אַ וואָרנונג פון אַ צאָל פריינט, אַז זיין נאָמען געפינט זיך אויפן צעטל פון די, וועלכע דער המון זוכט צו דערמאָרדן, און ער זאָל באַ־צייטנס אַוועק פון דער שטאָט, האָט איינהאָרן צום אָנהייב זיך ניט געוואָלט צוהערן. זעענדיק אַז קיין שום מיטלען קענען ניטווירקן אויף זייער רב, ער זאָל פאַרלאָזן באַלטימאָר, האָבן אַ טייל פון זיינע באַלעבאַטים אים צוגעזאָגט צו שטעלן אַ וואַך אַרום זיין הויז, וואָס זאָל אים באַשיצן, אויב ער וועט אויפהענגען אויף זיין טיר די רעבעלישע פאָן פון דער קאָנפעדעראַציע. דער בלייכער איינהאָרן איז מיט אַ יוגנטלעכן ברען אויפגעשפּרונגען, זיין מאָגערע פיגור האָט זיך ווי דערהויבן אין דער לופט, און ער האָט געענטפערט: „אין די צייטן פון די קרייצצוגן האָט אַ ייד צוגענאָגלט אַ קרייץ צו זיין טיר, כדי זיך צו ראַטעווען. שפּעטער ווען די געפאַר איז פאַרביי, זיינען אַ פּאָר פון די פאַרבליבענע געקומען צו אים אין הויז און אים געטראָפן אַ טויטן. ער איז אַליין באַגאַנגען זעלבסטמאָרד פאַר בושה... ווי קענט איר פאַרלאַנגען פון מיר איך זאָל אויפהענגען די רעבעלישע פאָן? שענדן מיין גלויבן אינעם פאַרבאַנד פון די שטאַטן?" — האָט איינהאָרן פאַרענדיקט. די באַלעבאַטים האָבן זיך פאַרשעמט און זיינען אַרויס פון זיין הויז.

דער גובערנאַטאָר פון מערילענד האָט געדראָט, אַלס רעזולטאַט פון די פאַרשטאַרקטע ראַיאָטן, אַז ער וועט איינפירן קריגס־צושטאַנד. ניט געקוקט אויף די דראָאונגען האָבן זיך די ראַיאָטן איבערגעחזרט.

פולשטענדיקע אָרדנונג איז ערשט איינגעשטעלט געוואָרן אין באַל־טימאָר דעם 13טן מאַי, ווען גענעראַל באַטלער, פון אַנאַפּאָליס, האָט אַריינגעשיקט אַ מיליטערישע אָפּטיילונג כדי איינצושטעלן אָרדענונג.

די כוליגאַנישע ראַיאָטן פון די פּראָ־שקלאַפערישע עלעמענטן האָבן נאָך מער איבערצייגט איינהאָרנען אין זיין פּאַטריאָטישער איינשטעלונג און אין זיינע אַבאָליציאָניסטישע פּרינציפּן. זיין שנאה צו די פּלאַנטאַ־טאָרס און נעגער־פאַרשקלאַפער איז טיפער געוואָרן.

דעם 22טן אַפּריל נאָכמיטאָג, איז איינהאָרן מיט זיין פאַמיליע אַנטלאָפן צו דער גרענעץ פון דער שכנותדיקער פּענסילווייניע.

ר. ס. ריינער שילדערט וויאַזוי ער האָט זיך געטראָפן מיט איינהאָרנען אין דער שטעטל ניו־קעסל, פּענסילווייניע. ער דערציילט: „ער איז געלעגן אויף דער ערד פון אַ ניו־קעסל שענק, צוגעדעקט מיט אַ מאַנטל, אַ דורכגעווייקטער פון נעץ און אַרומגענומענער פון דער קעלט, אַז עס האָט מיר אָנגענומען אַ רחמנות אויף דעם אידעלן איינהאָרן" [8]).

3. „אַ שלאָס אויפן מויל"

אָנהייב מאַי האָט איינהאָרן דערגרייכט פילאַדעלפיע און זיך גענומען גרייטן צוריקקערן זיך צו זיין געמיינדע אויף שבועות. אָבער אינצווישן האָט ער דערהאַלטן אַ בריוו, אונטערגעשריבן פונעם געמיינדע־פּרעזידענט, וואָס האָט אים מודיע געווען, אַז „עס וואָלט געווען זייער געוואונטשן פאַר אייער זיכערקייט און פאַר דער זיכערקייט פון אייער געמיינדע, אַז אין דער צוקונפט זאָלט איר אויסמיידן אין אייערע דרשות טאָג־פראַגן פון עקספּלאָדירנדיקן כאַראַקטער".

איינהאָרן האָט אָפּגעוואָרפן דעם דאָזיקן פאַרלאַנג, ער זאָל אַליין אָנטאָן אַ שלאָס אויף זיין מויל. ער האָט אַפילו אויף קיין איין מאָמענט ניט געטראַכט פון מאַכן אַ פּשרה מיט זיין געוויסן, פאַרוואָרפן דעם אמת צוליב זיין זיכערקייט, און האָט מיט פאַראַכטונג רעזיגנירט פון זיין שטעלע.

צום גליק האָבן זיך געפונען אַ צאָל יידן אין פילאַדעלפיע, וועלכע האָבן געוואָלט, אַז דער בראַווער איינהאָרן זאָל זיך שטעלן בראש פון זייער געמיינדע, און מיט עטלעכע שעה שפּעטער, נאָכן אָוועקשיקן זיין רעזיגנאַציע־בריוו קיין באַלטימאָר, איז ער איינגעלאַדן געוואָרן צו ווערן דער גייסטיקער פירער פון דער רעפאָרמירטער קהלה „כנסת ישראל" אין פילאַדעלפיע, וואו עס האָט זיך אָנגעהויבן פאַר אים אַ נייער פּעריאָד פון טעטיקייט אויף די געביטן פון ראַדיקאַלער רעפאָרם און אַבאָליציאָניזם [9]).

די ידיעה וועגן איינהאָרנס אַנטלויפן פון באַלטימאָר און וועגן זיין געפינען זיך אין פילאַדעלפיע האָט זיך בליץ־שנעל פאַרשפּרייט. אין ניו־יאָרק איז דער „מעסענדזשער" אַרויס מיט אַן אַרטיקל, וואָס האָט אויסגעדריקט צופרידנקייט מיט איינהאָרנס גלות.

אין „מעסענדזשער" פון 3טן מאַי, 1861 שרייבט דער רעדאַקטאָר אייזיקס:

„עס זעט אויס אַז ער (איינהאָרן) האָט געמאַכט אַ טעות וועגן זיין ראָלע, פאַרוואַנדלענדיק זיין בימה אין אַ פּאָליטישער פּלאַטפאָרם. די

בירגער פון באַלטימאָר האָבן ניט באַטראַכט די פּאָליטיק ווי אַ טייל פון דאָקטאָרס פליכטן און האָבן אים העפלעך געלאָזן וויסן אַז 12 שעה זיכערקייט אין זייער שטאָט, — דאָס איז אַלץ וואָס זיי קענען אים צוזאָגן אין יענעם אָרט. דער פּאָליטיש־אָריענטירטער רב האָט נעבעך געמוזט פאַרלאָזן, און לויט די לעצטע באַריכטן געפינט ער זיך אַרום פילאַ־דעלפיע. מיר צווייפלען צי די באַלטימאָרער מענטשן פון אונדזער גלויבן באַדויערן זיין פאַרלאָזן זייער קהלה, אָבער אין דער זעלבער צייט רעַ־קאָמענדירן מיר, אַז אַנדערע וואָס זיינען געצוויגט נאָכצופאָלגען זיין קורס, זאָל זיך פאַרטראַכטן וועגן זיין גורל. אַ גייסטלעכער האָט געגוג אַרבעט, זאָרגנדיק פאַר זיין שאָף, און קען זיך פאַרגינען איבערלאָזן פּאָליטיק פאַר אַנדערע. זאָל איינהאָרנס שיקזאַל דינען ווי אַ וואָרנונג.״.

אייזיקס דאָקומענט זאָגט ניט בלויז עדות אויף די ביליקע קאָמפּס־מעטאָדן קעגן איינהאָרנען, נאָר ברענגט אויך צום אויסדרוק דעם סאָ־ציאַל־עקאָנאָמישן גורם, וואָס האָט פאַראייניקט די האַלב־פעאָדאַלע קאָנ־סערוואַטיוון און אָרטאָדאָקסן מיט די דרומדיקע פּלוטאָקראַטן. אונטער דער מאַסקע פון „ניט מישן זיך אין פּאָליטיק״, האָבן זיי געפירט אַ קריג קעגן די אַנטי־שקלאַפערישע פּאָלקס־מאַסן אין צפון. אייזאַקס באַמיט זיך אַרויפצולייגן די הויפּט־שולד אויף איינהאָרנען, ניט אויף זיינע באַלע־באַטים. גלייכצייטיק פאַרגעסט אָבער ניט אייזאַקס די מאָראַלישע מפּלה, וואָס איינהאָרן האָט אים פאַרשאַפט מיט זיין שטעלן זיך קעגן זיין אָרגאַ־ניזירטער היעראַרכיע אין דער „באָרד אָוו דעלעגעיטס״ און ער (אייזיקס) באַמיט זיך אַרונטערצורייסן פאַר די אויגן פון דער יידישער געזעלשאַפט־לעכקייט איינהאָרנס ערלעכן נאָמען פון אַן אידעאישן מענטשן.

עס האָבן זיך אָבער אויך געפונען פּאַטריאָטישע קרייזן איבערן לאַנד, וואָס האָבן זיך אָנגענומען פאַר איינהאָרנס כבוד.

אין סאַן־פראַנציסקאָ האָט דער רעדאַקטאָר פון דער ענגלישער וואָכנ־שריפט „וויקלי גלינער״ דזשוליוס עקמאַן, אַטאַקירט די שטעלונג פון „מע־סענדזשער״ און געשריבן, אַז איינהאָרן איז אַ „מאַרטירער פאַרן אמת״[10].

די אַבאָליציאָניסטישע קרייזן אין פילאַדעלפיע האָבן פייערלעך אויפ־גענומען איינהאָרנען און די רעפּובליקאַנישע „יוניאָן־ליגע״ האָט אים געמאַכט פאַר אירס אַן ערן־מיטגליד. אויף אַ גרעסערער פאַרזאַמלונג פון דער אַבאָליציאָניסטישער קריסטלעכער יוגנט, איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע צוצושיקן איינהאָרנען אַ צייכענונג פון פאַרערונג.

פ י נ פ ט ע ר   ק אַ פּ י ט ל

איינהאָרנס שטעלונג צו די פּראָבלעמען פון בירגער־קריג

מיר האָבן ניט קיין קאָנקרעטן מאַטעריאַל וועגן איינהאָרנס קאָנ־טאַקטן מיט דער נאַציאָנאַלער אַבאָליציאָניסטישער באַוועגונג. אויף וויפיל איינהאָרן איז אין די יאָרן פון בירגער־קריג געווען פאַרבונדן מיט די פירער פון דער אַנטי־שקלאַפערישער באַוועגונג איז שווער פעסטצושטעלן. אָבער דאָקומענטן, אין פאָרם פון בריוו און דרשות, וואָס זיינען פאַרבליבן, באַווייזן אַז בעת אַלע געשעענישן פון בירגער־קריג, פון ערשטן שאָס אויפן פאָרט־סאַמטער ביז לינקאָלנס דערמאָרדונג, האָט ער זיך געפונען אין צענטער פון דער אַנטי־שקלאַפערישער באַוועגונג.

אויף לינקאָלנס רוף פאַר וואָלונטירן אין די צפון־אַרמייען האָט די יידישע באַפעלקערונג פון שיקאַגאָ זיך ברייט אָפּגערופן. דעם 16טן אויגוסט, 1862 איז אין דאָרטיקן „קאָנקאָרדיא קלוב״ פאַררופן געוואָרן אַ יידישע מאַסן־פאַרזאַמלונג פאַרן צוועק צו שאַפן פאָנדן און רעקרוטן פאַר דער צפון־אַרמיי. עס איז געשאַפן געוואָרן די סומע פון עלף טויזנט מיט צוויי הונדערט דאָלאַר, און עס האָבן זיך פאַרשריבן צום דינסט 96 פערזאָן. די שיקאַגער יידישע סאָלדאַטן האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער 82טער גרופּע פון אילינאָי און האָבן זיך אויסגעצייכנט אין די שלאַכטן.

דער דאָזיקער יידישער „איינס״ („יוניט״) איז נאָכדעם באַקאַנט געוואָרן אַלס די „קאָמפּאַניע סי״, אָדער „איזראַעליטישע גרופּע״. די שיקאַגער „טריביון״ (14טן אויגוסט, 1862), האָט וועגן דער דאָזיקער פּראָ־לינקאָלן אַקציע געשריבן: „די איזראַעליטן האָבן דורכגעפירט אַן ענטוזיאַסטישע פאַרזאַמלונג לטובת דעם קריג, אָנגענומען שטאַרקע רעזאָלוציעס און באַוויזן אויסגעצייכנטע אָפּפערווילִיקייט״.

איינהאָרן האָט אין דער פאַרזאַמלונג געזען אַ צייכן פון גרויס פּאַ־טריאָטיזם און ענטשלאָסענעם קאַמף קעגן שקלאַפעריי. זיין באַריכט וועגן דער פאַרזאַמלונג אין „סיני״ האָט ער פאַרענדיקט מיט די ווערטער: „היום גלותי את חרפת מצרים מעליכם״ — היינט האָב איך אַראָפּגע־קייקלט פון אייך די חרפה פון מצרים.

1. די כוחות־פאַרהעלטעניש צווישן צפון און דרום

דעם 1טן יולי, 1861 האָבן די צפון־שטאַטן פאַרשפּילט די באַרימטע שלאַכט „בול־ראַן" ביי מאַנאַסאַס, ווירדזשיניאַ. די הויפּט־קרעפטן פון דער צפון־אַרמיי האָבן געלאָזט זייערע האַרמאַטן און זיינען זיך צעלאָפן. בלויז די ניט־אַנטשלאָסנקייט פון די דרום־לייט, וואָס האָבן מורא געהאַט פאַר אַן אויפשטאַנד פון די נעגער אין הינטערלאַנד, האָט געראַטעוועט די צפונדיקע אַרמיי פון אַ פולשטענדיקער צעגראַמירונג.

די דאָזיקע מפּלה איז פאָרגעקומען אַדאַנק דער ניט־אַנטשלאָסנקייט, שוואַכקייט און די וואַקלענישן פון דער צפונדיקער בורזשואַזיע, וואָס איז געווען האַלב־שקלאַפעריש אָריענטירט. אַממייניסטנס האָט ביי־געטראָגן צו דער מפּלה דער געוועזענער העלד פון מעקסיקאַנער קריג, גענעראַל וויניפעלד סקאָט, וואָס איז געווען דער הויפּט פון דער גאַנצער צפון אַרמיי.

עס זיינען פאָרגעקומען מאַסן־דעמאָנסטראַציעס אין אַ סך שטעט. די ראַדיקאַלע רעפּובליקאַנער האָבן באַשולדיקט דעם קאָמאַנדיר־באַ־שטאַנד אין פאַרראַט און האָבן געפאָדערט אַנגעמען מיטלען קעגן די אָפענע אָנהענגער פון דרום. די אַבאָליציאָניסטישע סענאַטאָרן העגרי ווילסאָן פון ניו־ענגלאַנד און אַנדערע האָבן אָפּגעהאַלטן באַראַטונגען מיט לינקאָלנען און געפאָדערט תיכּפדיקע און אַקטיווע אונטערנעמונגען. „סקאָטס אַרמיי, — האָבן זיי געטענהט, — עקזיסטירט בלויז אויפן פּאַפּיר". דער פּאָסט־מייסטער־גענעראַל, מאָנטגאָמערי בלעיר, האָט גע־פירט אַן אַגיטאַציע קעגן „דער אַלטער באָבע סקאָט", „די אַלטע קאָ־קעטקע אין פעדערן", וואָס „פּאַראַליזירט די גאַנצע מלחמה. די מלחמה וועט זיך ציען אייביק, אויב מען וועט ניט אַרונטערוואַרפן דעם אַלטן סקאָט"[1]. אַ ביטערע אַטאַקע אויף גענעראַל סקאָט איז אויך געקומען פון דעם אַבאָליציאָניסטישן פירער ווענדל פיליפּס, וועלכער האָט גוט געדענקט, אַז סקאָט איז נאָך אין 1850 געווען אַן אָנהענגער פון „געזעץ פון אַנטלאָפענעם שקלאַף" („פיודזשיטיוו סלעיוו עקט")[2].

דוד איינהאָרן האָט זיך פולשטענדיק אידענטיפיצירט מיט פיליפּסן אין זיין באַשולדיקן סקאָטן. אין אַ בריוו צו זיין יוגנט־פריינט ר. אָפּענ־היימער פון מעקלענבורג, וואָס האָט געוואוינט אין באַלטימאָר, האָט איינהאָרן געשריבן: „איך בין אינגאַנצן פאַרנומען מיט די פּאָליטישע געשעענישן. איך לייג זיך שלאָפן און שטיי אויף מיט דעם געדאַנק: וואו וועט אויספאַלן די קומענדיקע שלאַכט? דאָס ערגסטע שיינט מיר איז דאָס, וואָס דער אַלטער סקאָט האָט זיך אַליין מודה געווען, אַז ער האָט זיך באַצויגן צו דער שלאַכט זייער פּאַסיוו".

מיט די רייד האָט זיך איינהאָרן אַוועקגעשטעלט אויף די קאָנסע־קווענטע פּאָזיציעס פון ראַדיקאַלן אבאָליציאָניזם.

אונטערן ווייטערן דרוק פון די דעמאָקראַטישע מאַסן, אַרבעטער און פאַרמער, האָט די צפונדיקע אַרמיי, אָנהייב 1862, אָנגעהויבן אַן אָנגריף. אין פאַרבינדונג מיט דעם אָנגריף איז אינטערעסאַנט די פאַר־אויסזאָגונג פון קאַרל מאַרקסן וועגן ענדגילטיקן זיג פון צפון איבער דעם דרום און דער שקלאַפעריי. אין אַ בריוו צו פרידריך ענגעלסן, דאַטירט דעם 10טן סעפּטעמבער, 1862, שרייבט מאַרקס: „וואָס איז שייך די יענקיס, בין איך זיכער אַז דער צפון וועט זיגן צום סוף".[3]

איינהאָרן שרייבט אין דערמאָנטן בריוו צו אָפּענהיימערן: „מען קען פעסטשטעלן, אַז די קומענדיקע שלאַכט וועט פאַרשטעלן מיט זיך אַ בלוט־באָד און אין דער באָד וועט, פריער אָדער שפּעטער, דאָס שקלאַפּנ־טום דערטרונקען ווערן".

אַז איינהאָרן האָט ניכטער אָפּגעשאַצט די לאַגע, זעען מיר פון זיין באַנעמען די שטעלונג פון מערילענד צום צפונדיקן צד.

דער סענטימענט פאַרן צפון אין מערילענד, וואָס האָט זיך געביטן עטלעכע חדשים נאָכן אויסברוך פונעם קריג, איז געווען באַזירט אויף די האַנדלס־אינטערעסן פונעם שטאַט, וואָס האָט זיך גענויטיקט אין רוי־מאַטעריאַלן פון צפון; אויף דער מורא, אַז די באַנען וואָס האָבן דורכ־געקרייצט באַלטימאָר, וועלן צעשמעטערט ווערן, אין פאַל מערילענד וועט צושטיין צו דער קאָנפעדעראַציע.[4]

אין זיין צווייטן בריוו צו אָפּענהיימערן*) ווייזט איינהאָרן אָן אַז „די יידן פון באַלטימאָר קאָנען מער געווינען דורך זייער אָנגעהעריקייט צו דער זאַך פון פאַרבאַנד, ווי דורך זייער סימפּאַטיע מיט דזשעפערסאָן דעיוויס".

איינהאָרן, ווי אַלע אַנדערע אַבאָליציאָניסטן, איז געווען זיכער, אַז דער קריג פירט אומפאַרמיידלעך צו דער מפּלה פון דער שקלאַפעריי.

דער איבערגאַנג פון בירגער־קריג פון זיין ערשטער מעסיקער פאַזע צו זיין רעוואָלוציאָנערער סטאַדיע, איז פאַרגעקומען אין זומער פון 1862. דעם 17טן יולי איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ געזעץ וועגן דעם, אַז „יעדע פערזאָן, וואָס וועט נאָכן אַרויסגעבן דעם איצטיקן אַקט פאַרראָטן די פאַראייניקטע שטאַטן, וועט געקעפּט ווערן". די שקלאַפן פון די פּלאַנטאַטאָרס, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אינעם בונט, זיינען דערקלערט געוואָרן פאַר פרייע. מיטן זעלבן דעקרעט זיינען די נעגערס גערופן געוואָרן אין דער אַרמיי און פלאָטע.

---

*) זע ביילאַגע 1.

דאָס איז געווען דער ערשטער שריט צו פאַרניכטן די שקלאַפעריי. יענעם זומער האָט גענעראַל דזשאַן סי. פרימאַנט, אויף זיין אייגענער איניציאַטיוו, אָנגעהויבן באַפרייען די שקלאַפן אין די דרום־ראַיאָנען, וואָס ער האָט פאַרנומען. לינקאָלן האָט אָפּגעשאַפט פרימאָנטס באַפעלן און אים אָראָפּגענומען פון זיין פאָסטן. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ קעג־נערשאַפט אין די רייען פון די רעפּובליקאַנער. איינהאָרן, וואָס האָט אַרויסגעוויזן גרויס צוטרוי צו לינקאָלנען, האָט געהאַלטן מיט דעם פרעזידענטס גראַדנוויזן צוגאַנג. ער האָט אָבער פאַראויסגעזאָגט, אַז לינקאָלן אַליין וועט געצוואונגען ווערן, צוליב די געשעענישן, ענדגיל־טיק צו פאַרניכטן די שקלאַפעריי.

בלויז עטלעכע חדשים זיינען פאַרבייגעגאַנגען און דעם 1טן יאַנואַר, 1863, האָט לינקאָלן אַרויסגעגעבן זיין באַרימטע עמאַנציפּאַציע־דע־קלעראַציע.

2. די ראָל פון דער קאַטוילישער קירך און דער יידישער פלוטאָקראַטיע

פונקט ווי פאַרן קריג, אַזוי אויך בעת די שלאַכטן האָט זיך די אָר־גאַניזירטע רעליגיע און איר פרעסע פאַרהאַלטן נייטראַל צו דער פראַגע פראָ־ און קעגן שקלאַפעריי. אַפילו די רעליגיעזע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געשטיצט דעם פאַרבאַנד (יוניאָן), האָבן באַ־שלאָסן ניט אָנטייל צו נעמען אין די „פּאָליטישע דיסקוסיעס".

דער פילאַדעלפיער „אָקצידענט ענד דזשואיש אַדוואָקייט" האָט פאַר־געזעצט די ליניע פון אָפּהאַלטן זיך פון פּאָליטישער דיסקוסיע, וואָס ער האָט פאָרמולירט ערב דעם בירגער קריג: „אונדזער שריפט האָט ניט קיינע פאַרבינדונגען מיט פּאָליטיק און מיר וועלן באַטראַכטן פאַר אַ דעגראַדאַציע פון דער רעליגיעזער פרעסע, אויב זי וועט פאַרלאָזן איר נויטיקע ספערע צו באַאיינפלוסן, ווי ווייט מעגלעך, די לייענער אין רעליגיעזע פראַגן, און אַריינטרעטן אין פעלד פון דיסקוסיע, וואָס דאַרף בעסער איבערגעלאָזן ווערן צו יענע, וועמענס געשעפט עס איז זיך צו פאַרען אין די וואַסערן פון פאַרטיזאַנישע מלחמות".[5]

איינהאָרן האָט ניט בלויז געהאַלטן, אַז די אָפיציעלע רעליגיע דאַרף נעמען אַ שטעלונג צו דער „פאַרטיזאַנישער מלחמה", נאָר האָט רעאַגירט אויף אַלע פראַגן, אין פאַרבינדונג מיט דער שקלאַפעריי, וואָס זיינען אויפגעשוואומען בעתן בירגער־קריג. די פראָ־שקלאַפערישע עלע־מענטן האָבן ניט אומזיסט באַצייכנט דעם „סיני" ווי „אַ פּאָליטישן אָרגאַן".

פון איינהאָרנס בריוו צו אָפּענהיימערן איז צו זען, אַז געוויסע באַל־

טימאָרער יידן האָבן אָפּגעשטעלט זייער אַבאָנירונג אויפֿן „סיני", ווייל זיי האָבן „ניט געוואָלט לייענען קיין פּאָליטישע בלעטער".

די אָפיציעלע שטעלונג פון דער קאַטוילישער קירך אין די צפון־שטאַטן צום בירגער־קריג איז געווען אַ פּאָזיטיווע וואָס שייך דעם קאַמף, און אַ דורכאויס נעגאַטיווע צו דער פראַגע פון אַבאָליציאָניזם.

אין מערץ 1862 איז איינהאָרן אַרויסגעטראָטן מיט אַ שאַרפן לייט־אַרטיקל אין „סיני" קעגן דעם קאַטוילישן הויפּט פון ניו־יאָרק, אַרצ־בישאָף דזשאָן היוז, פאַר זיין קאַטוילישן הכשר אויף שקלאַפעריי. דער לייט־אַרטיקל האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער: „די גוטהייסונג פון קאַטוילישן בישאָף וועט קיינעם ניט איבעררעאַשן. ווי דער הויפּט־פאָרשטייער פון אַ רעליגיע, וואָס גלויבט אין טויטן בוכשטאַב און פאַר־דאַמט יעדע שכלדיקע דערקענטעניש, קאָן ער ניט אַנדערש ווי פאַר־וואַנדלען גאָטס וואָרט, וואָס איז געשריבן שוואַרץ אויף ווייס, אין ווייס אויף שוואַרץ. דער ווילן צו מאַכן גאָט פאַר אַ שותף פון דער אונטער־יאָכונג און קנעכטשאַפט אין אַמעריקע איז אַ פּראָפאַנירונג פון יעדער הייליקייט..."

מיט ניט ווייניקער שאַרפע ווערטער האָט איינהאָרן אויך אַטאַקירט די יידישע בורזשואַזיע פון די גרענעץ־שטאַטן, וואָס איז רייך געוואָרן פון „שמוגל" בעתן קריג.

סיי אין זיינע פּריוואַטע בריוו, און סיי אין עפנטלעכע דרשות איז ער שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן די יידן וואָס האָבן אַרויסגעוויזן זייער „פּאַטריאָטיזם דורך... דער באַנק".

3. טעטיקייטן אין פילאַדעלפיע

אָנקומענדיק אין פילאַדעלפיע, האָט איינהאָרן באַנייט דעם „סיני" און דעם 20טן מאַי, 1861, איז דערשינען דער ערשטער נומער, וועלכער האָט איבערגעשטיגן דעם באַלטימאָרער אין פאָרמאַט און אין אינהאַלט.

אין ערשטן נומער פון פילאַדעלפיער „סיני" האָט איינהאָרן אָפּגע־דרוקט אַ ווענדונג צו די יידישע מאַסן, זיך אָנצושליסן אין די רייען פון לינקאָלנס אַרמייען. דער דאָזיקער אַרטיקל איז איבערגעחזרט געוואָרן אין צווייטן נומער.

דער אַרטיקל האָט זיך טיילווייז געלייענט: „פונקט ווי דער קליינער און שוואַכער דוד האָט דערמאָרדעט דעם מעכטיקן גלית, אַזוי וועלן די כוחות פון דער „יוניאָן" און אבאָליציאָניזם דערשלאָגן די קרעפטן קעגן פאַרבאַנד און דער שקלאַפעריי. און ווער נאָך האָט צו פאַרלירן פון אַ זיג פון שקלאַפעריי קעגן פרייהייט, ווי אונדזערע יידישע ברידער,

וואָס שמאַכטן היינט־צו־טאָג אין די מערסטע לענדער פון דער וועלט אונ־טערן יאָך פון שקלאַפעריי ?״[6]).

דער דאָזיקער אַרטיקל איז איינער פון די שענסטע דאָקומענטן פון יענער עפּאָכע. יעדע שורה, יעדעס וואָרט איז דורכגעדרונגען מיט קאַמפּס־גייסט. דאָ פילט מען דעם גאַנצן ברען פון אבאָליציאָניזם, וועלכער זעצט פאַר זיין קאַמף ניט נאָר קעגן דער דרומדיקער שקלאַפעריי, נאָר אויך קעגן יענע יידישע פירער, וועלכע פאַרראַטן יידישע אינטערעסן.

אין דעם צווייטן נומער פון פילאַדעלפיער „סיני״ האָט איינהאָרן אויך אָנגעגריפן דעם מעמפיסער ראַבינער שמעון טוסקא, וועלכער האָט באַשולדיקט די צפונדיקע יידן, וואָס זיינען געקומען אין זיין שטאָט מעמפיס (טענעסי), אַלס שווינדלער און זיי גערופן: „גייציקע רויב־פויגל״. טוסקא האָט נאָך פאַרן בירגער־קריג אָפּגעדרוקט אַ בריוו אין דער מעמפיסער צייטונג „דעילי אַפיל״, אין וועלכן ער האָט פאַרטיידיקט ראַפאַלס פּראָ־שקלאַפערישע דרשה. „די שטאַרקסטע אַרגומענטן פאַר דער פאַרשקלאַפונג פון דער אַפריקאַנער ראַסע און דעם שטאַרקסטן אָנגריף אויף די קרענקלעכע אבאָליציאָניסטישע אָנשויאונגען פון העגרי וואָרד ביטשער, — האָט טוסקא געשריבן, — זיינען געקומען פון אַ רב און ניט קיין קריסטלעכן גייסטלעכן״.[7]) איינהאָרן האָט באַצייכנט טוסקאַן ווי אַ „סעסעשאַניסט״ (אָפּרייסער) און צוגעגעבן, אַז „יעדער ייד, וואָס הייבט זיין האַנט קעגן פאַרבאַנד דאַרף פאַרגליכן ווערן צו איינעם וואָס דערמאָרדעט טאַטע־מאַמע״ [8]).

אין זעלבן נומער פון „סיני״ האָט איינהאָרן אויך אָפּגעדרוקט אַן ענטפער אויף דער אַטאַקע פון סעמועל אייזיקס, דעם רעדאַקטאָר פון „מעסענדזשער״ אויף אים, און האָט דאָרט איבערגעגעבן פּרטים וועגן זיין אַנטלויפן פון באַלטימאָר.

איינהאָרן דערקלערט, אַז ער וויל ניט פאַרלירן קיין סך ווערטער אין ענטפערן דעם רעדאַקטאָר, וואָס יובלט פון פרייד איבערן גורל פון דעם „אפיקורס״ (איינהאָרן), וואָס איז צוליב זיינע „פּאָליטישע דרשות״, אָפּגעזאָגט געוואָרן פון זיין שטעלע און וואַנדערט איצט אַרום. איינהאָרן שרייבט, אַז ער איז זיכער, אַז קיינער וועט ניט נעמען ערנסט די רייד פון אַן „עם הארצישן חזנדל״ (אייזיקס). און וואָס שייך אים אַליין, איינ־האָרנען, קימערט ער זיך גאַנץ ווייניק צי, די באַלטימאָרער יידן פרייען זיך יאָ אָדער ניט מיט זיין גורל, ווייל סיי ווי האָט ער בלויז פאַראַכטונג פאַר די „גראָב־קעפּיקע און גראָב־בייכיקע נגידים, וואָס געלט איז זייער אראָגאַנץ״[9]).

אין די יאָרן פון בירגער קריג האָט איינהאָרן פאַרגעזעצט זיין וואונ־דערלעכע אַרבעט לטובת די אַבאָליציאָניסטן און האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין אָרגאַניזירן די פילאַדעלפיער יידישע געזעלשאַפט לטובת ליג־קאָלנס אַדמיניסטראַציע און די צפונדיקע אַרמייען.

אין דער צייט ווען יידישע זין האָבן פאַרגאָסן זייער בלוט אין דעם קאַמף פאַר אויפהאַלטן די גאַנצקייט פון די פאַראייניקטע שטאַטן און מאַכן אַ סוף צו שקלאַפעריי, האָבן זייערע מוטערס, ווייבער און שוועסטער צוגעטראָגן זייער טייל אַרבעט אויפן היים־פראָנט. אין יוני, 1862, איז אין פילאַדעלפיע פאָרמירט געוואָרן די „לעידיס היברו אַסאָסיאיישאָן״, פאַר הילף צו קראַנקע און פאַרוואונדעטע „יוניאָן״־סאָלדאַטן, און גאָר אין גיכן האָבן זיך ענלעכע אָרגאַניזאַציעס באַוויזן אין אַנדערע שטעט. דער ציל פון די דאָזיקע סאָסייעטיס, ווי עס האָט זיך געשריבן אין זייערע קאָנסטיטוציעס, איז געווען צו באַזאָרגן „הילף פאַר די קראַנקע און פאַר־וואונדעטע סאָלדאַטן, אָן אונטערשייד פון רעליגיעזער צוגעהעריקייט, און צו פאַרגרינגערן די ליידן פון די בראַווע סאָלדאַטן, דורך באַזאָרגן זיי מיט פיינע דערקוויקנדיקע זאַכן און קליידער אין דער צייט ווען זיי ליגן אין די אַרמיי־שפּיטאָלן״. איינהאָרן האָט אָפּגעדרוקט איינע פון זיינע „פּראָ־יוניאָן״־דרשות אין אַ ספּעציעלער בראָשור און דער גאַנצער פּראָ־פיט פונעם פאַרקויף איז געגאַנגען לטובת דער דערמאָנטער אונטערנע־מונג און פאַר לינקאָלנס „סאַניטאַר קאָמיסיע״[10].

צום באַדויערן איז איינהאָרן געצוואונגען געוואָרן צוליב מאַנגל אין פינאַנציעלע מיטלען אָפּצושטעלן דעם „סיני״, נאָך איין יאָר פון זיין באַנייאונג אין פילאַדעלפיע. די סיבה פאַר אָפּשטעלן דעם זשורנאַל, האָט איינהאָרן אָנגעגעבן אין אַ דעקלאַראַציע פון לעצטן נומער: דער „סיני״ גייט אונטער ווייל ער איז די איינציקע קאָנסעקווענטע פּלאַטפאָרם אין קאַמף קעגן שקלאַפעריי. דער לאָזונג פונעם „סיני״ איז דער פּסוק וועגן יוספן, וואָס איז פון זיינע ברידער פאַרקויפט געוואָרן פאַר אַ שקלאַף. „אויך דער 'סיני' שטאַרבט אין זיין מלחמה מיט שקלאַפעריי״.[11]

אַ וויכטיקער דאָקומענט וואָס וואַרפט אַ ליכט אויף איינהאָרנס אומ־דערמידלעכער פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט, שוין נאָך צוויי יאָר פון זיין רבנות־אַמט אין פילאַדעלפיע, איז אַ דרשה, וואָס ער האָט געהאַלטן דעם 19טן מערץ, 1864, פּרשה זכור, אין פילאַדעלפיע, און נאָכדעם זי אָפּגעדרוקט און פאַרשפּרייט אין אַלע יידישע צפון־געמיינדעס*). די סבות פאַר דער

*) זע אויספירלעך אין ביילאַגע נומער 3.

דרשה זיינען געווען די פאָלגנדיקע: די יידישע פאָלקס־מאַסן אין די צפון־שטאַטן האָבן זיך אין די יאָרן פון בירגער קריג ענגער באַהאָפטן מיט די פאַרבאַנד־כוחות. די יידישע „סלעיוואָקראַטיע" אין דרום האָט אָבער, פאַרשטייט זיך, אַרויסגעוויזן אויף איר שטייגער איר „פּאַטריאָטיזם" — צו דזשעפערסאָן דעיוויסעס שקלאַפן־מלוכה. טייל דרומדיקע הענדלער זיינען רייך געוואָרן פון די קריגס־ליפערונגען. די רבנים פון די דרום־שטעט האָבן אָפט מאַניפעסטירט פאַר דזשעפערסאָן דעיוויסן זייער קאַזיאָנעם פּאַטריאָטיזם. אין ריטשמאָנד, ווירדזשיניאַ, די הויפּטשטאָט פון דער קאָנפעדעראַציע, האָבן די אָרטיגע קאָנגרעגאַציעס, אין יאָר 1863, צוגעגרייט אַ פּאַטריאָטישע דעמאָנסטראַציע און אַ געוויסער רעווערענד, י. מ. מיכלבאַכער, האָט פאַר דער געלעגנהייט פאַרפאַסט אַ ספּעציעלע פּראָ־שקלאַפישע תפילה, וועלכע האָט זיך טיילוויז געלייענט:

„פאָטער אין הימל. די מענער און די פרויען, דינסטן און שקלאַפן, וואָס האָסט אונדז געגעבן, אַז מיר זאָלן געוועלטיקן איבער זיי, און וואָס דער שונא וויל איצט אויפהייבן קעגן אונדז, ווען דו האָסט באַשטימט פאַר זייערע דערציער... אָ, גאָט, אונדזערע שונאים העצן זיי צו אַן אויפשטאַנד, און ליפערן געווער פון פאַרניכטונג אין זייערע הענט. זיי זוכן זיי צו איבערצייגן, זיי זאָלן פאַרלאָזן דעם וועג פון פליכט צו זייערע הארן... מאַך, זיי זאָלן פאַלן אין גרוב פון אומקום, וואָס זיי גראָבן פאַר אונדז, אונדזערע פרויען און אונדזערע קינדער"[12].

לעסער, דער רעדאַקטאָר פון „אָקצידענט" און י. מ. וויז, האָבן בעתן בירגער־קריג סימפּאַטיזירט מיט דער קאָנפעדעראַציע. איינהאָרן האָט דעריבער געפונען פאַר נויטיק אין זיינע דרשות זיך אָפּצורעכנען ניט נאָר מיט די שקלאַפן־באַזיצער, נאָר אויך מיט די פּראָ־שקלאַפערישע רבנים.

די דערמאָנטע דרשה האָט ער אָנגעהויבן מיטן פּסוק: „מלחמה בעמלק מדור דור" — אַ מלחמה מיט עמלקן פון דור צו דור. נאָכדעם האָט איינהאָרן דערקלערט:

„עמלק איז דער סימבאָל פון ברוטאַליטעט און ראַסן־האַס. איז עס עפּעס אַנדערש ווי אַן עמלק־טאַט צו פאַרשקלאַפן מענטשן, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט און דעגראַדירן זיי צום סטאַטוס פון חיות, אַן שום אייגענעם ווילן?

„ווי מעג מען רעדוצירן שוצלאָזע מענטשלעכע באַשעפענישן צו אַ

צושטאַנד פון אַ סחורה? קען די תורה, וואָס איז קעגן צונעמען אַ מוטער־פויגל פון אירע קינדער, דערלויבן אַוועקצורייסן קינדער פון זייערע מוטערס, מענער פון זייערע פרויען?

„מען זאָגט אונדז, אַז דער שקלאַפן־פּרינציפּ איז באַזירט אויף היס־טאָרישקייט. אָבער הערט אַ קראַנקהייט אויף צו הייסן קראַנקהייט, אויב זי איז אַ פאַרשלעפּטע קרענק? אַזאַ צוגאַנג פון „היסטאָרישקייט" איז אַ באַליידיקונג פאַרן גאַנצן פּראָגרעס פון דער מענטשהייט. אויב אַזאַ פּרינ־ציפּ זאָל זיין אמת, וואָלט דען מעגלעך געווען אויפהערן ברענגען מכשפות, אפּיקורסים, ברענגען קרבנות צום מולך? די עצם גרינדונג פון אונדזער אַמעריקאַנער רעפּובליק איז געווען אַן אַפּלייקענונג פון היסטאָרישע רעכט.

„דעריבער — רופט אויס איינהאָרן, — לאָמיר היינט דערקלערן קריג דער זרע עמלק, די קינדער פון שקלאַפעריי. לאָמיר אינזינען האָבן, אַז גאָט הייסט ניט מלחמה האַלטן קעגן דער שוואַרצער הויט, נאָר קעגן די שוואַרצע טאַטן פון עמלקן".

„...אמתן קאָנען פאַרהאַלטן ווערן אויף אַ צייט, אָבער זיי מוזן זיגן! עס זיינען דאָ געוויסע כוחות, וואָס מוזן, פריער אָדער שפּעטער, זיגן איבער אַלטע פאַראורטיילן, איבער אויזורפּירטע טיטולן, איבער פאַרהייליקטע גוואַלדטאַטן. שקלאַפעריי איז אַ פאַרראַט צו די אידעען פון די פאָטערס פון אונדזער פרייער רעפּובליק, וואָס ווען זיי וואָלטן אויפגעשטאַנען פון זייערע קברים, וואָלטן זיי געזאָגט מיט די רייד פונעם נביא: „איך האָב אויפגעכאָוועט און דערצויגן קינדער און זיי האָבן גע־זינדיקט קעגן מיר".

נאָך די דאָזיקע רייד איז איינהאָרן איבערגעגאַנגען צו אַ פייערדי־קער אָנקלאָגע קעגן די רעליגיעזע מנהיגים, וואָס האָבן געגעבן זייער ברכה דער שקלאַפעריי. קעגן די וואָס פאַרוואַנדלען דאָס וואָרט פון דער ביבל אין אַ שקלאַפן־בייטש, די וועלכע ווילן אָנהאַלטן די נעגערישע שקלאַפעריי. „זיי ווילן אָנשטאָט דעם הימלישן טוי טרינקען די פעטקייט פון דער ערד. זיי דעגראַדירן די רעליגיע צו אַ מעלקנדיקער קו, צו אַ סחורה, און זיי האָבן זיך אויסגעקליבן אַ פיינע צייט פאַר דעם, דווקא די צייט ווען איין אייראָפּעאיש לאַנד נאָכן אַנדערן וואַרפט אַראָפּ פון זיך די קייטן פון פאַרגוואַלדיקונג..."

צום סוף ווענדט זיך איינהאָרן צו זיין געמיינדע זי זאָל דערקלערן מלחמה — די יידן וואָס דינען צום „אַלמעכטיקן דאָלאַר" און דער „ביזנעס־

וועלט״, און די יידישע שמוגלער, „וואָס זינקען אין גראָבן מאַטעריאַליזם״ און ברענגען שאַנד אויף אונדז.

מען דאַרף קענען די סאָציאַלע ספערע פון דעם רעפאָרמירטן ראַבינער און זיין בורזשואַזע קהלה אין ניינצנטן יאָרהונדערט, כדי צו קאָנען ווי געהעריק אָפּשאַצן דעם פאַקט, וואָס דער ראַבינער פון דער „כנסת ישראל״־געמיינדע, האָט, ניט קוקנדיק אויף זיין דערפאַרונג אין באַלטימאָר, געהאַלטן פאַר פאַסיק אַרויסצוטרעטן מיט אַזאַ מין דרשה.

אין אַ בריוו צו דר. ב. פעלזנטאַל, דאַטירט דעם 3טן סעפּטעמבער, 1862, שרייבט איינהאָרן אָט וואָס: „אייער בריוו האָב איך דערהאַלטן... ביטערע קעגנערשאַפט פון די יידישע שקלאַפן־האַלטער פאַנאַטיקער האָב איך אָנגעטראָפן אויך דאָ, ווי אין באַלטימאָר... מען מוז אָפט פאַרצווייפלט ווערן וועגן אונדזער שטאַם ווען מיר זאָלן ניט וויסן, אַז אַ העלפט פון די אַמעריקאַנער יידן זיינען אייראָפּעער...״

אין דעם בריוו האָט איינהאָרן געגעבן צו פאַרשטיין, אין אַ באַהאַלטענער פאָרם, זיין טרייען חבר־לדעה, אַז אויך אין פילאַדעלפיא פעלן אים ניט קיין קעגנער. פון דעם בריוו איז נאָך מער בולט זיין מוטיקייט אין דער אַנטי־שקלאַפערישער טעטיקייט.

זעקסטער קאַפּיטל

די יסודות פון איינהאָרנס שיטה

1. סאָציאַלער און רעליגיעזער ראַדיקאַליזם

ווען מען וויל באַנעמען די שיטה פון דוד איינהאָרן, זיינע אידעאָלאָגישע פּרינציפּן און זיין ראַדיקאַלע ריכטונג אין דער יידישער רעפאָרם, מוז מען זיך פאַרטיפן אין זיין תקופה.

יעדער דור לעבט אין אַ באַשטימטער קולטור־אַטמאָספערע. יעדע עפּאָכע האָט איר אַזויגערופענעם גייסט. די געדאַנקען פון אַ תקופה ווערן באַשטימט פון די פּאָליטישע און סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַדינגונגען.

די גייסטיקע פּראָבלעמען פון אַ געוויסן דור, אָדער עפּאָכע, זיינען אויסדרוקן פון די ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין דער באַזע פון די סאָציאַל־עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פאַרהעלטענישן. זיי קומען פון דעם צוזאַמענשטויס צווישן די אַלטע און נייע איבערלעבונגען פון דער געזעלשאַפט. די פונקציע פון די טעאָריעס און פילאָסאָפיעס איז צו פאַרענטפערן די פּראָבלעמען, וואָס רייסן אַן אויפן קריזיס פון דער גאַנצער אָרדנונג.

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אַז די יידישע אויפקלערונג אין דייטשלאַנד איז געווען די אידעאָלאָגיע פון דער אויפשטייגנדיקער יידישער בורזשואַזיע און אַ וואַריאַנט און אַ באַשטאַנדטייל פון דער אַלגעמיינער אויפקלערונג. די יידישע אויפקלערונג איז געווען די אידעאָלאָגיע פונעם יידישן מיטלבירגער, וואָס איז אַריבערגעוואָקסן אין אַ מאָדערנעם בורזשוי. זי איז אַרויסגערופן געוואָרן דורכן אַריינדרינגען פונעם קאַפּיטאַליזם אין דער אָפּגעשטאַנענער, האַלב־פעאָדאַלער סביבה, אין וועלכער עס האָט געלעבט די יידישע באַפעלקערונג.

דאָס יידישע בירגערטום ווערט ביסלעכוויז אַריינגעצויגן אין די נייע אינדוסטריעלע פּראָצעסן און ווערט מאָדערניזירט. די מאָדערניזאַציע דריקט זיך אויס אין דער קליידונג און אין דער רעליגיע. אינעם

מיטלפונקט פון דער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער פּראָגראַם פון דער אויפקלערונג שטייט די פאָדערונג פון עמאַנציפּאַציע און גלייכבאַרעכטיקונג.

ביי אירע ערשטע טריט פאַרשטייט אָבער די יידיש־דייטשע בורזשואַזיע איר ראָלע ניט אין איבעראַנדערשן די פּאָליטישע אָרדענונג אויף נייע דעמאָקראַטישע יסודות. עמאַנציפּאַציע ווערט אין אַכצנטן יאָרהונדערט, אין די צייטן פון נאַפּאָלעאָנען, באַנומען אין די ראַמען פון דער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג.

ערשט ביים אָנהייב פונעם 19טן יאָרהונדערט קומט אויך אין די העכסטע שיכטן פונעם יידישן בירגערטום פאַר אַ דיפערענציאַציע. עס טיילט זיך אויס אַ מער רירעוודיקער שיכט און די בורזשואַזע יידישע באַפעלקערונג באַקומט אַ ביז גאָר ראַדיקאַלע פאָרם. איר אידעאָלאָגיע דריקט זיך אויס אינעם געמיט און אין לעבנס־אידעאַל פונעם מער פּראָגרעסיוון טייל פונעם יידישן בירגערטום.

פונקט ווי אין פראַנקרייך אינעם 18טן יאָרהונדערט, אין קאַמף קעגן דער קלעריקאַלער און פעאָדאַלער הערשאַפט, זיינען טייל בורזשואַזע אויפקלערער דערגאַנגען אַפילו ביז מאַטעריאַליזם און אַטעאיזם אויפן פילאָסאָפישן געביט, ביז צום פּראָקלאַמירן די פאָדערונג פון אַ בורזשואַזדעמאָקראַטישער רעפּובליק אויפן פּאָליטישן געביט; ביז צו פּראָקלאַמירן דאָס רעכט פונעם פאָלק צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד דער אונטערדריקונג, און אַרויסרופן דאָס פאָלק אַליין ווי אַ קוואַל פון יעדער מאַכט. דער ראַדיקאַלער פליגל פון דער יידישער אויפקלערונג האָט פונקט אַזוי איינגעריסן מיט די אידעאישע איינשטעלונגען פון דער אָפּגעשטאַנענער, קאָנסערוואַטיווער בורזשואַזיע און האָט די עמאַנציפּאַציע־פראַגע פאַרשטאַנען אין זינען פון ראַדיקאַלער ענדערונג פון די יסודות פון דער גאַנצער אָרדנונג.

דער אויפקום פון ראַדיקאַלער יידישער רעפאָרם איז געווען אַ פּרוּוו צו שאַפן אַ נייע סיסטעם פון רעליגיעזע אָנשויאונגען, וואָס זאָל זיין בעסער צוגעפּאַסט צו די לעבנס־באַדינגונגען פון די מער געבילדעטע און פאַרגעשריטענע שיכטן פונעם יידישן בירגערטום.

נאַטירלעך איז די דאָזיקע שטרעבונג פאַר פרייהייט און גלייכהייט נאָך געווען איינגעוויקלט אין אַ רעליגיעזן שלייער און מעטאַפיזישער פראַזעאָלאָגיע. אָבער אונטער דער רעליגיעזער פאָרם איז געקומען צום אויסדרוק אַ דעמאָקראַטישער אינהאַלט, וואָס האָט גערופן צום קאַמף

קעגן אַבסאָלוטע הערשער, קעגן די איבערבלייבעכצן פון פעאָדאַליזם אויף דער אַלגעמיינער גאַס און קעגן די קאָנסערוואַטיווע עלעמענטן אין דער יידישער סביבה.

2. אוניווערסאַליזם און ראַציאָנאַלע אַנטוויקלונג

לאָמיר איצט באַטראַכטן די טעאָריע, אָדער פילאָסאָפיע פון דוד איינהאָרן און אָנווענדן זיינע אויספירן אויף דעם סאָציאַלן מהות פון דער ראַדיקאַלער ריכטונג אין דער יידישער רעפאָרם.

איינהאָרן האָט פאַרפאַסט אַ ריי ווערק אויפן געביט פון טעאָלאָגיע. קיין אָריגינעלער דענקער פון אַ גרויסן מאַסשטאַב איז ער ניט געווען. זיין אַרויסטריט איז אָבער געווען די ערשטע פאַנאַנדערגעוויקלטע טעאָרעטישע מאַניפעסטאַציע פון דער ראַדיקאַלער יידישער רעפאָרמאַציע.

צוויי גרונט־פרינציפּן לייגט איינהאָרן אַוועק אין יסוד פון זיינע טעאָלאָגישע שריפטן. פריער פאַר אַלץ — דער אוניווערסאַליזם. מאָנאָטעאיזם, אָדער ווי ער באַצייכנט עס: „מאָזאַאיזם", איז ניט קיין פּאַרטי־קולאַריסטישע רעליגיע, וואָס דריקט זיך אויס אין נאַציאָנאַליזם, אין דעם טראַדיציאָנעלן באַנעם, אָדער קאָמפּלעקס פון יידישן גלות און גאולה־באַגריף. גלות — אַלס שטראָף, און גאולה — אַלס ווידעראויפ־ריכטונג. דאָס יידישע פאָלק איז בלויז דערווילט אין דעם זינען פון פליכט און מיסיע, צו זיין דער טרעגער פון אוניווערסאַלן אידעאַל, אַ מין „אור לגוים", אַ ליכט פאַר די פעלקער, וואָס זאָל זיי פירן אין די וועגן פון גערעכטיקייט. דאָס איז זיין איינציקע מיסיע.

איינהאָרן שיידט אָפּ דעם אוניווערסאַלן מאָמענט אין יידנטום פון נאַציאָנאַלן און שטעלט אַוועק דאָס יידנטום בלויז אויף אַן אוניווערסאַל־מענטשלעכן פונדאַמענט.

דער צווייטער פרינציפּ איז דאָס צופּאַסן יודאַאיזם, אָדער מאָזאַאיזם צו דער ראַציאָנאַלער אַנטוויקלונג. „מאָזאַאיזם" איז ניט קיין אייביק־פאַרגליווערטע קאַטעגאָריע, נאָר אַ סכום באַגריפן, וואָס ענדערן זיך מיט דער צייט, מיטן פּראָגרעס פון די דורות. „אַזוי ווי קריסטנטום און איסלאַם איז אויך אונדזער פּעריאָד, אַ סטאַדיע אין דער פאַרווירקלע־כונג פון משיחיזם, וואָס איז אַן אַנדער וואָרט פאַרן אוניווערסאַליזם", דערקלערט איינהאָרן [1]).

„די שטימע פון גאָט איז די שטימע פון שכל". גאָט איז שכל, ווייל די וועלט איז שכל, און שכל איז דער מענטש. און מיט שכל מיינט מען

ניט בלויז דעם פאַרשטאַנד, וואָס נעמט אויף איינדרוקן פון דער אויסנ־וועלט און פאַרבייט זיי, נעמט זיי אויף פּאַסיוו, גיט זיך אונטער צו זיי, נאָר דער אַקטיווער, מער שאַפנדיקער, וואָס צעשטערט און שאַפט, שאַפט און צעשטערט אויפסניי.

פון דעם פּרינציפּ שטאַמט איינהאָרנס אייפער אָפּצושאַפן פאַרעל־טערטע מנהגים און מצוות:

„יעדער איינער וואָס פאַרוואַרפט די מצוות־מעשיות, די ריטואַלע פּראַקטיק פון דער יידישער רעליגיע, ווייל ער האַלט, אַז גאָט רעדט מער ניט דורך זיי, און בלייבט אָבער דערביי ביי די פּרינציפּיעלע אמתן פון מאָזאַאיזם, קאָן ניט פאַררעכנט ווערן פאַר אַן אַפּאָסטאַט, נאָר פאַר אַ פאַרשפּרייטער פון אוניווערסאַלן אמת"[2]).

זיין ווערק „נר תמיד" איז אַ מין קאַטעכיזם פאַר דער יידישער רעליגיעזער רעפאָרם מיט פאַרשיידענע אַני־מאמינס: 1) די פאַרלייקענונג פון קרבנות און די זינד וואָס גילטן אין דער מענטשלעכער נאַטור. 2) יום־כיפּור איז ניט קיין טאָג פון זינדפאַרגעבונג, נאָר פון גייסטיקער לייטע־רונג. דאָס פאַסטן איז אַ פּרואוו צו צוימען דעם קערפּער, אָבער ניט קיין אויסדרוק פון קרבן. 3) כשרות דאַרף אָפּגעשאַפט ווערן, ווייל עס פירט בלויז צו סעגרעגאַציע לגבי ניט־יידן. 4) כהונה איז אַ טייל פון דעם אַמאָליקן טעאָקראַטישן שטאַט און דאַרף, אַלס אַזאַ, עלימינירט ווערן. 5) דער גלויבן אין תחית־המתים שטימט ניט מיטן ראַציאָנאַליזם און מוז באַזייטיקט ווערן. 6) פרויען דאַרפן גלייכבאַרעכטיקט ווערן אין רע־ליגיעזן צערמאָניאַל, אין די תפילות און אין דער גאַנצער רעליגיעזער פּראַקטיק. די אומגלייכהייט פון דער פרוי אין משהס געזעצן „בילדן אַ טייל פון אָפּגעלעבטן כהונה־סיסטעם מיט זיין פּריסטער־קאַסטע" און טאָר מער ניט געדולדעט ווערן. 7) ברית אברהם (מילה) איז ניט קיין הויפּט־באַדינג פאַר געהערן צום יידישן גלויבן, עס איז בלויז אַ סימבאָל. 8) שבת איז בלויז אַ זכר, אַן אָנדענק פון באַפרייאונג פון שקלאַפעריי.

ענדלעך דאַרפן באַזייטיקט ווערן פון די תפילות אַלע אויסדרוקן וועגן צוריקקער קיין ציון און ירושלים, דער גלויבן אין משיחן און די האָפענונג אויף קיבוץ גלויות, איינזאַמלונג פון דער יידישער צעשפּרייטונג אין ארץ ישראל. די צעשפּרייטונג פון יידן אין דער וועלט איז ניט קיין קללה, נאָר אַ ברכה, לויט דער פאַרזיכערונג פון דעם נביא מיכה: „און דאָס איבערבלייבעכץ פון יעקבן וועט זיין ווי טוי, ווי שפּריי־רעגן אויף גראָז".

אַ מער טעאָרעטישן כאַראַקטער ווי זיינע ערשטע ווערק, וואָס ער האָט געדרוקט אין דייטשלאַנד, האָבן זיינע טעאָלאָגישע אַרטיקלען אין „סיני" און זיין סידור „עולת־תמיד" וואָס איז ניט בלויז אַ געבעט־בוך, נאָר פאַקטיש אַ טעאָרעטישער און גלייכצייטיק פּאָעטיש־לירישער טראַקטאַט, וואָס בילדעט די ראַציאָנעלע יסודות און עמאָציאָנעלע מאָטיוון פון זיין ראַדיקאַלן רעפאָרמיזם.

3. אַנטי־נאַציאָנאַליזם און אוניווערסאַליזם

לאָמיר איצט איבערגיין צו אַן אַנאַליז פון יענע תפילות אין איינהאָרנס סידור, וואו ער אונטערשיידט זיך ניט נאָר פון טראַדיציאָנעלן קאָנסערוואַטיוון סידור, נאָר אַפילו פון מעסיק־רעפאָרמירטן סידור פון י. מ. וויז, וואָס הייסט „מנהג אַמעריקע", און זען וואָס פאַר אַ מאָטיוון און טענדענצן אַנטפּלעקן זיך אין זיי.

צום בולטסטן אַנטפּלעקט זיך אין זיי דער אַנטי־נאַציאָנאַליזם און עס ווערט אַרויסגעהויבן דער אוניווערסאַלער עלעמענט.

אין די וואָכעדיקע תפילות: אַנשטאָט די טראַדיציאָנעלע ברכה פון „המברך את עמו ישראל בשלום" — וואָס בענטשט דאָס יידישע פאָלק מיט פרידן, האָט איינהאָרן אַריינגעשריבן „וטוב בעיניך לברך את כל העמים" — און זאָל דיר וואויל־געפעלן צו בענטשן אַלע פעלקער מיט שלום. אין דער תפילה פון „עלינו", וואו עס זאָגט זיך: „שלא עשנו כגויי הארצות" — מיר דאַנקען דיר וואָס האָסט אונדז ניט געמאַכט ווי די פעלקער פון די לענדער, זאָגט זיך אין איינהאָרנס סידור: „שבחר בזרע אברהם למען יתברכו בו כל משפחות האדמה" — דער וואָס האָט אויסגעקליבן דעם זאָמען פון אברהמען, עס זאָלן זיך בענטשן אין אים אַלע פעלקער פון דער ערד.

ווייטער האָט איינהאָרן באַזייטיקט די ברכה „שלא עשני גוי" — וואָס האָט מיך ניט געמאַכט פאַר אַ ניט־ייד.

די אוניווערסאַלע טענדענץ, וואָס ליגט אין יסוד פון איינהאָרנס סידור האָט גורם געווען דערצו, אַז ער זאָל פאַרוואַנדלען דעם טרויעריקסטן טאָג ביי יידן, תשעה־באב, איז אַ טאָג פון לויב און דאַנק. אין זיין שטרעבן אונטערצושטרייכן די יידישע אוניווערסאַלע מיסיע איז איינהאָרן געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט פאַרפאַסט אַ ספּעציעלע תפילה, וואָס דערקלערט, אַז אין ניינטן טאָג פון אָב האָט זיך דער באַשעפער פון דער וועלט דערלייזט פון תפיסה פון די וועכטער זיינע, די כהנים, און פון זיין

געפּאַנגענקייט צווישן גאָלד־געדעקטע ווענט. „דער איינציקער טעמפּל אין ירושלים איז געזונקען אין שטויב, כדי אַנצאָליקע טעמפּלען זאָלן אויפשטיין איבער דער גאַרער ערד, אין דיין כבוד און גלאָריע... ניט ווי אַ שטיף־קינד איז ישראל אַוועק אין פרעמדע לענדער, נאָר ווי אַ שליח צו אַלע פעלקער־פאַמיליעס. ישראל האָט מער ניט געדאַרפט וואוינען אָפּגעזונדערט פון אַלע דיינע קינדער... פון די פלאַמען, וואָס האָבן פאַרצערט ציון איז אויפגעשטאַנען „דער משיח און מאַרטירער" — ישראל, וואָס איז פריי געוואָרן, פריי אויף אַלעמאָל..."[3].

אין די יום־כפור תפילות האָט איינהאָרן געבראַכט צום אויסדרוק זיינע דערמאָנטע צוויי פּרינציפּן פון אוניווערסאַליזם און ראַציאָנאַלן קריטיציזם.

„ניט ווי אַ באַלאָדענער מיט זינד איז ישראל אַוועק אין דער וועלט, נאָר ווי אַן אויספּירער פון אַ דערהויבנדיקער מיסיע, צו זיין דער ליידנדיקער דערלייזער, אַ מוסטער פאַר אַלע פעלקער. אהרן איז בלויז געווען אַ כהן פון איין שבט, ישראל — דער שליח און באַדינער פון אַלע פעלקער. די פליכט פון אהרנס קינדער איז געווען צו בעטן פאַר ישראל; אונדזער פליכט — צו מעדיטירן פאַר דער גאַנצער מענטשהייט... ישראל האָט זיך באַפרייט פון זיין פרימיטיוון צושטאַנד, פון זיין קינדהייט, די צייט פון בית־המקדש איז איצט געוואָקסן און רייף געוואָרן... זאָל די ברידערלעכקייט פון מענטשן לייכטן ווי אַ מנורה פון ריינעם גאָלד. זאָל אויפגעשטעלט ווערן אַ נייער טעמפּל, ברייט ווי די וועלט, ניט אין רויך פון בלוט און פעטס געלייטזעליקט, נאָר די וועלט זאָל ווערן די נייע „סיני" און „ציון" און די גאַנצע ערד, — ירושלים געבויט אין גערעכטיקייט".

אין דער נעילה־תפילה „פּתח לנו שער", — עפן אונדז אַ טויער! — האָט איינהאָרן דערפירט זיין אוניווערסאַליסטישן באַנעם צום העכסטן פּונקט... „דערפיר אונדז צו דעם גלאָררייכן אָוונט, פול מיט ליכט, ווי דו האָסט צוגעזאָגט; צו דער צייט וואָס וועט זיין ניט נאַכט און ניט טאָג, נאָר דיין ליכט וועט אויסברעכן פאַר אַלע מענשן־קינדער... אַלע זאָלן ווערן קינדער פון איין משפּחה. זאָל ישראל דערקענען דעם גאַנצן ציל פון זיין קאַמף — איין וועלט און איין מענטשהייט!"

די דאָזיקע תפילה איז לויט דער אינטערפּרעטאַציע פון איינהאָרנס ענגלישן איבערזעצער, עמיל ג. הירש, „אַן אָנזאָג אויף דער צייט ווען יידנטום וועט מער ניט עקזיסטירן. עס דעקלאַרירט אַז יידנטום איז בלויז

דער טויער, דורך וועלכן די מענטשהייט גייט דורך צו אַ ברייטערן פעלד און העכערן און נאָבעלן לעבן. יידנטום איז בלויז אַן עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונג פון דער העכסטער מענטשלעכער פולקומענהייט, אַ מיטל, ניט קיין ציל"[4]).

אין איינקלאַנג מיט זיין היסטאָרישן קריטיציזם האָט איינהאָרן אַריינגענומען אין זיינע יום כפור־תפילות קאַפּיטלען פון דעם בוך „איוב", וואָס איז רייך אין דראַמאַטישע דיאַלאָג־פאָרמען. געטאָן האָט ער עס מיט אַ באַזונדערער כוונה.

שוין די אַלטע ביבל־קאָמענטאַרן האָבן זיך געפּלייסט צו געפינען אַ פּאַסיקע דערקלערונג פאַר דער אויסטערלישער יום־כפור־צערעמאָניע מיטן ציגן־באָק, וואָס איז אַוועקגעשיקט געוואָרן אין דער מדבר. עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אַז דער עזאָזל איז טאַקע אַ צווילינג־ברודער פון גריכישן דיאָניזיוס־קולט. אין דער עטיש־מאָנאָטעאיסטישער וועלט־אָנשויאונג האָט געפעלט דער מאָמענט פון גריכישער טראַגעדיע, דער גלויבן אין בלינדן פאַטום, אין דעם פאָראויסבאַשטימטן גזר־דין, וועלכן דער מענטש איז ניט אימשטאַנד אָפּצואווענדן, און וואָס עקשנותדיקער ער קעמפט קעגן זיין פון פרעמדע, אומברחמנותדיקע כוחות פאָראויס־באַשטימטן מזל, אַלץ אומפאַרמיידלעכער, אַלץ טיפער וועט זיין די מפּלה.

קעגן דעם פאַטאַליזם, וואָס ווערט אויסגעדריקט אין עזאָזל־קולט, אָדער ציגן־באָק־דראַמע פון זינד און פאָראויסבאַשטימטן גורל, ווערט אַנטקעגנגעשטעלט דאָס בוך פון „איוב" מיט זיין לעבעדיקן דיאַלאָג וועגן דעם גרויסן געראַנגל פון מענטשנס נשמה, פון דער שטאָלצער, נאָך יושר־בענקענדיקער מענטשלעכער נשמה.

4. סאָציאַלע טענדענצן אין איינהאָרנס וועלט־באַנעם

די אַלע תפילה־רעפאָרמען וועלכע מיר האָבן ציטירט, אַלע דורכ־געדרונגענע פון אוניווערסאַלע מאָטיוון, ווייזן דירעקט אויף די סאָ־ציאַלע טענדענצן אין איינהאָרנס וועלט־אָנשויאונג.

איינהאָרן האָט מיט זיינע תפילות קודם כל באַפרידיקט זיינע אייגענע סאָציאַלע בענקשאַפטן נאָך דערלייזונג, זיין אַנטי־שקלאַפערישע קאָנ־צעפּציע.

דער שבת, דער טאָג פון מנוחה, פון רו, נאָך אַ וואָך פון אַרבעט, איז, ווי שוין דערמאָנט, פאַר איינהאָרנען אַ סימבאָל פאַר דער אויס־לייזונג פון קנעכטשאַפט פון מצרים. דער העכסטער ציל פון דער מענטש־

הייט איז דער געשיכטלעכער שבת. „יעדער שבת רעדט צו אונדז מיט אַ נביאיש קול און דערמאָנט אונדז, אַז דו האָסט גערופֿן דעם מענטשן צו פֿרייהייט, ער זאָל זיין דער הערשער פֿונעם קאָסמאָס... ניט ווי אַ קללה איז אויפֿן מענטשן אַרויפֿגעלייגט געוואָרן די פֿליכט אַרויסצובאַקומען דאָס ברויט פֿון דער ערד מיט מי. דער וואָס עסט די פֿרוכט פֿון זיינע הענט איז געבענטשט, און גרויס איז זיין לוין... ווי אַ הייליקער בונד מיטן מענטשן האָסטו באַשטימט פֿאַר אונדז דעם שבת, דעם בייט פֿון די סעזאָנען, אַ צייכן, אַז די קייטן פֿונעם שקלאַף דאַרפֿן צעריסן ווערן... דער שבת דערמאָנט אונדז אויך אין צוקונפֿטיקן שבת, וואָס וועט ענדלעך פֿאַרבינדן די מי און די שטרעבונגען פֿון די דורות, צו ברענגען די בשורה פֿון פֿרייהייט און שלום פֿאַר דער וועלט.״

דער סאָציאַלער מאָטיוו געפֿינט אויך אַן אויסדרוק אין דער פּאַטריאָטישער תּפֿילה פֿאַר ראש־השנה, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט דער שטרעבונג צו ראַסן־גלייכהייט. „לערן אונדז ווי אויפֿצוהאַלטן אין אונדזער היים־לאַנד דעם גוטן ווילן צווישן די פֿאַרשיידענע ראַסן, אַז אונדזער לאַנד זאָל אויף אייביק בלייבן דער פֿעלדז פֿון פֿרייהייט, די שרעק פֿאַר אַלע טיראַנען, דער מקום־מקלט פֿאַר אַלע גערודפֿטע און געפּלאָגטע״.

אין די שבֿועותדיקע תּפֿילות האָט איינהאָרן אַריינגענומען דעם קאַפּיטל פֿון תּהילים, וואָס רעדט וועגן דעם וואָס „ווירקט גערעכט, באַרעדט ניט זיין פֿריינט, האָט אַ ריין און לויטער האַרץ, גיט ניט קיין געלט אויף צינזן און נעמט ניט קיין שוחד...״

די דאָזיקע תּפֿילות ווייזן, אַז איינהאָרן האָט באַוואוסטזיניק אַריינגעפֿלאָכטן דעם סאָציאַלן מאָטיוו אין זיין סידור. וואָלט ער בלויז איבערזינען געהאַט סתּם צו ענדערן דעם נוסח פֿון קאָנסערוואַטיוון סידור, וואָלט ער געוועזן אויסגעקליבן אַנדערע פּאַסיקע פּסוקים, וואָס וואָלטן געשטימט מיט דער רעליגיעזער רעפֿאָרם. דער פֿאַקט וואָס כמעט פֿאַר אַלע ימים טובֿים און אַלע געלעגנהייטן, ווערט אַריינגעבראַכט דער מאָטיוו פֿון פֿרייהייט, וואַרפֿט אַ ליכט אויף זיין טענדענץ צו פֿאַרבינדן די תּפֿילות מיט זיין אַנטי־שקלאַפֿערישער אידעע.

אַממערסטנס קומט די אַנטי־שקלאַפֿערישקייט צום אויסדרוק אין זיינע פּסחדיקע און יום כּפּורדיקע תּפֿילות. די טראַדיציאָנעלע פֿירקשיות פֿון דער הגדה האָט ער איינגאַנצן געענדערט, אין הסכּם מיט זיין סאָציאַלן באַנעם. להיפּוך צו די טראַדיציאָנעלע פֿראַגן: פֿאַרוואָס מען עסט בלויז מצה און מרור א. אַז. וו. ווערן די קשיות געשטעלט אַזוי:

1) פאַרוואָס איז די היינטיקע נאַכט אַ ליל־שימורים, אַ וואַך־נאַכט? 2) פאַרוואָס ווערט די נאַכט אָפּגעהיט בלויז פון ייִדן? 3) צי האָבן די אַמאָ־ליקע ייִדן אויך אָפּגעריכט דעם סדר, אויפן זעלבן אופן ווי די היינטיקע? און 4) וואָס איז דער באַדייט פון חמץ און מצה?

די ענטפערס זיינען, אַז דער סדר דערמאָנט אונדז אין דער שאַנד פון שקלאַפעריי אין עגיפּטן, און ייִדן האָבן פון דער שקלאַפעריי אָמ־מערסטנס געליטן דורך טויזנטער יאָרן; אַז אַמאָל האָבן ייִדן געבראַכט אַ קרבן, אָבער היינט זיינען די קרבנות ניט נויטיק, ווייל „ליבע צו מענטשן איז דער איינציקער קרבן" און „מיר דאַרפן זיך לערנען אמת־דיק צו העלפן איינער דעם צווייטן" און אַז חמץ, זויערקייט, איז דער סימבאָל פון שלעכטס, און מרור „דערמאָנט אין דעם ביטערן קאַמף קעגן קנעכטשאַפט, וואָס ייִדן האָבן געפירט אין עגיפּטן".

דאָס באַטראַכטן די אומרעכט פון שקלאַפעריי פונעם מיטברודער ווי די גרעסטע זינד, קומט אַמבולטסטן און אַמשאַרפסטן צום אויסדרוק אין איינהאָרנס יום־כפורדיגע תפילות. די פיוטים פון שחרית האָט איינ־האָרן אינגאַנצן אויסגעשניטן און אַריינגעשטעלט בלויז איין ברכה: „סומך נופלים, עונה עשוקים", — דער וואָס שפּאַרט אונטער די גע־פאַלענע, ענטפערט די באַרויבטע. די מנחה־תפילה הייבט ער אָן מיט די ווערטער פון דעם נביא ישעיה: „צו וואָס מיר איירע פילע שעכטונ־גען, זאָגט גאָט. איך בין זאַט שוין פון געברענטע שעפּסן און דעם פעטס פון די געשטאָפּטע, און דאָס בלוט פון אָקס און שאָף און באָק פאַרלאַנג איך ניט... אַזוי האָט גערעדט ישעיה."

און ווייטער ברענגט איינהאָרן די פסוקים פון נביא מיכה: „עס איז דיר, מענטש, געזאָגט געוואָרן, וואָס עס איז גוט און וואָס דיין גאָט פאָדערט פון דיר, טאָן גערעכטיקייט, ליב האָבן גענאָד און צניעותדיק זיך אויפ־פירן, באַשיצן די רעכט פון יתום און אלמנה, ליב האָבן דעם פרעמדן, עפענען די קייטן פון אומרעכט, שיקן די פאַרשקלאַפטע צו דער פריי־הייט..."

דעם טראַדיציאָנעלן ווידוי פון „על־חטא" האָט ער באַזייטיקט און אַנשטאָט דעם אַריינגעשטעלט אַזאַ מין קאָנפעסיע: „ווי אָפט, אין שעהען פון בייזוויליקייט, האָב איך אַוועקגעשיקט דעם אָרעמאַן פון מיין הויז, און נאָכמער אַראָפּגעבויגן זיין קאָפּ צו דער ערד, פאַרמערט די טרערן פון זיינע אויגן."

אין דער נעילה־תפילה האָט ער אַריינגענומען די ברענענדיקע

פסוקים פון איובן קעגן שקלאַפעריי און פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט. „אויב איך פלעג פאַראַכטן דאָס רעכט פון מיין קנעכט און מיין דינסט אין זייער קריג מיט מיר, — וואָס וואָלט איך געטאָן, אַז גאָט זאָל אויפשטיין? און אַז ער וואָלט געמאָנט, וואָס וואָלט איך אים געענטפערט? האָט ניט דער וואָס האָט מיך אין מוטער־לייב באַשאַפן, אויך אים באַשאַפן? און האָט ניט ער אונדז ביידן צוגעפּאַסט אין דער מוטערשויס?" (איוב ל"א, 16). צווישן די פסוקים פון איוב, וואָס איינהאָרן ברענגט אין זיינע נעילה־זאָגעכצן, ברענגט ער אַרויס דעם גאַר טיפן און פראָגרעסיוון געדאַנק פאַר זיין צייט, וואָס איז דער טיפערער מיין פון איובן: „אויב דו זינדיקסט, וואָס ווירקסטו אויף אים? און זיינען פיל דיינע פאַרברעכנס, וואָס טוסטו אים?" (ל"ח, 7־8). ווייטער קומען די אינטערעסאַנטע פסוקים: „לערן אונדז פון די פי אין פעלד און פון די פייגל פון הימל, מאַך אונדז קלוג" (ג', 11) — אַן אָנצוהערעניש, אַז די סאָציאַלע גערעכטיקייט וועט ניט איינגעפירט ווערן אין לעבן דורך תפילות צו גאָט און דורך טענות וועגן זיינע פירעכצן: מען דאַרף זיך שאַפן מיט דער אייגענער מאַכט די גערעכטיקייט...

צום סוף לאָמיר אויך דערמאָנען אַ קליינע, אָבער סימבאָלישע ברכה פון בענטשן נאָכן עסן: „אַ דאַנק און לויב וואָס האָסט אונדז באַפרייט פון יאָך פון דער שקלאַפעריי און האָסט געבענטשט די פרוכט פון אונדזער אינדוסטריע"... עס איז זיכער נישט קיין צופאַל, וואָס איינהאָרן האָט פאַרפאַסט די דאָזיקע קורצע תפילה. דאָס רעפלעקטירט אויף זיין צייט, די צייט ווען דער אינדוסטריעלער צפון האָט אָנגעהויבן זיין אָנגריף אויף דער שקלאַפערישער געזעלשאַפט פונעם דרום...

5. אַנאַלאָגיעס און אַ סך־הכל

מען קען איצט שוין אונטערפירן אַ סך הכל.

איינהאָרן איז געווען אַ ראַדיקאַלער אויפקלערער. דאָס הייסט, אַן אידעאָלאָג פון די בירגערלעכע יידישע שיכטן, ביי וועלכע עס וואַקסט לאַנגזאַם אָן אַ ראַדיקאַלער הומאַניזם, וועלכע זיינען אָבער צופיל פאַרבונדן מיט כל־ערליי בורזשואַזע טראַדיציעס.

זיין וועלט־אַנשויאונג האָט זיך פאָרמירט אָנהייב דער צווייטער העלפט פונעם 19טן יאָרהונדערט, ווען אין דייטשלאַנד און אין אַמעריקע האָט זיך שוין באַפעסטיקט אַ מאָדערנע יידישע בורזשואַזיע, און ס'האָט זיך ערשט געהאַלטן ביים אויספיקן אַ מאָדערנער יידישער ראַדיקאַליזם.

ממילא שפּיגלט זיין אידעאָלאָגיע אָפּ דעם ערשטן עטאַפּ פון דעם דאָזיקן ראַדיקאַליזם, אַן עטאַפּ ווען די אידעאָלאָגיע איז נאָך באַלאָדן מיט שווערע אידעאַליסטישע רעשטן פון דער בורזשואַזער אַנשויאונג.

אָן ספק איז איינהאָרן באַאיינפלוסט געוואָרן פון דעם פאָטער פון דער יידישער אויפקלערונג, מאָזעס מענדעלסאָן. מענדעלסאָן האָט געזוכט אַ קאָמפּראָמיס צווישן אויפקלערונג און רעליגיע, צווישן דעאיזם און יודאַאיזם. די סתירה האָט מענדעלסאָן ניט פאַרענטפערט, און אויך ניט איינהאָרן. בשעת מענדעלסאָן איז אָבער געווען דורכאויס ברוזשואַז אין זיין סאָציאַלן באַנעם, רעאַקציאָנער אין זיינע אַרויסזאָגונגען איבער סאָציאַל-עקאָנאָמישע פראַגן, און האָט אָנגעשריבן אַן אַפּאָלאָגיע פון סוחר און פרייער-קאָנקורענץ[5]), איז איינהאָרן געווען מער ראַדיקאַל אין זיינע אַרויסטרעטונגען אויפן סאָציאַל-עקאָנאָמישן געביט; האָט גע־קעמפט ניט נאָר קעגן פעאָדאַליזם און שקלאַפעריי, נאָר זיך אָפּט אַרויס־געוויזן אַ פיינטלעכע באַציאונג צו רייכקייט, ווי אַ פּראָדוקט פון גזילה און אָפּנאַרעריי. אויב מען זאָל זוכן געוויסע אַנאַלאָגיעס אין דער וועלט־געשיכטע פון איינהאָרנס ריכטונג מיט ענלעכע ראַדיקאַל-רעליגיעזע ריכטונגען ביי ניט יידן, קאָן מען אים פאַרגלייכן מיט דעם פירער פון דער לינקער רעפאָרמאַציע אין דייטשלאַנד און פון פויערים-קריג אין דייטשלאַנד אינעם 16טן יאָרהונדערט טאָמאַס מינצער, הגם אַ פאַרגלייך צווישן איינהאָרנס ראַדיקאַל-יידישער רעפאָרמאַציע מיט מינצערס ליבקן קריסטלעכן ראַדיקאַליזם לאָזט זיך ניט דורכפירן: ערשטנס, טיילט אָפּ איין פערזאָן פון דער צווייטער אַ ריזיקע היסטאָרישע דיסטאַנץ — פונעם 16טן ביזן 19טן יאָרהונדערט; און צווייטנס, זיינען די סאָציאַלע באַזעס פוןביידע ראַדיקאַל-רעליגיעזע סעקטעס לחלוטין אַנדערש איינע פון דער צווייטער. דאָך קאָן מען געפינען געוויסע אַנאַלאָגיעס צווישן די ביידע מיליטאַנטע רעפאָרמאַטאָרן, דעם קעמפערישן פויעריש-פּלעבע־אישן רעוואָלוציאָנער טאָמאַס מינצער און דעם יידישן קעמפער קעגן שקלאַפעריי און פאַר אַ בעסערן סאָציאַלן סדר אין אַמעריקע, דוד איינהאָרן.

דעם עיקרדיקן מהות פון דעם פירער פון דעם גרויסן פויערים-קריג האָט אויף אַ געניאַלן אופן אַנאַליזירט פרידריך ענגעלס: „אונטער דער מאָדערניזירטער רעליגיעזער פאָרם און פראַזעאָלאָגיע פון מינצערן, זיינען געקומען צום אויסדרוק אמתע סאָציאַלע און דעמאָקראַטישע פאָדערונגען. ביי מינצערן האָבן מיר צו טאָן מיט אַ רעליגיעזער פראַזעאָלאָגיע און אַ דעמאָקראַטיש-פּלעבעאישן אינהאַלט"[6]). פונקט אַזוי געפינען מיר ביי

איינהאָרנען אַ ראַציאָנאַליסטיש־פילאָסאָפישע פּראָזעאָלאָגיע, אַ טעאָלאָגיש־אָריענטירטע, און אַ סאָציאַל־הומאַניסטישן אינהאַלט.

איינהאָרן האָט געהאַט אַ סך פּאָליטישן טעמפּעראַמענט, אַ קעמפּעדישע נאַטור. ער האָט געהאַט אַ חוש פאַר געשיכטע, פאַר היסטאָרישע צוזאַמענהאַנגען. ער האָט אָבער גערעדט אין דער שפּראַך פון זיין צייט, אין דער טערמינאָלאָגיע פון זיין סביבה. און די טערמינאָלאָגיע איז געווען ניט אינגאַנצן צוגעפּאַסט צו דעם גרונט־געדאַנק, פּונקט ווי מיגצערס סאָציאַלער אינהאַלט איז געווען מער פּאַרדעקט, ווי אַנטפּלעקט דורך דער טעאָלאָגישער טערמינאָלאָגיע, וואָס ער האָט באַנוצט, געמוזט באַנוצן, ווייל אַ מענטש רעדט תמיד אין דער שפּראַך פון זיין צייט, און קאָן ניט גיין ווייטער פון ווי די ווירקלעכקייט דערלויבט אים.

איינהאָרן האָט געטריי געדינט דעם דעמאָקראַטיש־באַפרייערישן קאַמף פון אַמעריקאַנער פאָלק און דערמיט די באַפרייאונג פון די יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

צווייטער טייל

פרייהייט און רעכט

אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון צפֿון־אַמעריקע איז יעדע זעלבסט־שטענדיקע אַרבעטער־באַוועגונג געבליבן פּאַראַליזירט, כל־זמן די שקלאַ־פֿעריי האָט צעקאַליעטשעט איין טייל פֿון דער רעפּובליק. די אַרבעט קען זיך דאָרט ניט עמאַנציפּירן אין דער ווייסער הויט, אַזוי לאַנג ווי זי ווערט ניט געבראַנדמאַרקט אין דער שוואַרצער הויט. אָבער פֿון דעם טויט פֿון דער שקלאַפֿעריי האָט גלייך אַרויסגעשפּראָצט אַ ניי, יונג־געוואָרן לעבן.

(קאַרל מאַרקס, „דאָס קאַפּיטאַל", קאַפּיטל 8).

ערשטער קאַפּיטל

די סאָציאַלע מאָטיוון פון אַמעריקאַנער אַבאָליציאָניזם

1. צוויי עטאַפּן אין דער אַמעריקאַנער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג

די עפּאָכע וועלכע מיר באַהאַנדלען אין דעם ווערק שפּיגלט אָפּ צוויי עטאַפּן אין דער אַמעריקאַנער ווירטשאַפט.

דער ערשטער עטאַפּ (1848 — 1855) כאַראַקטעריזירט דעם פונאַנ־דערפאַל פון דער נאַטור־ווירטשאַפט און שאַפט אין דער געשיכטע פון די פּאַראייניקטע שטאַטן אַן עקאָנאָמישע אויפלעבונג. עס וואַקסן נייע שטעט, עס קומט אויף אַ נייער מאַרק, וואָס בררייטערט זיך אויס און פאָדערט נייע סחורות. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג קומט פאָר אַ דיפערענצירונג פון די פאַרמער. עס באַווייזן זיך קאַפּיטאַליסטישע פאַרמער־ווירטשאַפטן, וואָס ווענדן אָן לוין־אַרבעט אויף זייערע פאַרמס.

דער וואוקס פון דער קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטריע האָט געבראַכט צו דער פאַרשאַרפונג פון די ווידערשפּרוכן פון דער שקלאַפן־באַזיצערישער סיסטעם, וואָס האָט אָנגעהויבן האַמעווען די אָנגרייפנדיקע באַוועגונג פונעם קאַפּיטאַליזם.

סוף פונעם אַכצנטן יאָרהונדערט האָט די שקלאַפן־אייגנטימערישע ווירטשאַפט איבערגעלעבט אַ קריזיס. עס זיינען אויסגעצערט געוואָרן די ערדן פאַר טאַבאַק־פּלאַנטאַציעס און די פּלאַנטאַטאָרן האָבן זיך גע־נויטיקט אין נייע ערדן. ווען די „באַוועגונג צו מערב״, די וואַנדערונג פון די מזרח־שטאַטן קיין מערב, צו באַקומען פרייע חלקים ערד, האָט זיך אָנגעהויבן, האָבן זיך אַהין אַ לאָז געטאָן צוויי סאָרטן קאָלאָניזאַטאָרן. — פון די דרום־שטאַטן — שקלאַפן־אייגנטימער און פון די צפון־שטאַטן —

אָנהענגער פון פרייער געדונגענער אַרבעט. צווישן דיביידע כוחות ברעכט אויס אַ קאַמף.

דער עקאָנאָמישער צוזאַמענשטויס צווישן די פרייע פויערים מיט די דרומדיקע פּלאַנטאַטאָרס — איז שפּעטער געוואָרן איינע פון די גרונט־פראַגן, אַרום וועלכע עס איז אויסגעבראָכן דער בירגער־קריג. די דאָזיקע מלחמה האָט געדאַרפט באַשטימען די פּערספּעקטיוון פון דער ווייטערדי־קער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג פון די פּאַראייניקטע שטאַטן; אַ פרייע אַנטוויקלונג פון די פויערימשעווירטשאַפטן, אויף בירגערלעך־דע־מאָקראַטישע ליניעס, דורך פאַרניכטן די שקלאַפעריי אָרדענונג און דאָס מיינט שאַפן די סאַמע גינסטיקע באַדינגונגען פאַרן קאַפּיטאַליזם און דעם קלאַסן־קאַמף, אָדער די אויסברייטערונג פון דער קנעכטישער סי־סטעם מיט דער הילף פון פאַרכאַפּן די פרייע, נייע ערדן אין מערב, און זיי אויסנוצן פאַר נייע פּלאַנטאַציעס.

אין דעם צווייטן עטאַפּ (1855 — 1865) איז דער וויכטיקסטער פאַקטאָר, וועלכער העלפט דעם פונאַנדערפאַל פון דער שקלאַפעריש־פּלאַנטאַטאָרישער פאַרמאַציע, די אַנטוויקלונג פונעם אינדוסטריעלן קלאַס אין צפון. עס וואַקסן אַ צאָל אונטערנעמונגען, שוין מיט דער איבערגע־וויכט פון געדונגענע אַרבעטער אין דער אַגראַר־ווירטשאַפט, בפרט אין די מערב־שטאַטן, און עס אַנטשטייען פרייע פויערים־ווירטשאַפטן, וואָס שטרעבן אַרויסצושטויסן דעם שקלאַפערישן סיסטעם. די דאָזיקע פויע־רישע בונטן נעמען טיילוויז אָן די פאָרם פון באַוואָפנטע אויפשטאַנדן, וועלכע שטעלן אַוועק קלאָר, ווי אַן אַלגעמיינע אויפגאַבע די פאַרניכטונג פון שקלאַפעריי.

אין די דאָזיקע בונטן טרעטן אַרויס די באַוואוסטזיניקע פאָרשטייער פון פויערטום אין דער ראָל פון באַפרייער פון אַמעריקע פון דער שקלאַ־פערישער שאַנד (דזשאַן בראַון און זיינע מיטקעמפער). די דאָזיקע לאָ־קאַל־שטאַטלעכע בונטן זיינען דער פאָרשפּיל פון בירגער־קריג וועלכער ברעכט אויס אין 1861.

אויפן גרונט פון די דאָזיקע קאַמפן, ערב דעם בירגער־קריג, אַנט־שטייען אַלץ מער דעמאָקראַטישע קרייזן, אָנגעפירט פון אַ באַוואוסטזיני־קער און פאָרגעשריטענער אינטעליגענץ, וואָס פאַרשטאַרקן די באַוועגונג קעגן שקלאַפעריי, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין די דרייסיקער

יאָרן פונעם 19טן יאָרהונדערט, און האָט געפונען אַן אויסדרוק אין דער פּאָליטיק און אין דער ליטעראַטור.

די דאָזיקע באַוועגונג, וואָס איז באַקאַנט ווי די באַוועגונג פון אַבאָ־ליציאָניזם, קאָן מען איינטיילן אין צוויי שטראָמען:

ערשטנס, די שיכטן פון דער גרויס־בורזשואַזיע, וואָס זיינען געווען מעסיק ליבעראַל און אומאַנטשיידן קעגן די „סלעיוואָקראַטן" און ביינוול־קיניגן („קאָטן איז קינג"). די דאָזיקע ריכטונג האָט געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף דער בהדרגהדיקער מילדערונג און די פּאַרלאַמענטאַרישע מעטאָדן פון אָרגאַניזאַציע. די צווייטע ריכטונג איז געווען אַ מער אַנטשיידענע און אויסגעהאַלטענע. איר סאָציאַלע באַזע איז געווען דאָס קליינבירגערטום פון די שטעט, די פּאַרמער און דער פּראָלעטאַריאַט.

מיט דער צווייטער מיליטאַנטער ריכטונג האָבן אָנגעפירט ענערגישע, אין קאַמף פּאַרהאַרטעוועטע, פּלאַמיקע און אויפריכטיקע דעמאָקראַטן. זיי האָבן אַריינגעצויגן אין דער באַוועגונג מאַסן, וואָס האָבן געשראָקן ניט בלויז די פּלאַנטאַטאָרס פון דרום, נאָר אויך געוויסע טיילן פון דער צפונדיקער בורזשואַזיע.

2. די פאַרפעסטיקונג פון שקלאַפעריי אין די דרום־שטאַטן

אָנהייב פון דער צווייטער העלפט פונעם 19טן יאָרהונדערט האָט די אָליגאַרכיע פון די שקלאַפן־האַלטער אין דרום פאַרפעסטיקט איר מאַכט און געוואָלט אויסשפּרייטן דאָס קיניגרייך פון קנעכטשאַפט איבער דער ברייט און לענג פון אַלע שטאַטן.

פון אַ ניין־מיליאָניקער באַפעלקערונג אין די דרום־שטאַטן זיינען סך הכל דריי הונדערט טויזנט געווען שקלאַפן־באַזיצער.

בלויז אַ האַלבער מיליאָן ווייסע אין דער גאַנצער „סאַוט" האָבן געהאַט אַ דירעקטן נוץ פון קנעכטישן באַזיץ און ניט מער ווי אַרום 10 טויזנט האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט די הערשנדיקע קאַסטע. אין די הענט פון דער גרופּע האָבן זיך געפונען קאָלאָסאַלע רייכטימער. זי איז געווען זיכער, אַז איר קאָנטראָל איבער דעם דאָזיקן וויכטיקן רוי־מאַטעריאַל, „קאָטן", וועט מעגלעך מאַכן פאַר איר צו ווערן די קאָנטראָ־לירנדיקע מאַכט פונעם לאַנד.

די שקלאַפן־הענדלער האָבן געבויט אויף דעם דערפאָלג פון צענד־ליקער יאָרן כמעט אומאונטערגעבראָכענער הערשאַפט. די קירך, די

דערציאונג און די ראַסע זיינען געווען דער זיכערער אָנשפּאַר פאַר דער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג, וואָס האָט זיך באַזירט אויף שקלאַפן־אַרבעט און אויפן רעזשים פון סאַמע אכזריותדיקער אונטערדריקונג.

די נעגערס זיינען פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ באַזונדער מין באַוועג־לעך אייגנטום פון די פּלאַנטאַטאָרס. זיי איז פאַרווערט געוואָרן לייענען און שרייבן. פאַר אַ פּשוטער אַרויסזאָגונג קעגן שקלאַפעריי פלעגט מען באַשטראָפן, ווי פאַרן גרעסטן פאַרברעכן.

שטוב־חיות זיינען געווען מער באַשיצט ווי די שקלאַפן. פאַר דער־מאָרדן אַ שקלאַף איז דער באַלעבאָס געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן גע־ריכט, אָבער ער האָט שטענדיק געקענט „באַווייזן" אַז דער דערמאָר־דעטער איז געווען ניט קיין געהאָרכזאַמער דינער. טויטן אַזאַ „געפערלעכן" שקלאַף האָט מען געמעגט אומבאַשטראָפט.

אין 1820 איז אויפגעקומען די פראַגע וועגן אויפנעמען אין פאַרבאַנד פון די פאַראייניקטע שטאַטן דעם נייעם שטאַט, מיזורי. די סאַוט האָט געוואָלט, אַז מיזורי זאָל זיין אַ שקלאַפן־שטאַט. דער צפון האָט געשטימט, אַז מיזורי זאָל זיין אַ פרייער שטאַט. דער קאַמף האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ קאָמפּראָמיס: מיזורי איז אַריין אין דער „יוניאָן" (פאַרבאַנד) ווי אַ שקלאַפן־באַזיצערישער שטאַט. אָבער דערפאַר איז פון אַ טייל פון אַלטן שטאַט מאַסאַטשוזעטס אויסגעבילדעט געוואָרן דער פרייער שטאַט — מעין.

דער „מיזורי־קאָמפּראָמיס" האָט אָבער די שקלאַפן־באַזיצער ניט באַפרידיקט. אין רעזולטאַט פון דער מלחמה מיט מעקסיקע, אין יאָר 1848, האָבן זיי פאַרכאַפּט די מעקסיקאַנישע געגנט טעקסעס און עס געמאַכט פאַר אַ שקלאַפערישער פעסטונג.

אין די פופציקער יאָרן איז די שקלאַפן־אָליגאַרכיע אַריבער אין ווייַ־טערדיקן אָנגריף.

זי האָט זיך דערשלאָגן אַ געזעץ אין קאָנגרעס וועגן כאַפּן און אַרויס־געבן שקלאַפן אין אַלע שטאַטן, אויך אין די פרייע. ביז דאַן, אויב אַ נעגער פלעגט דערגרייכן פרייע טעריטאָריע, פלעגט ער ווערן פריי. איצט האָט דער קאָנגרעס אָנגענומען אַ געזעץ וועגן דעם, אַז אין אַלע דרום־דיקע און צפונדיקע שטאַטן ווערן אָנגעשטעלט ספּעציעלע באַפולמעכטיק־טע אַגענטן צו כאַפּן די שקלאַפן, זיי אַריינשליידערן אין תפיסה און מיט אַ באַוואָפנטער מאַכט זיי אָפּשיקן צוריק צום אייגנטימער.

דער דאָזיקער געזעץ האָט אין צפון אַרויסגערופן אַ שטאַרקע אויפֿרעגונג. איבערן גאַנצן לאַנד זיינען געגרינדעט געוואָרן אַבאָליציאָניסטישע קרייזן. די אַנטי־שקלאַפּערישע באַוועגונג, אָנגעפירט פון ווילאַרד לאָיד געריסאָן, ווענדל פּיליפּס, טעאָדאָר פּאַרקער, פרעדריק דאָוגלאַס און אַנדערע, האָבן פאַרשטאַרקט די „אונטערערדישע באַן”, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן נאָך אין 1830, און וואָס האָט אין משך פון צוואַנציק יאָר באַוויזן צו ראַטעווען פופציק טויזנט אַנטלאָפענע שקלאַפן. דער הערשנדיקער קלאַס פון דרום האָט די אַנטי־שקלאַפערישע באַוועגונג באַטראַכט ווי אַ דראָענדיקן פאַרמעסט קעגן זיך.

צווייטער קאַפּיטל

די ערשטע יידישע קעמפער קעגן שקלאַפעריי

1. יידן און זייער באַציאונג צו שקלאַפעריי

„די יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן קיינמאָל ניט גענומען וועלכן עס איז שריט אין באַצוג צו דער פראַגע פון שקלאַפעריי. ווי בירגער פון לאַנד האָבן זיי אַ צוגאַנג צו לאָזן יעדן איינעם באַשטימען, וועלכער צד העלפט מער זיינע אינטערעסן און דעם וואוילזיין פונעם לאַנד. זיי האָבן ניט קיין אָרגאַניזירטע עקלעזיאַסטישע קערפּערשאַפט, וואָס זאָל פאַרטרעטן זייערע אַלגעמיינע אָנשויאונגען, קיין גענעראַלע פאַרזאַמלונג. די אַמעריקאַנער יידן פאַרמאָגן צוויי צייטשריפטן, אָבער זיי מישן זיך ניט אין דער דיסקוסיע, וואָס איז ניט וויכטיק פאַר זייער רעליגיע. עס איז ניט באַשטעטיקט, צי יידן האָבן פאַרמולירט וועלכע עס איז אָר־גאַניזירטע מיינונג וועגן שקלאַפעריי. געוויסע יידן, וועלכע וואוינען אין די שקלאַפן־באַזיצערישע שטאַטן, האָבן זיך אנטזאָגט צו האַלטן שקלאַפן. זיי גלויבן ניט, אַז עפּעס וואָס איז ענלעך צו דער שקלאַפעריי, וואָס הערשט אין לאַנד, האָט אַמאָל עקזיסטירט צווישן די אַלטע איזראַעליטן... די אָביעקטן פון אַזויפיל געמיינע פאַראורטיילן און אומגערעכטער אונטער־דריקונג, ווי יידן זיינען געווען דורך די דורות, וואָלטן זיי, מער ווי וועלכע איז אַנדער סעקטע, געדאַרפט זיין די שונאים פון קאַסטע און די פריינט פון אוניווערסאַלער פרייהייט״ [1].

דער דאָזיקער אויסצוג איז פון אַ באַריכט, אָפּגעגעבן ביי דער יערלעכער קאָנפערענץ פון דעם אַמעריקאַנער אָפּטייל פון דער אינטער־נאַציאָנאַלער אַנטי־שקלאַפערישער געזעלשאַפט. דער ניט־יידישער באַ־ריכט־אָפּגעבער האָט, בדרך כלל, ריכטיק אָפּגעשאַצט די שטעלונג פון יידן אין דער פראַגע פון שקלאַפעריי. אָבער נאָך ריכטיקער האָט די לאַגע אָפּגעשאַצט מיט דרייצן יאָר פריער, אַ יידישער מענטש, וועלכער איז געווען טויזנטער מייל ווייט פון דעם קאָנפליקט. ער האָט דערזען

דעם לאַגיש־טראַדיציאַנעלן צובונד פון יידן צו דער פּראָבלעם און באַוויזן אויף וועלכן צד זיי מוזן זיך היסטאָריש, לויט זייער פאַרגאַנגענהייט, אָריענטירן.

ביי אַן אַלוועלטלעכן אַנטי־שקלאַפעריי צוזאַמענפאָר, וואָס איז אָפּגע־האַלטן געוואָרן אין לאָנדאָן אין 1840, האָט אַדאָלף קרעמיע, דער דע־לעגאַט פון פראַנקרייך, דערקלערט דעם אַפלאָדירנדיקן עולם, אַז די יידן דאַרפן פאַרנעמען אַן אַנגעזעען אָרט אין יעדער באַוועגונג, וועלכע טרעט אַרויס קעגן מענטשלעכער שקלאַפעריי, נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז „אַלע פרייהייטן זיינען פאַראייניקט און אַלע פאַרפאָלגונגען האָבן צווישן זיך אַין שייכות״.

„איך האָב גרויס פאַרגעניגן פון אָנשליסן זיך אין דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג, — האָט קרעמיע דערקלערט, — ווייל איך שטאַם פון די יידן, וועלכע זיינען געוועזן די ערשטע צו פּראָקלאַמירן די אָפּשאַפונג פון שקלאַפעריי, און היינט חזר איך בלויז איבער דאָס, וואָס די יידן האָבן אַלע מאָל געהאַלטן פאַר אַ פּרינציפּ. און עס וועט דעריבער זיין פאַר אייך אינטערעסאַנט ווען איך וועל אָפּפרישן אייער זכרון, אַז דאָס האָט די יידישע סעקטע, די איסיים, צום ערשטן דערקלערט שקלאַפעריי פאַר אַ פאַרברעכן, און דאָס איז געווען, ווי יוסף פלאַוויוס דריקט זיך אויס, אַ שטענדיקע סיבה פון זאָרג און אומרואיקייט פאַרן רוימישן שטאַט״[2].

אַ גענויע שטודיע וועגן דער באַציאונג פון די אַמעריקאַנער יידן צו דער ברענענדיקע רפּראָבלעם באַוויזט אָבער, אַז אין קעגנזאַץ צו אַדאָלף קרעמיעס שטעלונג צו דער פראַגע, זיינען די יידן ניט געוועזן נייטראַל אין דעם שטרייט צווישן שקלאַפעריי און פרייהייט.

ביי דער גאַנצער טיפּיש־רעליגיעזער אייגנאַרטיקייט פון די סינאַ־גאָגעס און ביי דער נאַציאָנאַלער באַזונדערקייט פון די וועלטלעכע יידישע הילף־אָרגאַניזאַציעס און פראַטערנאַלע אָרדנס, איז די יידישע ווירקלעכקייט בשום אופן ניט געווען איזאָלירט, נאָר פאַרקערט, איז געשטאַנען אין דער ענגסטער פאַרבינדונג מיט דער אַלגעמיינער אַרומי־קער סאָציאַלער ווירקלעכקייט.

פון סאַמע געבורט אָן פון דער אַמעריקאַנער געשיכטע האָבן יידן אַנטייל גענומען אין דער אַנטוויקלונג פון שקלאַפעריי. יידישע סוחרים פון ניופּאָרט, ראָוד איילענד, זיינען נאָך פאַר דער רעוואָלוציע געווען טעטיק אין באַרימטן „טרייענגל מסחר״, וואָס האָט אימפּאָרטירט שקלאַפן

פון אַפריקע צו די קאָלאָניעס. גלייך נאָך דער רעוואָלוציע, ביים סוף פונעם אַכצנטן יאָרהונדערט, האָבן זיך אָנגעזאַמלט געגנוג כחות, וועלכע האָבן געשטרעבט אָנצוהאַלטן די שקלאַפעריי. עס האָבן זיך, נאַטירלעך, געפונען געגנוג יידן, וועלכע האָבן אויס הומאַנע טראַדיציאָנעלע פּרינ־ציפּן געמילדערט די האַרטע באַציאונגען צום שקלאַף, אָבער דאָך איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז איינס פון די גרעסטע אויספאַרקויף־הייזער פון שקלאַפן אין ריטשמאָנד האָט געהערט צו אַ יידן און איז פון אים אָנגעפירט געוואָרן.

אָנהייב פון די פופציקער יאָרן פונעם 19טן יאָרהונדערט האָט דער פּאָרטוגעזישער ייד מענדעס סיישעס געהאַנדלט מיט שקלאַפן און אין לאַמפּקין, דזשאָרדזשיאַ, האָט דער יידישער שקלאַפן־סוחר י. פ. מאָ־זעס — אַ רעגולערער שקלאַפן־סוחר אויפן מאַרק — דערקלערט אַז „ער פאָדערט־אויף יעדן פאַרקויפטן נעגער צוצושטעלן די סחורה — זיין קערפער — אין צייט" [3]).

אין טשאַרלסטאָן האָבן שוין דעמאָלט געווירקט די באַרימטע אַנטי־שקלאַפערישע קאָמפערינס, די גרימקע שוועסטער, אָבער עס איז ניט באַקאַנט קיין ייד, וואָס איז געווען טעטיק אין די אונטערערדישע אַבאָ־ליציאָניסטישע קרייזן.

אין דער אַנגלאָ־יידישער פּרעסע אין צפון האָבן זיך געלאָזט הערן שטימען, וואָס האָבן געוואָרנט ניט צו שטעלן זיך קעגן דער „אָרדענונג פון דרום".

אַזוי לייענען מיר, צום ביישפּיל, אין דער פילאַדעלפיער אַנגלאָ־יידי־שער וואָכנשריפט „אָקסידענט", רעדאַגירט פון קאָנסערוואַטיון יצחק לעסער, אַ וואָרנונג: „ניט צו האָבן קיין געשעפטן מיט נעגערס" [4]).

די רעליגיעזע קאָנגרעגאַציע, די „הייליקע קהלה בית אלהים" פון טשאַרלסטאָן, האָט אַריינגעשטעלט אַ פּונקט אין איר קאָנסטיטוציע, אַז „אויב אַ קאָלירטער נעמט אָן דעם יידישן גלויבן קען ער ניט ווערן קיין מיטגליד פון דער קאָנגרעגאַציע" [5]).

אויך אין די מזרח־צפון שטאַטן זיינען געווען יידן, וועלכע האָבן זיך געשטעלט אויף דער זייט פון שקלאַפעריי.

אין 1850 האָט דער קאָנגרעס דורכגעפירט דעם טרויעריק־באַרימטן „פיודזשיטיוו סלעיוו־עקט", לויט וועלכן מען האָט פאַרפליכטעט אַפילו

די פרייע שטאַטן צו העלפן כאַפּן די אַנטלאָפענע שקלאַפן און זיי איבער־געבן צו די אייגנטימער.

דאָס איז געווען, לויט דער באַצייכענונג פון אַ היסטאָריקער, „איינער פון די באַרבאַרישסטע לעגיסלאַטיווע אַקטן, וואָס איז ווען עס איז אָנגענומען געוואָרן אין אַ ציוויליזירט לאַנד" [6]. לויט דעם געזעץ האָבן די צפון־שטאַטן געדאַרפט העלפן אויסשפּיאָנירן אַנטלאָפענע נעגערס און זיי אומקערן צו זייערע האַרן.

אין דעם קאָנסערוואַטיוון ענגליש־יידישן וואָכנבלאַט „אַסמאָנעאַן" (1849־58), פון ניו־יאָרק, רעדאַגירט פון ענגליש־יידישן זשורנאַליסט ראָבערט לעאָן, האָט אַ געוויסער לייענער אויסגעדריקט אומצופרידנקייט מיט דעם געזעץ, וואָס איז קעגן אַ בפירושן איסור פון דער תורה: „לא תסגיר עבד אל אדוניו" — דו זאָלסט ניט אַרויסגעבן דעם שקלאַף וועלכער וועט זיך ראַטעווען צו דיר פון זיין האַר (דברים, כ"ג, ט"ז). דער רעדאַקטאָר האָט אָבער צוגעשריבן צו דעם אַרטיקל די דאָזיקע באַמערקונג: „דער פּיודזשיטיוו סלעיוו־עקט איז אַצינד אַ געזעץ אין לאַנד, און איז ווי אַזאַ באַרעכטיקט צו דער העכסטער און פולסטער דורכפירונג". לעאָן האָט צוגעגעבן, אַז דער געזעץ איז האַרט און גרויזאַם אין דער פּראַקטיק. אין אַ לייט־אַרטיקל, דאַטירט יאַנואַר 10, 1850 האָט דער זעלבער „אַסמאָנעאַן" געבראַכט אַנדערע שטעלן פון תנ"ך, וואָס האָבן באַרעכטיקט דעם באַרבאַרישן געזעץ [7].

די דרומדיקע שקלאַפן־הענדלער האָבן זיך באַטירלעך באַטייליקט פּאָליטיש אין דער אַקציע צו ראַטעווען די קנעכטישע אימפּעריע פון דער דראָענדיקער אַנטי־שקלאַפערישער געפאַר מצד דער אַבאָליציאָניסטישער באַוועגונג און דערמיט איינהיטן זיך גופא פון פאַרשטייענדיקער רואינע. אַ ביישפּיל אין דעם פּרט איז דער אַנטייל פון יידן אין דער שקלאַפעריי פון דער „סאַוט", וועלכע זיינען שפּעטער געוואָרן פירער און אידעאָלאָגן פון דער רעבעלישער „קאָנפעדעראַציע". — יידן ווי יהודה פּ. בענדזשאַמין, דער „מוח פון דער קאָנפעדעראַציע" און דייוויד יוליע, — צוויי סענאַטאָרן פון לואיזיאַנאַ און פלאָרידאַ, וועלכע האָבן דערקלערט אין סענאַט אַז די אַבאָליציאָניסטן זיינען „משוגענע פאַנאַטיקער" און די נעגערס זיינען „אַ נידעריקע און קנעכטישע ראַסע, וואָס מוז געהאַלטן ווערן אויף אַ קייט און קען בלויז זיין אַן אייגנטום".

אויך אין די מזרח־צפון־שטאַטן זיינען געווען יידן, וועלכע האָבן זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דער „סלעיוואָקראַטיע".

אַ באַלערנדיקער ביישפיל אין דעם פּרט איז די אַטאַקע, וואָס דער באַרימטער מרדכי מאנועל נח, האָט געמאַכט אויף די אַבאָליציאָניסטן אין אַ בריוו צו די דרומדיקע מיטגלידער פון דער דעמאָקראַטישער קאָנפערענץ, אין ניו־יאָרק, 1848:

„אין דער פראַגע פון אַבאָליציאָניזם, פיל איך, אַז איך בין גענוי באַקאַנט מיט זיין געשיכטע, אַנטשטייאונג און פּראָגרעס. אין יעדער צייטונג, וואָס איך האָב אַרויסגעגעבן, האָב איך פאַרטיידיקט דעם דרום קעגן די פאַנאַטיקער און — וואָס איז נאָך ערגער פון פאַנאַטיקער, — פּאָליטישע אַבאָליציאָניסטן. זייערע כוונות און צילן זיינען פון אָנהייב אָן געווען אויסצונוצן די פראַגע פון שקלאַפעריי ווי אַן אינסטרומענט צו שעדיקן, אויב ניט אין גאַנצן צו פאַרניכטן, דעם פּאָליטישן איינפלוס פון דרום" [8].

ביז 1856 האָט די אַנטי־שקלאַפערישע באַוועגונג געציילט בלויז יחידים צווישן יידן, וועלכע האָבן אויסגעדריקט זייער אָפּאָזיציע לגבי דעם מאָראַלישן פאַרברעכן פון נעגער־שקלאַפעריי. זייער פּראָטעסט האָט ניט געפונען קיין גרויסן אָפּקלאַנג אין דער יידיש־אַמעריקאַנער געזעלשאַפט.

אין יאָר 1849 האָט סאָלאָמאָן היידענפעלד פון אַלאַבאַמאַ אַרויסגעלאָזט אַ קאָמוניקאַט וועגן שקלאַפן־אימיגראַציע, אַדרעסירט צום גאָווערנאָר פון אַלאַבאַמאַ, ראובען טשאַפּמאַן, אין וועלכן ער האָט אַטאַקירט שקלאַפן־האַנדל. עס איז אויך באַקאַנט די געשיכטע מיט די צוויי ברידער דזשאָזעף און אייזיק פרידמאַן, וועלכע האָבן געהאָלפן נעגער־שקלאַפן אַנטלויפן מיט דער „אונטערערדישער באַן" און געווינען זייער פרייהייט [9].

די דאָזיקע אינדיווידועלע אַקציעס פון יידן האָבן צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער פּרעסע. אַ מער געוואַגטן און העראָאישן אַקט האָט אַרויסגעוויזן אַ ייד אין שיקאַגאָ. אין 1853 האָט דער דאָרטיקער בלעכער מיכל גרינבאַום אָנגעפירט מיט אַ גרופּע בירגער, וועלכע האָבן באַפרייט אַן אַנטלאָפענעם נעגער־שקלאַף פון די פעדעראַלע אויטאָריטעטן. דעם זעלבן אָוונט איז, אויף דער איניציאַטיוו פון גרינבאַומען, פאַררופן געוואָרן אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג, וואָס האָט גוטגעהייסן דעם אַקט [10].

דאָס זיינען אָבער געווען איינצלנע פאַלן. ערשט דער באַשלוס פון

העכסטן אַמעריקאַנער געריכט וועגן דעם „ענין דרעד־סקאָט" האָט באַ־וויזן אויסצוקריסטאַליזירן אַן אָפיציעלע יידישע שטעלונג קעגן שקלאַ־פעריי און באַוואויגן אַנגעזעענע יידישע טוער, זשורנאַליסטן און איג־טעליגענץ, זיך אַוועקצושטעלן אין לאַגער פון אַבאָליציאָניזם.

דרעד סקאָט איז געווען אַ שקלאַף, וואָס זיין באַלעבאָס האָט אים מיטגענומען מיט זיך אין דעם טייל פון דער לואיזיאַנאַ־טעריטאָריע, וואָס איז אונטער דעם „מיזורי־קאָמפּראָמיס" געווען פריי פון שקלאַפע־ריי. סקאָט איז דורכדעם געוואָרן אַ פרייער נעגער. נאָך דעם ווי ער האָט דאָרט געוואוינט אַ געוויסע צייט, האָט סקאָט זיך אומגעקערט קיין מיזורי און אַנגעגעבן אַ בקשה אין געריכט אים צו דערקלערן אַלס אַ פרייען בירגער. דער ענין איז געבראַכט געוואָרן צום „סופרים קאָורט", וועלכער האָט זיך ניט באַגרענעצט בלויז אויף די פאַקטן אינעם פּראָצעס. הויפּט־ריכטער טעני האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט אויסצוטייטשן די קאָנסטיטוציע אין דעם זין, אַז דער קאָנגרעס האָט ניט קיין רעכט צו פאַרבאָטן שקלאַפעריי אין די טעריטאָריעס.

די שקלאַפנהענדלער האָבן געיובלט פון שמחה. דער העכסטער גע־ריכט האָט געפסקנט און דאָס אַמעריקאַנער פאָלק דאַרף אַרויסווייזן זיין אַכטונג פאַר דער אַנטשיידונג פון זיין העכסטער יורידישער אינסטאַנץ.

פון אַ שטעטעל אין אילינאָי־שטאַט איז אָבער געקומען די פאָלגנדיקע וואָרנונג צום אַמעריקאַנער פאָלק:

„ווערט צוגעוואוינט צו די שקלאַפן־קייטן און גרייט־צו אייערע אייגענע גלידער זיי צו טראָגן. צוגעוואוינט צו טרעטן די רעכט פון אַנדערע, פאַרלירט איר דעם גייסט פון אייער אייגענער אומאָפּהענגיקייט און ווערט פּאַסיקע אונטערטאַנען פון דעם ערשטן כיטרען טיראַן, וואָס וועט זיך באַווייזן צווישן אונדז. דערלויבט מיר אייך זאָגן, אַז די דאָזיקע זאַכן זיינען צוגעגרייט פאַר אייך דורך דער געשיכטע, אויב די וואַלן וועלן ווייזן, אַז דאָס פאָלק איז שטילערהייט איינשטימיק צו דער קו־מענדיקער דרעד־סקאָט אַנטשיידונג און אַלע צוקונפטיקע אַנטשיידונגען" (איבערעהעם לינקאָלן [11]).

אָבער די „דרעד־סקאָט"־אַנטשיידונג פון דעם סופרים קאָורט האָט געבראַכט ווייט־גרייכנדיקע רעזולטאַטן. אין לאָנדאָן איז געזעסן אַ קאָ־רעספּאָנדענט פון דער „ניו־יאָרק טריביון" און אַרויסגעבראַכט זיין גרוי־זאַמען פסק־דין אויפן קאַפּיטל שקלאַפעריי אין דער אַמעריקאַנער גע־

שיכטע, ווען ער האָט געשריבן: „יעדער פּאַראויסגאַנג פון דער שקלאַפן־מאַכט איז אַ טריט פאָראויס צו איר ענדגילטיקער מפּלה" (קאַרל מאַרקס).

אַן אַקטיווער טוער אין דער אַנטי־שקלאַפערישער באַוועגונג איז געווען דער יידיש־דייטשישער אימיגראַנט מאָריץ פּינער.

פּינער האָט געפירט אַן אַנטי־שקלאַפערישע אַקציע צווישן דער יידיש־דייטשישער באַפעלקערונג פון פילאַדעלפיע און ווען עס איז אַנט־שטאַנען דער קריזיס אין קענזעס, האָט ער באַאיינפלוסט אַ דרוקער פון פילאַדעלפיע זיך איבערציען מיט אים אין שכנותדיקן מיזורי.

גלייך נאָך זיין אָנקומען קיין מיזורי האָט ער דערגרייכט אַ פירנדיקע פּאָזיציע אין דער אַבאָליציאָניסטישער באַוועגונג פון שטאָט. ער האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן דאָרט אַן אַנטי־שקלאַפערישע צייטונג. אין 1856 איז ער אַוועק קיין באָסטאָן און האָט פאָרגעלייגט זיין פּלאַן פאַר די דריי הויפּט־פירערס פון אַבאָליציאָניזם: וויליאַם לאָיד גערריסאָן, טעאָדאָר פּאַרקער און ווענדל פיליפּס. די אידעע פון אַרויסגעבן אַן אַנטי־שקלאַ־פעריי צייטונג אין אַ שקלאַפן־שטאָט האָט געקראָגן די הסכמה פון די אַבאָליציאָניסטישע פירער און אין דער צווייטער העלפט פון 1858, האָט זיך פּינער צוריקגעקערט אין האַרץ פון דער שקלאַפעריי־געגנט דורכצופירן זיין פּלאַן.

דעם ערשטן יאַנואַר 1859 איז דערשינען דער ערשטער נומער פון דער „קענזעס פּאָוסט" אַרויסגעגעבן אין קענזעס סיטי, מיזורי, און רע־דאַגירט פון מאָריס פּינער. די צייטונג האָט גלייך אָנגעהויבן דערלאַנגען שמעטערנדיקע קלעפּ די אָנהענגער פון קנעכטשאַפט. ווי מען האָט גע־קענט דערוואַרטן, האָבן די שקלאַפן־באַראָנען אָנגעהייבן אַרונטעררייסן די צייטונג און געדראָט זי אָפּצושטעלן, מיט גוטן אָדער מיט בייזן. פּינער האָט זיך ניט אָפּגעשראָקן און די צייטונג איז דערשינען רעגולער ביזן בירגער־קריג.

פּינער איז אויך געווען איינער פון די גרינדער פון דער רעפּובלי־קאַנער פּאַרטיי, אַ מיטגליד פון די עלעקטאָרן, וועלכע האָבן נאָמינירט לינקאָלנען פאַרן אַמט פון פּרעזידענט.

2. די באַציאונג פון אַבאָליציאָניזם צו יידן

אַ גאַנצע ריי מאָטיוון האָבן באַווירקט די פּאָזיטיווע שטעלונג פון דער יידישער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ צו דער באַוועגונג פון די אַבאָ־ליציאָניסטן.

אָן ספק איז שטאַרק געווען די מורא פאַר דער געפאַר פון דער „יוניאָן", דורך דער טענדענץ פון דרום זיך אָפּצורייסן פון די פאַראייניקטע שטאַטן, פון דער רעפּובליק — אַ זאַך וואָס זיי האָבן מיט אייניקע יאָר שפּעטער טאַקע פּרובירט דורכפירן.

די צעשפּאַלטונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין צוויי טיילן, האָבן יידן געהאַלטן, וואָלט זיך שלעכט אָפּגערופן אויף דעם בירגערלעכן סטאַטוס פון יעדן איינציקן יידישן בירגער אין לאַנד. די באַזונדערע שטאַט־לעגיסלאַטורן זיינען געווען וויניקער ליבעראַל ווי די פעדעראַלע רעגירונג; אַזאַ צושטאַנד, האָט מען מורא געהאַט, איז עלול צו ענדערן די קאָנסטיטוציע און אירע געזעצן וועלן דעמאָלט ווערן וויניקער דעמאָקראַטיש, ווי די פון דער אָריגינעלער קאָנסטיטוציע.

ניט קיין קליינע ראָלע האָבן דערביי אויך געשפּילט נאַציאָנאַל־פּאָליטישע מאָטיוון: דער פּחד פאַרן גורל פון די יידן אין די דרום־שטאַטן, וועלכע האָבן שוין דאַן געליטן פון סאָציאַלע און ראַסיסטישע פאָראורטיילן.

אַז די מורא פאַר אַנטיסעמיטיזם אין דרום איז געווען אַ פולשטענדיקבאַרעכטיקטע באַווייזט דער פאָלגנדיקער ביישפּיל: אין ריטשמאָנד, ווירדזשיניאַ, די מלוכה־שטאַט פון דער אָפּגעשפּאַלטענער דרומדיקער קאָנפעדעראַציע, האָט אין יענע יאָרן געשריבן אַ געוויסע פּרוי, אַז ריטשמאָנד ווערט אַלץ מער אַן „אויסלענדישע שטאָט", ווייל „בייע נעמען האָבן זיך דאָ באַוויזן. ישראל און דוד, משה און יעקב, היימאַן און לעווי, גוגענהיימער און ראָזנהיימער און נאָך אַנצאָליקע נעמען פון דעם אוראַלטן פאָלק זיינען פּראָמינענט... די מלחמה איז אַ געווינס פאַר דעם קלאַס (יידן)... פילע פון זיי זיינען די צוקונפטיקע ראָטשילדס פון דרום"[12].

ענג פאַרבונדן מיט דעם קאַמף קעגן שקלאַפעריי, מיט דער פאָדערונג פאַר פרויען־רעכט איז אויך געווען די סימפּאַטישע שטעלונג מצד די אַבאָליציאָניסטן צום יידישן פאָלק.

אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע איז ברייט באַקאַנט די פריינטשאַפט פון דעם גרויסן לינקאָלן צום יידישן פאָלק. עס איז אויך באַקאַנט די שעפערישע ראָל פון יידן ביי דער גרינדונג פון דער דריטער — רעפּובליקאַנער — פאַרטיי.

די אַבאָליציאָניסטישע באַוועגונג, אונטער דער פירערשאַפט פון

ווילאַרד געריסאָן, טעאָדאָר פּאַרקער, װענדל פיליפּס, פרעדריק דאוגלאַס, די סאָציאַל־באַפרייערישע באַװעגונג פון די ערשטע רעפּובליקאַנער און די דייטשישע 48ער קעגן דעם „נעיטיוויזם" פון דער „נאָו־נאַטינג" פּאַרטיי, וואָס האָט געזייט שנאה קעגן די ניי־איינגעוואַנדערטע עלעמענטן; די אויפשטאַנדן פון טורנער און דזשאָן בראַון, — אָט די אַלע פאָלקס־באַוועגונגען, וועלכע שאַפן דריי עטאַפּן אין דעם אַנטי־פעאָדאַלן קאַמף פון די פויערשע און שטאָטישע מאַסן, האָבן געטראָגן לאָזונגען פון מענטשן־פרייהייט און ראַסן־גלייכהייט און געקעמפט דירעקט, אָדער אומדירעקט, אויך פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן. „מיר געפינען גוטע מענטשן צווישן אַלע קלאַסן. פּראָטעסטאַנטן, קאַטאָליקן, יוניטאַריער, מאַכמעדאַנער און יידן, אַלע זיינען גלייך" — האָט פּאַרקער געשריבן אין 1858.

די אידעאָלאָגן פון אַבאָליציאַניזם האָבן שטענדיק פאַרגליכן דעם גורל פון נעגערשן פאָלק מיט דעם גורל פון אידישן פאָלק. ווילאַרד געריסאָן, אַ צענטראַלע געשטאַלט אין דער אַבאָליציאָניסטישער באַוועגונג, האָט נאָך אין די ערשטע יאָרן פון דער באַוועגונג געשריבן: „די פּלאָג פון נעגער־פאָלק קאָן פאַרגליכן ווערן צו די ליידן פון די יידן. די יידן פון אייראָפּע זיינען אַ לאַנגע צייט געווען אין אַן ענלעכער סיטואַציע, זייענדיק פאַראַכטעט צוליב זייער שטאַם און רעליגיע. די פאָראורטיילן קעגן די יידן, כאָטש זיי זיינען איצט מילדער, ווערן פאַרגעזעצט אין אונדזער צייט" [14].

דער ערשטער נאַציאָנאַלער צוזאַמענפאָר פון נעגערס אין ראָטשעסטער, ניו יאָרק, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין 1853, האָט אין נאָמען פון 114 דעלעגאַטן זיך געווענדט מיט אַ רוף צום אַמעריקאַנער פאָלק אין וועלכן ס'איז דערקלערט געוואָרן: „מיט דעם איינציקן אויסנאַם פון יידן איז אין דער גאַנצער וועלט ניט צו געפינען נאָך אַ פאָלק, וואָס איז מער פאַרפאָלגט דורך אומברחמנותדיקע גזירות און פאָראורטיילן, ווי די פרייע קאָלירטע ראַסע אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אַמעריקע" [15].

ענלעכע פאַרגלייכן זיינען אַ סך מאָל איבערגעחזרט געוואָרן אין די דערקלערונגען פון אַ סך ווייטע און נעגערשע אַבאָליציאָניסטישע פירער.

די באַוואוסטע שרייבערין עוועלין האָו, רעדאַקטאָר פון נאַציאָנאַלן אַנטי־שקלאַפערישן „סטאַנדאַרד", האָט אין 1855 אַרויסגעגעבן אַ דריי־בענדיק ווערק, „דער פּראָגרעס פון רעליגיעזע געדאַנקען דורך די דורות",

אין וועלכן זי האָט שאַרף באַקעמפט דעם אַנטיסעמיטיזם מצד דער קריסט־לעכער קירך.

לאָמיר אויך דערמאָנען אַ רירנדיקע פּאָעמע, וואָס איז דערשינען דעם 22טן אַפּריל 1859 אין „ליבערייטאָר" (באַפרייער): „אַ איזראַעליט און אַן אַמעריקאַנער", וואָס שטעלט אַנטקעגן דעם ערי מקלט (אַנטרינונגס־פּלאַץ), וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן פאַרן רוצח דורכן יידישן געזעץ און דעם אַמעריקאַנער געזעץ וועגן אומקערן דעם געפאַנגענעם שקלאַף צו זיין אייגנטימער. די פּאָעמע הייבט זיך אָן מיט דער פראַגע: „קריסטלעכע אַמעריקע! האָסטו ניט קיין איין שטאָט, וואו דער אַנטלאָפענער שקלאַף מעג זיכער וואַרטן, קיין עיר־מקלט וואו דער מידער, אומשולדיקער אַנטלאָפענער קאָן אַנטרינען?"

דאָס ליד ענטפערט אויף דער פראַגע, אין גייסט פון די יידישע שופטים, עלטסטע, כוהנים און לווים, און פאַרדאַמט די קירך. „אַפילו דאָ, וואו עס פאַלן די שאָטנס פון דער קירך, איז ניטאָ קיינער, וואָס זאָל הערן דעם רוף פון פאַרפאָלגטן פאַר רחמנות".

נאַטירלעך זיינען אויך צווישן די אַבאָליציאָניסטן אין אַמעריקע גע־ווען אַזעלכע, וואָס האָבן דאָ און דאָרט אַ טשעפּע געטאָן יידן. די ראָל, וואָס אַ צאָל יידן האָבן געשפּילט אין איינשטעלן זיך פאַר שקלאַפעריי, האָבן זיי צוגעשריבן צום גאַנצן יידישן פאָלק. אָבער דאָס איז אַרויסגע־פלאָסן פונעם כאַראַקטער פון דער אַנטי־שקלאַפעריי באַוועגונג, וועלכע האָבן אַריינגענומען פאַרשיידענע עלעמענטן: אויפן רעכטן פליגל פון אַבאָליציאָניזם האָבן זיך געפונען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געמאַכט פשרות מיט דעם שקלאַפערישן וועלט־באַנעם און האָבן דעריבער גע־צויגן אומבאַרעכטיקטע שלוסן וועגן אַלע יידן אין דער באַציאונג צו שקלאַפעריי [16].

דריטער קאַפּיטל

די יידיש־דייטשישע איינוואַנדערונג נאָך 1848 און די אַנטי־שקלאַפעריי באַוועגונג

1. צו דער סאָציאָלאָגיע פון דער יידיש־דייטשישער אימיגראַציע*)

די איינוואַנדערונג פון די דייטשע יידן קיין אַמעריקע אינעם 19טן יאָרהונדערט דאַרף צעטיילט ווערן אויף דריי פעריאָדן: דער ערשטער — פון אָנהייב יאָרהונדערט ביז 1848, דער צווייטער — פון נאָך דעם דורכפאַל פון דער 1848 רעוואָלוציע אין אייראָפּע ביז ערב בירגער־קריג, און דער דריטער — ביזן רעקאָנסטרוקציע־פעריאָד (1866).

אָט די פעריאָדן באַצייכענען נישט בלויז דעם כראָנאָלאָגישן גאַנג פון דער איינוואַנדערונג, נאָר זיי ווייזן אָן אויף פאַרשיידענע סאָציאַלע און קולטורעלע קאַטעגאָריעס.

די דייטשע יידן, וואָס זיינען געקומען אַהער נאָך די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע קריזיסן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין אייראָפּע נאָך נאַפּאָלעאָנס מלחמות, נאָך דער גרינדונג פון דעם הייליקן „דרייבונד" אין 1815, זיינען געווען פאַראָרעמטע באַלמעלאָכעס, וועלכע האָבן זיך גענומען צו פּעדלעריי.

דער פּעדלער, וועלכער האָט אָנגעהייבן זיינע געשעפטן פון טראָגן פּעק סחורה אויף די פּלייצעס, האָט זיך מיט דער צייט אַרויפגעאַרבעט אויף אַ פערד און וואָגן, מיט וועלכן ער האָט דורכגעקרייצט דאָס לאַנד און מיט דער צייט זיך באַזעצט אין איינעם פון די נייע ישובים, וואו עס האָבן זיך געשאַפן גינסטיקע באַדינגונגען פאַר האַנדל און אונטערנעמונג. זיי זיינען געווען די פּיאָנערן פון דער מאַנופאַקטור־אינדוסטריע.

*) מיר פּרעטענדירן דאָ ניט צו באַהאַנדלען די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע לאַגע פון די יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין דער דאַזיקער עפּאָכע. מיר צייכענען בלויז אָן געוויסע שטריכן, וואָס העלפן צו באַווייזן די מאָטיוון פאַרן אויפקום פון אַבאָליציאָניסטישע טענדענצן ביי די אַמעריקאַנער יידן.

די אימיגראַציע פון די „אַכט־און־פערציקער״, אַנטלאָפענע פון דער רעאַקציע, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דייטשלאַנד, באַזונדערס בייערן און ווירטעמבערג, נאָך דער אונטערדריקונג פון דער רעוואָלוציע אין יאָר 1848, האָט דאָ אַנגעטראָפן אַ גוט־עטאַבלירטן סוחרים־שיכט, ספּעציעל אין די מיטל־מערב שטעט, ווי שיקאַגאָ און סינסינעטי. אויך אין די צפון־מזרח שטאָטן, באַזונדערס ביי די ברעגעס פון צפון־אַטלאַנטיק — ניו־יאָרק, פילאַדעלפיע און באַלטימאָר.

אין פאַרגלייך מיט דער עלטערער דייטש־יידישער אימיגראַציע, וועלכע האָט שוין נאָך 1848 פאַרנומען באַדייטנדיקע פּאָזיציעס אין דער קאָמערציעלער און אינדוסטריעלער ווירטשאַפט פון לאַנד, איז די דאָזיקע, צווייטע עמיגראַציע, ניט געווען פון איין סאָציאַלן גוס. זי איז באַשטאַנען פון דריי שיכטן: 1) גרויסבירגערטום, ד. ה. אַזעלכע שיכטן, וואָס וואַקסן שוין אַריבער אין מאָדערנער בורזשואַזיע און שטעלן מיט זיך פאָר אַ קערנדל פון מאָדערנעם קאמערץ, פינאַנץ און אינדוסטריע. 2) מיטל־בירגערטום, קליינע סוחרים און וואָכערער, וואָס זייער האַנדלס־טעטיקייט איז נאָך אין גאַנצן געווען צוגעפּאַסט צו דער שקלאַפערישער ווירטשאַפט־סיסטעם. די דאָזיקע מיטעלע סוחרים זיינען צונויפקויפער פון וואָל און טאַבאַק און קוועטשן זיך אַריין אין די פּאַלדן פון האַלב־פעאָדאַלן סיסטעם פון דרום. 3) באַלמעלאָכעס, גאַסן־הענדלער, קליינע קרעמער און פּאַכלאַזע אינטעליגענץ.

סינסינעטי איז, אַ דאַנק איר גינסטיקער געאָגראַפישער לאַגע, אין די פערציקער יאָרן שוין געהאַט געוואָרן אַ וויכטיקער צענטער פון אַמעריקאַנער לייכטער אינדוסטריע און האַנדל. אין סינסינעטי פלעגט פּראָדוצירט ווערן גאַלאַנטעריי און מאַנופאַקטור. אין די ערשטע פופציקער יאָרן האָט שוין דעריבער אין דער שטאָט עקזיסטירט אַ פעסט־אויסגעפאָרמירטער יידישער בירגערטום, וואָס האָט שוין אַפילו אויסגעטיילט פון זיך אַ היפשן שיכט פון אינדוסטריעלער בורזשואַזיע, וועלכע האָט זיך אויסגעצייכנט אויפן געביט פון קליידער־אינדוסטריע. די יידישע בורזשואַזיע איז אָבער, אין גרונט גענומען, ביז נאָכן בירגערקריג, געווען אַ קלאַס פון הענדלער און ליפעראַנטן. דער אינדוסטריעלער שיכט האָט זיך רעקרוטירט פון די רייען פון דער האַנדלס־בורזשואַזיע, וואָס האָט געפירט מסחר מיטן פּלאַנטאַטארישן דרום. גאַנץ אָפט איז אין דער

פערזאָן פונעם יידישן נגיד פאַראייניקט געוואָרן אַ הענדלער, אַ באַנ־קיר און אַ אינדוסטריעלער.

די געשעפט־פאַרבינדונגען פון דער יידישער בורזשואַזיע מיט די „קאַטן" (באַוול)־פלאַנטאַטאָרס איז באַשטאַנען פון געלט־הלוואות, אַוואַנס־קאַפּיטאַלן, וועלכע זי פלעגט צאָלן דער „סאַוט" אויף די קומענדיקע גע־רעטענישן.

אַנדערש איז עס צוגעגאַנגען אין אַזעלכע שטעט ווי ניו־יאָרק, שיקאַגאָ און באַלטימאָר, וואו די גרעסטע צאָל פון די יידישע „48־ער" האָט זיך באַזעצט. דאָרט האָט אַ העלפט פון דער נייער אימיגראַציע גע־לעבט פון קליין־האַנדל און אַ העלפט פון האַנטווערק.

די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידן פון דער עלטערער, איינגעזעסע־נער דייטשישער אימיגראַציע און די לאַגע פון די נייע יידישע איינוואַנ־דערנדיקע, ביי די מזרח ברעגן פון אַטלאַנטיק, געפינט אין אַ געוויסער מאָס אַן אָפּשפּיגלונג אין דער דייטש־יידישער און דייטש־ענגלישער פּרעסע. די דיפערענצירונגען אין דער עקאָנאָמישער סטרוקטור ווייזן זיך אַרויס פון אַ גאַנצער ריי צופעליקע באַמערקונגען אין דער פּרעסע און דער ליטעראַטור.

וועגן דער באַשעפטיקונג־סטרוקטור פון די סינסינעטער יידן האָבן מיר ידיעות פון די יאָרן 1849, 1856 און 1859.

„די קליידער־אינדוסטריע איז פאַרן בירגער־קריג,—שרייבט אַ דייטשי־שע צייטונג — איבערגענומען געוואָרן פון די דייטשישע יידן, וועלכע זיינען געוועזן די אייגנטימער פון גרויסע קליידער פאַבריקן און גע־שעפטן" [1].

אַן אַנדער יידישער מקור גיט איבער בפירוש די סאָציאַלע לאַגע פון די יידן. „די יידישע געמיינדע אין סינסינעטי האָט אין יאָר 1856 געציילט 6000 נפשות, פון זיי האָבן זיך בלויז 150 געגניטיקט אין שטיצע. פּאַקטיש האָבן אַלע געהערט צום גוט־שטייענדיקן קלאַס" [2].

אין סינסינעטי, צום ביישפּיל, האָבן מער ווי 80 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג געהאַנדלט מיט נייע און אַלטע קליידער[3].

פון דער צווייטער זייט האָבן מיר ידיעות וועגן דער באַשעפטיקונג־סטרוקטור פון די יידישע עמיגראַנטן, די „8־ער", אין אַנדערע ערטער, וועלכע מיר טיילן איין לויט די דריי שטעט: ניו־יאָרק, שיקאַגאָ און באַל־טימאָר.

ניו־יאָרק: אין יאָר 1855 האָט די יידישע באַפעלקערונג פון ניו־יאָרק געציילט 30,000 נפשות. 45 פּראָצענט פון זיי, אַרום 13,500, זיינען געווען פּעדלערס און באַלמעלאָכעס.

צווישן די דייטשישע קליידער־אַרבעטער זיינען געווען אַ סך יידן, היט־מאַכער, שניידער און בעקער.

אַ מינימום פון 45 פּראָצענט יידן האָבן געהאַנדלט מיט גענוצטע קליידער.

אַ רשימה פון הונדערט קאַנדידאַטן פאַרן „נח־לאדזש" פון אָרדן „פרי סאָנס אָוו איזראַעל" באַווייזט, אַז אַ דריטל זיינען געווען פּעדלערס; די גרעסערע גרופּן זיינען באַשטאַנען פון שוסטער, שניידער, קצבים, ציגאַרן־מאַכער [4].

אין אַ קאָרעספּאָנדענץ, וואָס דער ניו־יאָרקער רעפאָרם־ראַבינער מעקס ליליענטאל האָט געשיקט קיין דייטשלאַנד אין יאָר 1848, שרייבט ער: „דורך דעם יאָר זיינען אַ סך פון די אָריבערגעקומענע, ניט קענענדיק זיך נעמען צו פּעדלעריי, געצוואונגען געווען צו ווערן אַרבעטער. טייל עפּענען שוסטערייען, אַנדערע ווערן ציגאַרן־מאַכער, בוך־בינדער און אַ טייל אַרבעט אין ביוראָען, כאָטש אין אַלגעמיין איז קאָמערץ דער הויפּט־מיטל פון דער פּרנסה" [5].

ווי אַ באַווייז, אַז די נייע יידישע אימיגראַנטן פון ניו־יאָרק האָבן נאָך קיין גרויסעווירטשאַפטלעכע מאַכט ניט געהאַט, קאָן דינען אַן אַרטיקל אין אַ דייטשיש־אַמעריקאַנער זשורנאַל, אין וועלכן דער זשורנאַליסט גיט איבער זיינעם אַ שמועס מיט אַ יידישן אַפּטייקער, יוועליר, וועלכער האָט אים געזאָגט: „יידן, וואָס אין אייראָפּע שאַפן זיי אַזוי גיך און געשיקט גרויסע געשעפט־אונטערנעמונגען, שפּירן זיך ווי פּאַראַליזירט לגבי דעם גרויסאַרטיקן אונטערנעמונגס־גייסט פון די אַמעריקאַנער. דאָס רוב פון זיי זיינען הויזירער (פּעדלערס) און קליידער־הענדלער, און אפשר שפּירן זיי, אַז אין הארצן זיינען אַ סך אַמעריקאַנער נאָך מער אומטאָלעראַנט איידער די אייראָפּעער" [6].

שיקאַגאָ: דער ערשטער ייד, וועלכער איז געקומען קיין שיקאַגאָ, אין יאָר 1839, איז געווען אַ געוויסער פּעדלער, גאַטליב. די שיקאַגער באַפעלקערונג איז דאַן באַשטאַנען פון אַרום פיר טויזנט נפשות. אין דער שיקאַגער דירעקטאָרי פון יאָר 1845 פיגורירן שוין צווישן די קלענערע האַנדלס־פירמען פון שיקאַגאָ די נעמען פון די דייטשיש־יידישע

משפחות: מאַנדעל, גרינבאַום, שובערט, בעקער, לעאָפּאָלד, קליין. אין דער „ווינטיקער שטאָט", וואָס האָט שוין דאַן אָנגעהייבן ווערן אַ וויכטיקער האַנדלס־צענטער, זיינען שוין צווישן די 200 יידישע משפחות פון די ערשטע אימיגראַנטן, געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך שנעל אַקלימאַטיזירט און אָנגעהויבן פאַרנעמען פּאָזיציעס פון מיטלבירגערטום.

אין יאָר 1849, נאָך דער פאַרענדיקונג פון דעם אילינאָי־מישיגען קאַנאַל און דער „גאַלינאַ־שיקאַגאָ" אייזנבאַן, ווען שיקאַגאָ האָט שוין אָנגעהייבן ווערן אַ וויכטיקער אינדוסטריעלער צענטער, געפינען מיר שוין צווישן די יידישע משפחות אַ שיכט פון דער האַנדל און פינאַנץ בורזשואַזיע, וואָס איז אַ סך וועלטלעכער און קולטורעלער פון די ערשטע, אַלט־געזעסענע איינוואוינער, און פאַרנעמט אַן אָרט אין פּאָליטישן לעבן.

אין אַ פאַרלעסלעכער שיקאַגער דירעקטאָרי געפינען מיר די יידישע נעמען פון הויפּטן פון קליידער־פירמעס, פּוטערוואַרג, זיידנס, וואָל, און אַפילו באַנקירן [7]) און אין דער זעלבער צייט אויך יידישע מעכאַניקער און באַלמעלאָכעס, וואָס האָבן זיך דאָ גענומען צו זייערע היימישע פאַכן.

באַלטימאָר: אויפן עקאָנאָמישן געביט האָט באַלטימאָר זיך אָנגעהויבן אַרויסרוקן אַלס האַנדלס־צענטער נאָך פון די דזשעפערסאָנישע צייטן. יידן האָבן אָנגעהויבן פאַרנעמען אַן אָרט אין האַנדל. באַזונדערס אין די 20ער יאָרן פונעם 19טן יאָרהונדערט, ווען זיי האָבן באַקומען רעכט אין דער האַנדלס־שטאָט [8]).

צו יענער צייט געפינען זיך שוין אין באַלטימאָר אַ צאָל באַנקירן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך באַזונדערס אויסגעטיילט די יידישע פאַמיליעס קאָהען. גרעסערע געשעפטן הייבן זיך אָן קאָנצענטרירן אין יידישע הענט.

אָנהייב פון די 50ער יאָרן, מיטן אַריינשטראָמען פון דער נייער אימיגראַציע־כוואַליע, גרופּירן זיך דאָרטן נייע יידישע שיכטן, וואָס גייען אַוועק אויף מאָדערנע קאַפּיטאַליסטישע וועגן און זעצן פאָר, אין זייער אַדאַפּטירטער היים, די בורזשואַז־ליבעראַלע טראַדיציעס פון די 48ער יאָרן.

לויט דעם בילד לאָזט זיך שוין מערקן די פונאַנדערטיילונג פון די קלאַסן־כוחות אין דער אַמעריקאַנער יידישער סביבה אין דעם יאָר־צענדליק פאַרן בירגער־קריג.

פאַקטיש דאַרף מען זיך רעכענען אין אַט דער תקופה מיט צוויי

שיכטן. די עלטערע, האַלב־פעאָדאַלע יידישע בורזשואַזיע, וואָס אירע גרונט־קאַדרען זיינען אויסגעבילדעט געוואָרן פון באַוול און טאַבאַק־הענדלער, און די נייערע, פינאַנציעל־אינדוסטריעלע טיילן, וועלכע האָבן אין די באַדינגונגען פון דער אַנטוויקלונג פון אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם, געמוזט איבעררייסן מיט דעם האַלב פעאָדאַלן שקלאַפעריש־באַזיצערישן רעזשים.

די גרויסע כוואַליע פון דייטשישע אימיגראַנטן, וואָס האָט זיך אַ טראָג געטאָן צו די ברעגן פון אַמעריקע ערב דער צווייטער העלפט פונעם 19טן יאָרהונדערט, האָט איבערגעשטיגן אין צאָל אַלע פריערדיקע שטראָמען. מען שאַצט די אַלגעמיין־דייטשישע אימיגראַציע פון יאָר 1845 ביז 1854 אין עפּעס מער ווי אַ האַלבן מיליאָן. צווישן די דייטשישע אימיגראַנטן פון סוף פון די 40ער ביז אָנהייב פון די 60ער, האָבן זיך געפונען פערזענלעכקייטן מיט אַ אידעאָלאָגישן באַוואוסטזיין און הויכער אינטעליגענץ, וואָס האָבן גלייך פאַרנומען אָנגעזעענע ערטער אין דער פירערשאַפט פון דעם שוין דאָן צאָלרייכן דייטשישן עלעמענט. זיי האָבן דאָ אָרגאַניזירט די דייטשישע אימיגראַנטן, כדי צו העלפן די רעוואָלוציע אין זייער אַלטער היים און גלייכצייטיק געהאָלפן שאַפן צענטערס פאַר דייטשישער קולטור אין דער נייער אַמעריקאַנער היים.

ביסלעכווייז איז דאָ אויפגעקומען אַ פאַרצווייגטע דייטשישע פרעסע, טעאַטער, געזאַנג־פאַראיינען, קולטור־קלובן, שולן, קינדער־קלובן, און, דער עיקר, גימנאַסטיק־פאַראיינען.

די דאָזיקע „אַכט־און־פערציקער" — אַזוי האָט מען גערופן די אימיגראַנטן, וואָס זיינען געקומען נאָך דער דייטשישער רעוואָלוציע אין יאָר 1848, — זיינען געווען פון די אַקטיווסטע אונטערשטיצער פון דער אַנטי־שקלאַפעריי באַוועגונג און האָבן בכלל געשפּילט אַ ראָלע אין ראַ־דיקאַליזירונגס־פּראָצעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

די יידיש־דייטשישע אימיגראַנטן האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די הילפס־ און קולטור־אָרגאַניזאַציעס.

די וואַקסנדיקע רעאַקציע אין דייטשלאַנד, נאָך די דורכגעפאַלענע רעוואָלוציעס פון 1848־49 האָט געטריבן די אַקטיווסטע יידישע פירער און אידעאָלאָגן צו עמיגרירן. אַ צאָל פון די, וואָס האָבן נאָך די יאָרן דערגרייכט די ברעגעס פון „לאַנד פון די פרייע", האָבן מיט גרויס

אימפעט, און טיילווייז מיט פרינציפיעלער אויסגעהאַלטנקייט, געשטרעבט פּאַקטיש צו פאַראַנקערן אין אַמעריקע זייערע ראַדיקאַלע טעאָריעס.

רעוואָלוציאָנערער טעמפּעראַמענט, געפּאָרט מיט קולטורעלער פאַר־געשריטנקייט, — אָט די שטריכן כאַראַקטעריזירן די יידישע פליכט־לינגען פון דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע פון 1848, וועלכע זיינען אין דער מערהייט געווען ראַדיקאַל־רעפּובליקאַניש געשטימט.

2. רעליגיעזע און סעקולאַרע פאָרמען פון אָרגאַניזאַציע

די סאָציאַל־פּאָליטישע פאָרמען פון יידישן אַמעריקאַנער געזעלשאַפט־לעכן לעבן, ערב דעם בירגער־קריג, באַווייזן זיך פאַר אונדז קלאָר אויף דער פאַן פון די רעליגיעזע און סעקולאַרע אָרגאַניזאַציעס.

די דייטשישע יידן זיינען געקומען פון געגנטן, וואָס האָבן דורכגע־מאַכט אַ ראַדיקאַלע רעליגיעזע רעפאָרמאַציע. אין אַ לאַנד (דייטשלאַנד), וואו די פּראָטעסטאַנטישע קירך איז געווען צעברעקלט, האָט זיך די יידישע רעליגיע אויך גענומען שפּאַלטן.

היסטאָריש איז רעפאָרמירטע יידישקייט אין די פאַראייניקטע שטאַטן דער ערשטער פּרואוו אַראָפּצואוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון רעליגיעזער היעראַרכיע. די שטעלונג פון די ליבעראַלע שטרעמונגען אין דער אַמעריקאַנער יידישער רעפאָרם־באַוועגונג קעגן צענטראַליזאַציע איז געווען אַ רעזולטאַט פון אָפּאָזיציע צום עלטערן, קאָנסערוואַטיוון שיכט פון די אַמעריקאַנער יידן, וועלכער האָט געוואָלט האָבן די העגעמאָניע אויפן יידישן לעבן.

באַטראַכטנדיק אין פּרינציפּ, כאָטש מיט געוויסע באַוואָרענישן, יידיש־קייט ווי אַ רעליגיע, יידן ווי קיבוץ־בירגער, וואָס זיינען פאַראייניקט דורך אַ רעליגיעזן בונד, האָבן אָבער די קאָנסערוואַטיווע, אונטער דער פירערשאַפט פון זייערע ראַבינער, ווי יצחק לעסער און סעמועל אייזיקס, דורך זייערע אָרגאַנען „אָקצידענט״ און „מעסענדזשער״ געפּריידיקט די אידעע פון יידיש־אַמעריקאַנער אויסדערוויילטקייט און געהאַט אַ ביטול־באַציאונג צום נייעם יידישן אימיגראַנט.

היימאַן ב. גרינשטיין, וואָס באַשרייבט דעם וואוקס און די אַנטוויק־לונג פון דער יידישער געמיינדע אין ניו־יאָרק ביזן בירגער־קריג, ווייזט אָן, אַז נאָך אין 18טן יאָרהונדערט האָבן די פּאָרטוגעזישע יידן ניט געוואָלט האָבן קיין מגע־ומשא מיט די דעמאָלטיקע דייטשישע יידן,

ווייל זיי זיינען געווען אָרעם. דער שרייבער־היסטאָריקער מאָלט דאָס בילד פון יידישן ניו־יאָרקער לעבן אין יענע יאָרן:

„...פון סאַמע אָנהייב אָן האָבן עקזיסטירט אונטערשיידן צווישן די ספרדים און די אַשכנזים, הי־געבוירענע און ניי־איינגעוואַנדערטע, רייכע און אָרעמע. שפּעטער האָט זיך די אַנדערשקייט אַנטפּלעקט אויף דער באַזע פון דער עטנישער אָפּשטאַמונג פון די יידישע גרופּעס: ענגלישע, האָלענדישע, דייטשישע.

„די אַזויגערופענע פּאָרטוגעזישע יידן האָבן זיך געהאַלטן העכער און פּאַראַכטעט די אַשכנזים. דער ענגלישער ייד, צוליב זיין קענען די שפּראַך, האָט זיך געהאַלטן נעענטער צום אַמעריקאַנער געבוירענעם, פון וועלכער עס איז אַנדער גרופּע... די אָפּגעזונדערטקייט פון דער אַמעריקאַנער גרופּע האָט געצוואונגען די אימיגראַנטישע אַשכנזים (אייראָפּעאישע יידן) צו שאַפן פאַר זיך אייגענע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס".

די יידישע געמיינדעס זיינען פאַרבליבן צעטיילט ביז די שפּעטערע זיבעציקער און אָנהייב אַכציקער יאָרן, ווען עס האָבן אָנגעהויבן אַריינשטראָמען די מאַסן מזרח־אייראָפּעאישע כוואַליעס פון יידישער אימיגראַציע. אויבן אָן זיינען די ספרדישע יידן, די דאָ־געבוירענע, און די ענגלישע און האָלענדער, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן נאָענט פון די ספרדיש־אַמעריקאַניזירטע, און נאָך זיי איז געקומען די צעטיילונג פון די דייטשישע יידן אַליין.

די צעטיילונג האָט זיך פון אָנהויב אָן באַוויזן דורך דער שפּאַלטונג פון דער סינאַגאָגע, אינעם אויפקום פון די ערשטע רעפאָרם־קאָנגרעגאַציעס. און נאָך שפּעטער — אין דער גרינדונג פון סעקולערע, פּראָטערנאַלע און קולטור־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט סאָציאַלער הילף און קולטור־פאַרשפּרייטונג.

די ספרדים, צו וועלכע מען קען צורעכענען אויך די ענגלישע און האָלענדישע יידן, זיינען געווען אומבויגזאַם ניט נאָר בנוגע רעליגיעזע טראַדיציעס, נאָר אויך שטרענג אין אַלגעמיינעם לעבן. דאָס געהערן צו דער סינאַגאָגע איז געווען אָבליגאַטאָריש. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט די קאָנסטיטוציע פון „ק"ק בית אלהים" אין טשאַרלסטאָן, סאַוט־קאַראָליינע, געהאַט אַ פּונקט: „אויב איינער פון די אימיגראַנטן וועט ניט געהערן צו דער שול, זאָל ער פאַרלירן זיין רעכט אויף קבורה און זאָל אויך באַצאָלן שטראָף, וואָס וועט אויסגעשפּרייט ווערן אויף זיין פאַמיליע"[9].

מיט רעכט זאָגט דער היסטאָריקער פון די יידן אין דער דערמאָנטער שטאָט, אַז די דאָזיקע שטרענגקייט איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אָפּשפּאַלטונג פון אַ גרופּע פון „בית אלהים" אונטער דער פירער־שאַפט פונעם אויפגעקלערטן אייזיק האַרבי, און דער גרינדונג פון דער ערשטער יידישער רעפאָרם־געמיינדע אין אַמעריקע.

די מאַכט פון דער רעליגיעזער היעראַרכיע איז מיט אַ באַזונדער שטרענגקייט געווען געווענדט קעגן די ווידערשפּעניקע עלעמענטן אין רעליגיעזע פראַגן. בראש פון די סינאַגאָגעס זיינען געשטאַנען די פּרנסים, וועלכע זיינען געווען די רייכסטע יידן אין דער שטאָט און זיי האָבן געהערשט אין דער געמיינדע מיט אַ שטאַרקער האַנט.

וועגן פּרנס־סיסטעם אין אַמעריקע — אַן איבערבלייבעניש פון פעאָדאַלן קהל־סיסטעם אין מיטלאַלטער, איז פאַרבליבן אַ דאָקומענט, וואָס דערציילט ווי אַ שטרענג־אָרטאָדאָקסישער פּרנס אין אַלבאַני (ניו יאָרק שטאָט), ספּאַניר, האָט עפנטלעך אין אַ ראש־השנה, פאַר די אויגן פון אַלע מתפללים, דערלאַנגט אַ פּאַטש דעם ראַבינער פון אַלבאַני, י. מ. וויז. „אין צייט פון טומל האָט וויז געוואָרנט ספּאַנירן, אַז ס'איז נאָך פאַראַן אַ געזעץ, צו וועלכן ער וועט אַפּעלירן. אויף דעם האָט ספּאַניר געענטפערט, אַז ער איז רייך גענוג ניט מורא צו האָבן פאַרן געזעץ"[10].

וויז איז דערפאַר אַוועק פון אַלבאַני קיין סינסינעטי, וואו ער האָט באַקומען אַ ברייט פעלד פאַר זיינע רעפאָרם־טעטיקייטן. אין זיינע מעמואַרן באַמערקט וויז, אַז גלייך נאָך זיין אָנקומען אין אַמעריקע האָט ער געזען ווי „דער פּרנס האָט געהערשט איבער די לעבעדיקע און די טויטע"[11].

געשטיצט פון דער מאַכט פון פּרנסים־סיסטעם האָט די רעליגיעזע היעראַרכיע לייכט געקאָנט באַשטראָפן די ניט־פאָלגער. לויטן באַריכט פון אַ מיטגרינדער פון ערשטן יידישן רעפאָרם־פאַראיין אין באַלטימאָר, מערילענד, „הר־סיני", איז דער ערשטער שטויס פאַר דער גרינדונג פון דער ראַדיקאַל־רעליגיעזער אָרגאַניזאַציע פאָרגעקומען ביי אַ לויה פון אַ מיטגליד פון דער אָרטאָדאָקסישער שול אין דער שטאָט. צו דער לויה זיינען געקומען ניט־יידישע מיטגלידער פונעם אָרדן „אָדד־פעללאָוס". דער רב, רייס, האָט זיך אָפּגעזאָגט אָפּצוריכטן די לויה־צערעמאָניע ביז וואַנען די ניט־יידן וועלן ניט אַוועקגיין. דאָס האָט געפירט צו דעם, אַז די מער־אויפגעקלערטע מיטגלידער פון דער שול, נייע דייטשיש־יידישע

אימיגראַנטן, זאָלן זיך אָפּטיילן פון דער סינאַגאָגע און גרינדן זייער רעפאָרמירטן טעמפּל. די אַלטע קהלה האָט זיך ענטזאגט אויסצולייען אַ ספר־תורה דער נייער קאָנגרעגאַציע און יענע האָבן ראש־השנה געמוזט לייענען די פּרשה פון אַ געדרוקטן תנ"ך...[12].

ווי עס ווייזט זיך אַרויס, האָט דער אַנטאַגאָניזם צווישן די פּאָרטוגע־זישע יידן און די נייע דייטשישע רעפאָרמירטע יידן פון דער נאָך 48ער אימיגראַציע אָנגעהאַלטן היבשע עטלעכע יאָר. נאָך אַזוי שפּעט ווי אין יאָר 1862 האָבן די פּאָרטוגעזישע יידן, וועלכע האָבן זיך גע־חברט מיט האָלענדישע, ענגלישע און אַפילו דייטשישע יידן פון דער עלטערער אימיגראַציע, אָנגעהאַלטן זייער שנאה צו די ראַדיקאַל־רע־פאָרמירטע קרייזן.

אין דער יידיש־דייטשישער חודש־שריפט „סיני" (פילאַדעלפיע, מאַי, 1862) לייענען מיר:

„פאָרשטייער פון אַלע לאָקאַלע איזראַעליטישע אָרגאַניזאַציעס זיי־נען איינגעלאַדן געוואָרן צו דער באַנייאונג (נעכטן) פון דער אַזוי־גערופע־נער פּאָרטוגעזישער קאָנגרעגאַציע, מיטן אויסנאַם פון דער רעפאָרם־קהלה כנסת ישראל. דאָס האָט גאָרניט צו טאָן מיט רעליגיעזן פאַנאַטיזם, ווייל די פּאָרטוגעזער שטעלן צו זייער קוואָטאַ פון מחללי שבת, פּונקט ווי די פול־בלוטיקע רעפאָרמער. אויך טאָר מען ניט צורעכענען די נאַ־ציאָנאַלע אַנטיפּאַטיע צו דער סיבה פונעם חרם, ווייל צווישן די פּאָר־טוגעזער קענט איר זייער זעלטן געפינען מענטשן, וואָס פאַרמאָגן איין טראָפּן פּאָרטוגעזיש בלוט. דאָס קען בלויז דערקלערט ווערן דורך שנאה, שמאָלקעפּיקייט און סאָציאַלער ענגהאַרציקייט".

ווי גרויס עס זיינען אָבער ניט געווען די דיפערענצן צווישן די רעליגיעזע קאָנגרעגאַציעס איז נאָך גרעסער געווען דער אונטערשייד צווישן דעם אַלט־געזעסענעם אימיגראַנט און די פרייע, ראַדיקאַל־יידישע דייטשישע אימיגראַנטן פון די 48ער יאָרן, וועלכע האָבן זיך אין גאַנצן אָפּגעבונדן פון רעליגיע. זיי זיינען באַצייכנט געוואָרן ווי אַטעאיסטן און „עם־הארצים".

סעקולאַרע פאָרמען פון אָרגאַניזאַציע זיינען אויפגעקומען אין אַמע־ריקע נאָך אין די פריע פערציקער יאָרן. דער יידיש־בירגערלעכער אָרדן „בני ברית" איז געגרינדעט געוואָרן אין 1843 פון אַ צאָל דייטשישע ליבעראַלע קליינבירגערלעכע יידן, וועלכע האָבן זיך געשטעלט אַלס ציל

„צו פאַראייניקן אַלע יידן אין דער אַרבעט פאַר זייערע בעסטע אינטע־רעסן און פאַר די אינטערעסן פון דער גאַנצער מענטשהייט; צו אַנטוויק־לען און הייבן דעם גייסטיקן און מאָראַלן כאַראַקטער פון דער יידישער באַ־פעלקערונג; צו איינוואָרצלען אין זיי די ריינסטע פרינציפּן פון פילאַנטראָ־פּיע, ערע און פּאַטריאָטיזם; צו שטיצן וויסנשאַפט און קונסט; צו העלפן אָרעמע און נויטבאַדערפטיקע; צו באַזוכן קראַנקע, קומען צו דער רעטונג פון די קרבנות פון פאַרפאָלגונגען; צו באַזאָרגן, באַשיצן און אַרויסהעלפן אלמנות און יתומים לויט די ברייטסטע פּרינציפּן פון מענטשלעכקייט" [13].

אין יאָר 1849 האָבן די נייע דייטשיש־יידישע אימיגראַנטן געגריג־דעט פאָלגענדיקע פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס: „אינדעפּענדענט אָרדער פרי סאָנס אָוו איזראַעל", דעם פּרויען־אָרדן „יונייטעד אָרדער אָוו טרו סיסטערס", אָרדן „ברית־אברהם" און „קשר של ברזל" (בונד פון אייזן).

אַ גרויסער טייל פון די יידן, וואָס האָבן געהערט צו די אָרדנס, זיינען באַשטאַנען פון אַזעלכע עלעמענטן, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שום שייכות צו דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט און האָבן אַריבערגעטראָגן אַהער זייער נעגאַטיווע באַציאונג צו רעליגיע אינאיינעם מיט זייער קולטורעל־סעקולאַרן שטייגער.

אין אַ באַשרייבונג וועגן די יידישע אימיגראַנטן, וואָס זיינען גע־קומען אַהער מיט די אימיגראַציע־כוואַליעס אין די רעוואָלוציע־יאָרן פון 1848־49 לייענען מיר:

„עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז אַ טייל פון די סאַמע עם־הארצישע יידן, וואָס זיינען געקומען קיין מילוואָקי, זיינען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַטעאיסטן. דאָס זיינען די ערשטע יידישע אַטעאיסטן, וואָס איך האָב באַגעגנט. איך האָב באַגעגנט אַ פילאָסאָפישן קצב, אַן איבערגעשפּיצטן קלוגן שמאַטע־הענדלער, אַ בראַנפן־פאַרקויפער, וואָס האָט זיך איבער־געלערנט, אַ סאָפיסטישן חזירים־טרייבער, אַן אַטעאיסטישן משרת ביי אַ בהמות־הענדלער" [14].

3. די יידן אין די קולטור־קריזן פון די „48־ער"

דער געזעלשאַפטלעכער לעבן פון דער דייטשיש־יידישער אימיגראַציע האָט זיך אויפגעבויט אויף צוויי יסודות: דער יידישער אַנטייל אין די קולטור־קרייזן פון די דייטשישע אַמעריקאַנער און דאָס שאַפן אייגענע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס.

דער דייטשישער אימיגראַנט בכלל האָט פון אָנהייב אָן איבערגע־פלאַנצט אַהער זיין קולטור און זיין שטייגער־לעבן. ער האָט געשטרעבט אויפצוהיטן און ווייטער צו אַנטוויקלען די איבערגעבראַכטע ווערטן פון זיין אַלטן היימלאַנד. ער האָט דאָ געשאַפן טעאַטער־געזעלשאַפטן, געזאַנג־פאַראיינען און דער עיקר גימנאַסטיק־קלובן. די יידיש־דייטשישע אימיגראַנטן זיינען געווען אינמיטן פון אַלע דייטשישע סאָציאַלע און קולטור־טעטיקייטן און האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין העלפן די דייטשן זיך אָרגאַניזירן.

אין דער דייטשיש־יידישער צייטשריפט פון סינסינעטי לייענען מיר:

„מער ווי ערגעץ וואו האָבן דאָ יידן צוזאַמען מיט דייטשן באַ־קעמפט דעם פוריטאַנישן געזעץ פון חילול־זונטיק און זיך איינגעשטעלט פאַר האַלטן אָפן די ביר־הייזער. מער ווי ערגעץ־וואו האָט דאָ דער דייטשישער גייסט באַזיגט די פוריטאַנישע שטייפקייט און קאַלטקייט. אונדזערע איזראַעליטן האָבן אַ גרויסן חלק אין אַט דעם לעבנס־פריידיקן נצחון" [15].

די פירער פון דייטשישען עלעמענט אין די שטאָטן האָבן קלאָר באַ־נומען, אַז יידן פאַרשטאַרקן די קולטורעלע פּאָזיציעס פון דייטשנטום. די יידיש־דייטשישע צייטונגען האָט מען צוגערעכנט צו די דייטשישע צייטונגען, די דייטשיש־יידישע שולן — צו די דייטשישע שולן.

אַ דייטשישע שריפט פון יאָר 1856 שרייבט:

„אַ באַזונדערן טייל פון דייטשישן עלעמענט שאַפן דאָ די פּילצאָליקע דייטשישע יידן. זיי פאַרמאָגן ניט בלויז גוט איינגעשטעלטע אונטער־שטיצונגס־פאַראיינען, נאָר אויך געזאַנג־ און בילדונגס־פאַראיינען, דער־ציאונג־אַנשטאַלטן און זיי האָבן דערביי אַ דייטלעך דייטשישן כאַראַקטער. די ענגליש־ריידנדיקע יידן האָבן זיי דערפאַר פיינט. אויף דעם באַקלאָגט זיך די „דעבאָראַ" (יידיש־דייטשישער אָרגאַן) און דערביי פאָדערט זי אויף די דייטשישע יידן זיך פעסט צו האַלטן ביי זייערע צילן" [16].

די יידישע „אַכט און פערציקער" האָבן זיך באַטראַכט ווי אַ באַ־שטאַנד־טייל פון די אַלגעמיין־דייטשישע גרופּירונגען און זיינען געווען טעטיק אינאיינעם מיט די דייטשן אויפן סאָציאַל־פּאָליטישן און קול־טור געביט.

פון אַלע דייטש־געזעלשאַפטלעכע און קולטור־אָרגאַניזאַציעס איז באַ־זונדערס קענטיק געווען דער יידישער אָנטייל אין דער נאַציאָנאַלער,

דייטשיש־אַמעריקאַנער ספּאָרט־באַוועגונג, די „טורנער־פאַראײנען". די דאָזיקע פאַראײנען זײנען מיט דער צײַט געוואָרן די וויכטיקסטע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג פון ראַדיקאַלן אַמעריקאַנער דייטשנטום. צווישן די גרינדער פון די „טורנער־פאַראײנען", געפינען מיר אַ צאָל אָנגעזעענע דייטשיש־יידישע פליכטלינגען פון דער 48ער רעוואָלוציע, ווי זיגיסמונד קאופמאַן און אַנדערע [17].

די טורנער־באַוועגונג איז געווען באַזירט אויף דער אידעע פון גלייכהייט. מען האָט יעדן מיטגליד דערמאָנט ער זאָל אין זינען האָבן, אַז „דער מענטש איז די הויפּטזאַך, און קריסט, מאַכמעדאַנער אָדער ייד, זײַנען קנאָפּע בייזאַכן" [18].

אַ קווערשניט פון יאָר 1857 דורך די אָרגאַניזאַציעס אין מעדיסאָן, וויסקאָנסין, ווייזט אַז עס זײַנען געווען יידן אין דאָרטיקן טורנער פאַראײן, אָבער ניט אין די ענגליש־רײדנדיקע לאָדזשעס [19].

באַזונדערס קאָנטיק איז געווען דער אָנטייל פון יידן אין „סאָציאַלן טורנער פאַראײן" פון באַלטימאָר [20].

4. יידן און דער קאַמף קעגן „נעיטיוויזם"

אין יענע יאָרן קומט־אויף אויף דער אַמעריקאַנער גאַס די באַוועגונג פון „נאָו־נאַטינגיזם" („נאָו נאַטינג" — ווייס פון גאָרנישט), אָדער „נעיטיוויזם". די דאָזיקע באַוועגונג האָט אַרויסגערוקט די אידעאָלאָגיע פון אַנגלאָ־זאַקסישער הערשאַפט און האָט געשטרעבט אַוועקצושטעלן צווימען קעגן דער נאָרמאַלער און נאַטירלעכער אינטעגרירונג פון די אימיגראַנטן אין אַמעריקאַנער לעבן. די דאָזיקע באַוועגונג איז באַזונדערס געווען קעגן קאַטאָליקן און אויסלענדער. זי האָט געפאָדערט, אַז די דייטשן „זאָלן געהאַלטן ווערן ווי אַן מינדערווערטיקע קאַסטע צווישן די יענקיס" [21]. די פּלאַטפאָרם, וואָס די „נאָו־נאַטינג"־פּאַרטיי האָט אַרויסגערוקט אין יאָר 1855, האָט געפאָדערט, אַז דער אַמעריקאַנער קאָנגרעס זאָל ענדערן דאָס געזעץ פון בירגערשאַפט: אַן אײַנגעוואַנדערטער זאָל דאַרפן וואוינען אין די שטאַטן 21 יאָר, איידער ער קריגט דאָס רעכט אויף בירגערשאַפט און אין דער רעגירונג זאָלן דינען בלויז אַמעריקאַנער געבוירענע.

הינטער דער דאָזיקער אַמעריקאַנער שאָוויניסטישער פּאַרטיי זײַנען

געשטאַנען די אינטערעסן פון די באַנקירן, די באַראָנען פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל, די צפונדיקע שותפים פון די שקלאַפן־באַזיצער אין דרום.

אין יענע יאָרן קריסטאַליזירט זיך אויס אין דער דייטשישער אי־מיגראַציע אַ פּראָנט, וואָס באַקעמפט שטרענג דעם ראַסן־ און רעליגיעזן האַס — דעם אויסגעפּרואווטן אינסטרומענט פון דער רעאַקציע אין אַמעריקע — און עס ווערט אַרויסגעשטעלט דער אידעאַל פון גלייכהייט וואָס איז אַלעמאָל געווען דער תוך פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטישער טראַדיציע.

די דייטשישע אָרגאַניזאַציעס האָבן אויפגעפאָדערט זייערע מיטגלי־דער אָפּצוגעבן זייערע שטימען בלויז אַ פּאַרטיי, וואָס האָט געהאַט גוטע אויסזיכטן צו באַקעמפן די „נעיטיוויסטן". דעם 16טן אַפּריל 1855 האָט אַ נאַציאָנאַלע באַראַטונג פון די טורנער־פאַראיינען אַרויסגעשיקט אַ ווענ־דונג צו אַלע דייטשן, וועלכער האָט אונטערגעשטראָכן: „מיר, טורנער, קעמפן קעגן שקלאַפערײַ, נעיטיוויזם און יעדער סאָרט באַגרענעצונג, באַזירט אויף קאָליר, רעליגיע אָדער געבורט־פּלאַץ" [21].

אין די צייטשריפטן פון די טורנער האָט מען ניט בלויז באַקעמפט די רעאַקציע אין דייטשלאַנד, נאָר מען האָט אָפט רעאַגירט קעגן אַנטי־סעמיטישע אַרויסטריטן דאָ אין לאַנד.

אין יאָר 1856 קומט־אויף אַ נייע ווענדונג אין דער דייטשיש־אַמעריקאַ־נער געזעלשאַפט. דעם אָרט פון קאַמף קעגן פּוריטאַניזם און נעיטיוויזם הייבט אָן פאַרנעמען דער ברענענדיקער קאָנפליקט צווישן פאַר און קעגן שקלאַפערײַ. ס'רוב פון די דייטשישע „48ער" שליסן זיך אָן אין דער אַבאָליציאָניסטישער באַוועגונג. די דאָזיקע ראַדיקאַלן טראָגן איבער זייער פיינטשאַפט צום אייראָפּעאישן אַבסאָלוטיזם אויף די שקלאַפן־האַל־טער פון דרום [22].

אין דער פרייַנטלעכער אַטמאָספער פון די דייטשישע געזעלשאַפט־לעכע און קולטור־פאַרבאַנדן, ערב דעם בירגער־קריג פעריאָד, האָבן געווירקט די יידישע „48ער", די קעמפערישע דעמאָקראַטן און ראַדיקאַלן. אינאיינעם מיט זייערע דייטשישע חברים האָבן זיי זיך אַריינגעוואָרפן אין שטראָם פון אַבאָליציאָניזם.

פערטער קאַפּיטל

יידן אין ליקאָלנס דריטער פּאַרטיי

אין 1854 איז זיך אין דער קאָנגרעגעישאָנעל קירך פון דעם קליי־נעם דערפל ריפּין, פון שטאַט וויסקאָנסין, צונויפגעקומען אַ הייפל מענטשן און געשאַפן די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי. די גרינדונג פון דער רעפּובלי־קאַנער פּאַרטיי שטעלט מיט זיך פאַר אַ וועגצייכן אין דעם היסטאָרישן קאַמף קעגן שקלאַפערייַ.

שוין ביי דער ערשטער קאָנווענשאָן פון דער פּאַרטיי, אין יאָר 1856, אין פילאַדעלפיע, איז קלאָר געוואָרן דער מהות פון דער נייער פּאַרטיי, וואָס האָט גרופּירט אַרום זיך מענטשן פון פאַרשיידענע סאָציאַלע קלאַסן, מיט פאַרשיידענע אידעאָלאָגישע פּרינציפּן, — וואָס זיינען אָבער געווען פאַראייניקט אין זייער שטרעבן צו לייזן די פּראָבלעם פון שקלאַפערייַ.

זינט דזשעפערסאָנס צייטן איז דער דרום געווען דער שטיצער פון דער פעדערונג, אַז דער מערב זאָל מער אינטענסיוו אַנטוויקלט ווערן, דורך אימיגראַציע און אַנדערע מיטלען. איצט אָבער האָבן די פּלאַנטאַ־טאָרס געענדערט זייער שטעלונג צו דער פראַגע וועגן אַ מער אינטענ־סיווער אַנטוויקלונג. זיי האָבן באַטראַכט דעם מערב, באַזונדערס דעם דרום־מערב, אַלס רעזערוו פאַר זייער אייגענער עקאָנאָמישער מאַכט און האָבן ניט געוואָלט אַז אומאָפּהענגיקע קליינע פאַרמערס זאָלן אַהין אַריינ־שטעלן אַ פוס. די פראַגע וועגן שקלאַפערייַ אין די טעריטאָריעס פון קענ־זעס און נעבראַסקאַ איז געווען פאַרבונדן מיט אַן עקאָנאָמישער „אישו“, די פּראָבלעם וועגן „פרייע נחלות“ („פרי האָומסטעדס“).

די „האָמסטעד“־באַוועגונג איז געווען אַ פאַרקערטע טענדענץ צו דער אויסשפּרייטונג פון שקלאַפערייַ אין די מערב־טעריטאָריעס. די פאַר־מערס האָבן געפאָדערט, אַז די פרייע מלוכה־ערדן אין די מערב־שטאַטן זאָלן געעפנט ווערן פאַר נחלות־זוכנדיקע האָרעפּאַשניקעס, אָבער די

הערשנדיקע מערהייט אין קאָנגרעס האָט אָפּגעזאָגט דורכצופירן אַ האָמ־סטעד־געזעץ, האָפנדיק אַזוי אַרום צו ברעכן די דאָזיקע באַוועגונג.

די פירער פון דער אַמעריקאַנער אינדוסטריעלער בורזשואַזיע האָבן אָנגעהויבן איינצוזען, אַז זיי נויטיקן זיך אין דער הילף פון די קליינע פאַרמערס אין דעם קאַמף פאַר מאַכט צווישן זיי און די פּלאַנטאַטאָרן. אין דעם קאָנפליקט צווישן דער קאָאַליציע פון פּלאַנטאַטאָרן און סוחרים און דער אַנטשטייענדיקער קאָאַליציע פון אינדוסטריעלע קאַפּיטאַליסטן, געשטיצט פון אַרבעטער און פאַרמערס, — האָט די לעצטע פאַרגעשטעלט מיט זיך פּראָגרעס, די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן פון דער געזעלשאַפט. דער קאַמף צו שאַפן גינסטיקע באַדינגונגען אין די פאַראייניקטע שטאַטן פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם איז צו יענער צייט, ווי קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס האָבן אָנגעוויזן [1], געווען אַ פאַרגעשריטענער קאַמף, וואָס איז געשטיצט געוואָרן פון די פאַרגעשריטענע עלעמענטן אין אַלע לענדער פון דער גאַנצער וועלט.

דער אויסגאַנג פון דעם דאָזיקן וואַקסנדיקן קאָנפליקט איז אָבער געווען אָפּהענגיק פון דעם, צי די אַנטי־שקלאַפערישע כוחות וועלן באַוויזן זיך צו פאַראייניקן, אָרגאַניזירן די ברייטע שטאַטישע דעמאָקראַטישע מאַסן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און זיי דערפירן צום זיג. דאָס שאַפן פון אַזאַ פאַראייניקטן פראָנט איז צושטאַנד־געקומען מיט דער גרינדונג פון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי.

די צווייטע נאַציאָנאַלע קאָנווענשאָן פון דער פּאַרטיי אין פילאַדעלפיע, האָט אַרויסגעשטעלט אַלס פּרעזידענט־קאַנדידאַט דעם גענעראַל דזשאָן סי. פרימאָנט, וואָס איז באַקאַנט געווען אַלס דער „וועג־ווייזער", ווייל ער איז געווען דער ערשטער רייזנדער אין ווייטן מערב צו אויספאָרשן נאָך ניט אַנטדעקטע טעריטאָריעס. פרימאָנט איז געווען אַ פאַרביסענער קעגנער פון שקלאַפעריי [2].

די פּלאַטפאָרם פון דער נייער פּאַרטיי צו די וואַלן איז געווען אַ ברייטע און איז געגאַנגען אונטער דעם לאָזונג פון די פיר פּייען („עפּן"): פּרייע ערד, פּרייע רעדע, פּרייע מענטשן, און פּרימאָנט. דער דאָזיקער לאָזונג איז ענטוזיאַסטיש אויפגענומען געוואָרן אויף די עפנטלעכע וואַלפאַראַפּאַגאַנדע פאַרזאַמלונגען. כאָטש פרימאָנט האָט ניט געזיגט און עס איז דערוויילט געוואָרן דער פּראָ־שקלאַפערישער ביוקענען, האָט אָבער

די צאָל שטימען, וואָס ער האָט געקראָגן, פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ זיג פאַר די אַבאָליציאָניסטן.

פרימאָנט האָט געקראָגן 1,341,264 שטימען — אַ דריטל פון דער צאָל, וואָס אַלע קאַנדידאַטן האָבן באַקומען. די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי איז אַרויס פון די וואַלן אַלס די צווייטע נאַציאָנאַלע פּאַרטיי אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי האָט, ווי געזאָגט, פאַראייניקט מענטשן פון פאַרשיידענע מיינונגען: פּאָליטישע ליבעראַלן, אַגראַרע דעמאָקראַטן און אַפילו אָנהענגער פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם.

אויך דער ייִד פון דער דייטשישער אימיגראַציע, באַזונדערס דער „48ער", וואָס האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי און האָט אין איר, ווי אַ יחיד, געשפּילט אַן אַקטיווע ראָלע, איז ניט געווען פון איין גוס. עס האָבן זיך געפונען אין די פאָדערשטע רייען פון דער פּאַרטיי ייִדן, וועלכע האָבן זיך צו יענער צייט כמעט ווי ניט אינטערעסירט מיט ייִדישע פּראָבלעמען, און אַזעלכע וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער נייער פּאַרטיי, ווייל זיי האָבן אין איר געזען די בעסטע פאַרטיידיקערין פון ייִדישע אינטערעסן און דער ייִדישער דעמאָקראַטישער טראַדיציע; בורזשואַזע עלעמענטן, וואָס האָבן געהאַלטן אַז די שקלאַפעריי טאַרמאַזירט דעם וואוקס פון דער אינדוסטריע און די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אינטעליגענץ, וואָס האָט דאָ פאַרגעזעצט די טראַדיציע פון אירע קאַמפן פאַר סאָציאַלן פּראָגרעס אויפן לינקן פליגל פון דער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד, — אַנטוויקלט זיך ווייטער פאַראויס צו די פּאָזיציעס פון מאָדערנעם סאָציאַליזם.

די איבערוועגנדיקע מערהייט פון די „48ער" בכלל, אין די צפון און מערב־שטאַטן, איז געווען אויף דער זייט פון די רעפּובליקאַנער און זייערע ראַדיקאַלערע עלעמענטן זיינען געווען טעטיק אין די רייען פון אַבאָליציאָניזם.

אַ מאַניפעסטאַציע פאַר דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי איז געווען די אויפנאַמע, וואָס די ייִדישע „48ער" האָבן איינגעאָרדנט פאַרן באַרימטן קעמפער פאַר ייִדישער עמאַנציפּאַציע אין דייטשלאַנד, וויצע־פּאָרזיצער פון פראַנקפורטער פּאַרלאַמענט, גבריאל ריסער, וועלכער האָט אין 1856 באַזוכט די פאַראייניקטע שטאַטן, זייענדיק שוין דער הויפּט־ריכטער פון העכסטן געריכט אין האַמבורג. אויף די קבלת־פּנים באַנקעטן, וואָס

זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן פאַר אים, איז ריסער אַרויסגעטראָטן פאַר דער דערוויילונג פון פרימאָנטן און פאַרבונדן דעם קאַמף פאַר יידישע רעכט מיט די קאַמפן פון די מיטעלע קלאַסן קעגן פעאָדאַליזם און פון די אַבאָליציאָניסטן קעגן שקלאַפעריי[3].

אַ רשימה פון אַ צאָל יידן, וואָס האָבן געמאַכט אַ בייטראַג אין דער גרינדונג און אַנטוויקלונג פון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי, ווייזט בולט דעם פאַרשיידנאַרטיקן כאַראַקטער פון די אַקטיוויסטן אין דער נייער פּאַרטיי. מיר געפינען צווישן די פירנדיקע רעפּובליקאַנער רבנים, זשורנאַליסטן, יוריסטן, לערער, סוחרים און פשוטע פאָלקס־מענטשן, אַרבעטער.

אויפן רוף פאַר דער ערשטער מאַסן־פאַרזאַמלונג, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין שיקאַגאָ פאַר דער ניי־געגרינדעטער פּאַרטיי, געפינען מיר אונטערגעחתמעט די נעמען פון די יידן גוסטאַוו שניידער — אַ זשורנאַליסט, און די סוחרים אַדאָלף לאָוב, יוליוס ראָזענטאַל און לעאָפּאָלד מייער.

צווישן די טעטיקסטע טוער פון דער דריטער פּאַרטיי אין שיקאַגאָ געפינען מיר די יידישע מיטגלידער און באַאַמטע פון שטאָט־ראָט, דעם „48ער" עדוואַרד סאַלאָמאָן און אברהם קאַהאַן, וואָס האָט אויסגעהאַפּטן די נאַציאָנאַלע פאָן מיט פאַסיקע העברעאישע פסוקים און זי צוגעשיקט לינקאָלנען צו סטימולירן דעם גרויסן רעפּובליקאַנער אַנצוגיין מיט זיין היסטאָרישער אַרבעט[4].

אין ניו־יאָרק געפינען מיר צווישן די גרינדער פון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי דעם אַדוואָקאַט יהונתן נאַטאַן, וועלכער האָט זיך קאָנסעקווענט געשטעלט אויף דער זייט פון די אַנטי־שקלאַפערישע כחות אין דער „בלוטנדיקער קענזעס"[5]. אין די פופציקער יאָרן איז געווען זייער אַקטיוו אין דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי און אין דער אַבאָליציאָניסטישער באַוועגונג דער יונגער אַדוואָקאַט אברהם י. דיטענהאָפער, וועלכער האָט אויך געפירט אַן ענערגישע מאַסן־אַקציע פאַר דער דערוויילונג פון פרימאָנטן און שפּעטער פון לינקאָלנען.

ווי דיטענהאָפער אַליין דערציילט, האָט ער געביטן זיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען און פאַרלאָזן די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, ריזיקירנדיק מיט זיין קאַריערע, צוליב דעם איינדרוק וואָס אַ געוויסע דעבאַטע פון צוויי סענאַטאָרן האָט געמאַכט אויף אים. דאָס איז געווען אַן ענטפער פון בענדזשאַמין פ. וועיד, סענאַטאָר פון אָהייאָ, אויף אַ רעדע פון „דעם

גייסטרייכן פראָ־שקלאַפערישן סענאַטאָר פון לואיזיאַנאַ, יהודה פּ. בענ־דזשאַמין, אַ „העברעער מיט עגיפּטישע פּרינציפּן" [6]).

צווישן די אַקטיווסטע יידישע רעפּובליקאַנער אין די גרענעץ־שטעט זיינען געווען דער יידיש־דייטשישער זשורנאַליסט און גרינדער פון „בני ברית", איזידאָר בוש, אַ פירער אין דער סט. לואיסער אַנטי־שקלאַפעריי באַוועגונג אין יאָר 1850, וועלכער האָט פאָרגעזעצט זיין קאַמף אַפילו אין די צייטן פון בירגער־קריג און רעקאָנסטרוקציע.

אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי האָבן פאַר־נומען די „48ער" לואיס נ. דעמביץ און אַדאָלף בראַנדייס פון לואיוויל, קענטאַקי, און דר. יוסף גאָלדמאַרק פון ניו־יאָרק, וועלכער האָט אין 1848 אָנגעפירט מיטן באַריקאַדן־אויפשטאַנד פון „אַקאַדעמישן לעגיאָן" אין ווין.

„די לאָיאַלקייט, וואָס די „48ער" האָבן אַרויסגעוויזן פאַר דער גאַנצ־קייט פון פאַרבאַנד — שרייבט די טאָכטער פון יוסף גאָלדמאַרק אין איר אינטערעסאַנטער פאַמיליע־כראָניק וועגן דער פאַמיליע גאָלדמאַרק־בראַנ־דייס, — איז געווען אַ רעזולטאַט פון זייערע אַנטי־שקלאַפערישע גע־פילן און איבערצייגונגען". דער אָנבליק פון שקלאַפעריי, אַפילו אין אַ מילדער פאָרם, האָט אַרויסגערופן אין דער משפחה אַ באַרעכטיקטן צאָרן. „ווען די טעכטער פון וועלע (פרעדריקאַ בראַנדייס און רעגינאַ גאָלדמאַרק) זיינען איין מאָל אַריבערגעגאַנגען דעם אָהייאָ־טייך פון דער פרייער מעדיסאָן, אינדיאַנאַ, צו קליינע יאַגדעס אויף דער זייט פון קענטאַקי, וואו עס האָט געהערשט די שקלאַפעריי, זיינען זיי אויפגעשווידערט גע־וואָרן פון דער סצענע, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר זייערע אויגן; דאָס בילד פון שקלאַפן, וועלכע האָבן געאַרבעט אין די פעלדער. אַ נעגערשע שקלאַפין וואָס זיי האָבן געזען אין אַ הויז פון זייערע פריינט, וועלכע האָבן געוואוינט אין אַ ווילע לעבן מעדיסאָן, האָט אָנגעפילט זייערע הערצער מיט צער און רחמנות".

די שרייבערין פון דער פאַמיליען־געשיכטע פאַרגעסט אויך ניט צו דערמאָנען אַז „אין קענטאַקי, וואו די בראַנדייס פאַמיליע האָט געלעבט אין יאָר 1861, האָט זיך געפאָדערט אַ סך מוט צו זיין אַבאָליציאָניסטן" (קעגנער פון שקלאַפעריי).

אַ הויפּט־פיגור אין דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי און אַ מיטגרינדער פון איר ניו־יאָרקער אָפּטייל איז געווען דער פירער פון דער דייטשישער

קולטור־און־גימנאַסטיק אָרגאַניזאַציע, זיגיסמונד קאַופמאַן, וועלכער האָט נאָך אין יאָר 1850 געגרינדעט דעם „סאָציאַלן טורנער פאַראיין", וואָס האָט פון אָנהייב אָן געהאַט אַ סאָציאַליסטישע פּראָגראַם.

קאַופמאַן איז געווען פון די טעטיקסטע פּראָפּאַגאַנדיסטן אין דער וואַל־קאַמפּאַניע פון פּרימאַנטן און שפּעטער פון לינקאָלנען.

דער היסטאָרישער גורל פון דעם אַמעריקאַנער אַרבעטער־קלאַס איז געווען פאַרבונדן מיט דער אויפגאַבע פון באַזייטיקן די קרעפטן, וואָס האָבן געשטערט דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם. אין דעם פּרט איז פאָרגעקומען אין אַמעריקע אַן איבער־חזרונג פון דעם, וואָס איז פאָרגעקומען אין אַלע בורזשואַ־דעמאָקראַטישע רעוואָלוציעס: דער קאָנפליקט צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל ווערט צייט־ווייליק אָוועקגערוקט דורך דער גרויסער אָנשטרענגונג אין דעם הויפּט־קאָנפליקט פון דעם אַנטשפּרעכנדן מאָמענט; אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז דאָס געווען דער קאָנפליקט צווישן קאַפּיטאַליזם און דער שקלאַפן־אָרדענונג, אין דייטשלאַנד — צווישן דער בורזשואַזיע און דעם פעאָדאַליזם.

קאַרל מאַרקס האָט באַצייכנט די היסטאָרישע אויפגאַבע פון אַמע־ריקאַנער אַרבעטער־קלאַס אין זיין באַרימט־געוואָרענער דערקלערונג: „דער אַרבעטער מיט אַ ווייסער הויט קאָן ניט זיין פריי, כל זמן דער אַרבעטער מיט אַ שוואַרצער הויט איז ניט פריי". כדי דער אַרבעטער־קלאַס זאָל קאָנען פאַרווירקלעכן זיין אייגענע היסטאָרישע קלאַסן־אויפ־גאַבע — אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט — האָט ער פריער געמוזט שאַפן די באַדינגונגען פאַר זיין אייגענער אַנטוויקלונג. אויף אַ גע־וויסן פעריאָד זיינען דעריבער די אינטערעסן פון די אַמעריקאַנער אַר־בעטער צונויפגעפאַלן מיט דער היסטאָרישער אויפגאַבע פון דער אַמע־ריקאַנער אינדוסטריעלער בורזשואַזיע.

די שייכות צווישן דער אַנטי־שקלאַפעריי באַוועגונג און דעם מאַרק־סיזם האָבן דערזען די ערשטע מאַרקסיסטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דער דייטש יאָזעף ווידעמייער, וואָס האָט דער ערשטער פאַרשפּרייט קאַרל מאַרקס' שריפטן און אידעען צווישן די אַמעריקאַנער אַרבעטער, איז גע־וואָרן איינער פון די טעטיקסטע פירער אין דייטשישן טורנער־פאַראיין, אַ מיטאַרבעטער אין דער דייטשיש־אַמעריקאַנער פרעסע און אַן אַקטיווער פּראָפּאַגאַנדיסט קעגן שקלאַפעריי.

אינאיינעם מיט ווידעמייערן האָבן אָנטייל גענומען אין דער אַבאָ־

ליציאָניסטישער באַוועגונג יידן־סאָציאַליסטן פון מאַרקסיסטישער אָנ־שויאונג ווי דער „48ער" דר. אברהם יאַקאָבי, אַ פּאַראורטיילטער אויפן קאָמוניסטן־פּראָצעס אין קעלן; דער פירער פון „קאָמוניסטן־קלוב" אין ניו יאָרק פרידריך יאַקאָבי, שפּעטער אַ העלד אויף די פּאָדערשטע פּאָזיציעס פון לינקאָלנס אַרמייען, און יידן־סאָציאַליסטן — וואָס האָבן דעם סאָציאַליזם וויסנשאַפטלעך ניט פאָרמולירט — ווי זיגיסמונד קאופמאַן און אהרן פראַנק און דער געוועזענער קעמפער אויף די פּאַריזער באַריקאַדן אין דער רעוואָלוציע פון 1848, מאיר טהאלמעסינגער.

די דאָזיקע סאָציאַליסטן האָבן געזען אין דער פאַרפעסטיקונג פון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי און דער פאַרניכטונג פון שקלאַפעריי דעם וועג, וואָס עפנט נייע האָריזאָנטן פאַר דער דעמאָקראַטיזאַציע פון אַמע־ריקע, פאַר די אַרבעטער־מאַסן און פאַר די אונטערדריקטע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וואָס קאָנען עקזיסטירן נאָר אין אַ פרייער דעמאָקראַטישער רעפּובליק.

1. אייבערעהעם דזשאָנאַס — לינקאָלנס יידישער פריינט

פון די אַקטיווע מיטגלידער אין דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי און גרויסע יידישע אָנהענגער פון אייבערעהעם לינקאָלן הייבט זיך באַזונדערס אַרויס די פיגור פון אַן ענגלישן יידן אייבערעהעם דזשאָנאַס. לינקאָלן אַליין האָט אים באַצייכנט פאַר „איינעם פון מיינע ווערטפולסטע פריינט" [7].

אייבערעהעם דזשאָנאַס איז געבוירן געוואָרן אין ענגלאַנד, אין 1801. ווען ער איז אַלט געוואָרן פופצן יאָר איז זיינער אַ ברודער אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע און זיך באַזעצט אין סינסינעטי, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ וויכטיקער צענטער אין די וואַקסנדיקע מיטל־מערב שטאַטן.

דריי יאָר נאָך דעם, ווי יענער ברודער איז אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע, האָט ער אַרויסגעפאָדערט זיין יינגערן ברודער, אייבערעהעם. ווען אייבערעהעם איז געקומען קיין סינסינעטי, האָט ער זיך באַטייליקט אין דער גרינ־דונג פון דער קאָנגרעגיישאָן „בני ישראל", וואָס איז געווען די ערשטע יידישע קהלה אין דעמאָלטיקן מערב. ער איז געווען איינער פון די, וואָס האָבן איינגעשאַפט אַ בית־עלמין פאַר דער יידישער קהלה. ער האָט געהייראַט מיט אַ טאָכטער פון באַרימטן רב אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע, גרשם מענדעס סייסאַס, דער רב פון דער פּאָרטוגעזיש־יידישער קהלה „שארית ישראל".

נאָכן אָפּזיין אַ צייט אין סינסינעטי, איז דזשאָנאַס אַוועק קיין קענטאַקי און נאָכדעם קיין אילינאָי. איןביידע שטאַטן האָט ער זיך באַטייליקט אי געזעלשאַפטלעך — אין דער מאַסאָנען באַוועגונג — און אי פּאָליטיש. אין קענטאַקי איז איבערעהעם דזשאָנאַס געווען אַ גרענד־מאַסטער פון די מאַסאָנען אין שטאַט און אַ מיטגליד אין דער לעגיסלאַטור פיר יאָר צייט. אין יאָר 1838 קומט דזשאָנאַס אָן קיין קווינסי, אילינאָי, וואו ער מאַכט דורך אַ קאַריערע — ענלעך צו לינקאָלנס ערשטע טריט אין דער פּאָליטיק. ער ווערט אַן אַדוואָקאַט און ווערט אויסגעקליבן אין דער לעגיסלאַטור פון אילינאָי — ווי לינקאָלן. מיט דער צייט איז איבערעהעם דזשאָנאַס געוואָרן דער „פּאָסט־מייסטער" פון קווינסי — אַן אַמט, צו וועלכן דריי פּרעזידענטן האָבן אים באַשטימט (טעילאָר, פילמאָר און לינקאָלן).

דזשאָנאַס האָט זיך באַפריינדעט מיט לינקאָלנען אין אָנהייב פון די פופציקער יאָרן. אין יאָר 1854 האָט דזשאָנאַס אַרונטערגעבראַכט לינקאָלנען צו האַלטן אַ פּאָליטישע רעדע אין קווינסי, כדי צו העלפן דעם „וויג"־קאַנדידאַט, נאָכדעם ווי סטעפאַן דאָוגלאַס האָט דאָרטן גערעדט פאַרן דעמאָקראַטישן קאַנדידאַט.

אין יאָר 1856 זיינען זיי שוין ביידע, דזשאָנאַס און לינקאָלן, אַרויס פון דער „וויג"־פּאַרטיי און זיינען געווען מיטגלידער פון דער נייער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי. אין יאָר 1858 ווען דער באַרימטער רעדאַקטאָר פון ניו יאָרקער „טריוביון", האָרעיס גרילי, איז געקומען קיין קווינסי, און די פירנדיקע רעפּובליקאַנער האָבן געהאַט מיט אים אַ פּאָליטישע באַראַטונג, האָט דזשאָנאַס אַרויפגעבראַכט לינקאָלנס נאָמען ווי אַ פּאַסיקן קאַנדידאַט פאַרן פּרעזידענט־אַמט. מען האָט זיין פאָרשלאַג נאָך דעמאָלט ניט גענומען ערנסט, אָבער ער האָט ניט אויפגעגעבן זיין האָפנונג, אַז זיין פריינט לינקאָלן וועט יאָ אַרויסגעשטעלט ווערן פאַר קאַנדידאַט.

ווען לינקאָלן איז באַשטימט געוואָרן אַלס קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט, האָט מען אויף אים פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז ער האָט אַמאָל באַלאַנגט צו דער „נאָו־נאַטינג" (ווייס פון גאָרניט) פּאַרטיי און איז אַפילו געווען אויף זייערן אַ צוזאַמענפאָר אין קווינסי, אין יאָר 1854, — גראָד די צייט, ווען לינקאָלן איז געקומען קיין קווינסי אויף דזשאָנאַסעס איינלאַדונג און פאַרבראַכט די גאַנצע צייט מיט אים. אָט די באַשולדיקונג איז געווען עפּעס, וואָס האָט געשטעלט דעם קאַנדידאַט לינקאָלן אין אַ היפּשער פאַרלעגנהייט.

פאַר די אימיגראַנטישע עלעמענטן, וואָס האָבן געהאַט אַ סך שטימען אין סטראַטעגישע שטאַטן, איז אַט דער קלאַנג געווען אַ פּלעק אויף לינקאָלנס פּערזאָן. ווארים די „נאָו נאַטינג"־פּאַרטיי האָט, ווי באַוואוסט, געהאַט אין איר פּראָגראַם אַ פּונקט — אָוועקצונעמען די פּאָליטישע רעכט פון נאַטוראַליזירטע בירגער אַפילו און זיי אַוועקשטעלן אין דער קאַטע־גאָריע פון צווייט־קלאַסיקע בירגער. פון שטאַנדפּונקט פונעם אימיגראַנטישן „וואָוט" (שטימען אין די וואַלן) האָט לינקאָלן געדאַרפט אַרויסקומען און אָפּלייקענען דעם קלאַנג — וואָס איז דאָך געווען אַ פאַלשער — און זיך אָפּשאָקלען פון די „נאָו־נאַטינג" עלעמענטן.

ווי אַ פּערזענלעכער פריינט און טעטיקער „קאַמפּעינער" (פּראָפּאַ־גאַנדיסט) פאַר לינקאָלנען, איז אייברעהעם דזשאָנאַס געוואָרן זייער באַ־זאָרגט וועגן דעם און ער האָט וועגן דעם ענין געשריבן צו לינקאָלנען.

עס איז פאַרבליבן אַ בריוו פון אייברעהעם לינקאָלנען צו אייברעהעם דזשאָנאַס, וואו ער לייקנט, אַז ער האָט אַמאָל געהערט צו יענער פּאַרטיי. לינקאָלן דערמאָנט אין זיין בריוו דזשאָנאַסן אין אַלע פּרטים פון זיין באַזוך אין קווינסי, וואו ער איז די גאַנצע צייט, ביז שפּעט ביינאַכט, געווען אין זיין (דזשאָנאַסעס) געזעלשאַפט און אין דער געזעלשאַפט פון אַנדערע, און זיי האָבן אים צום סוף צוגעפירט צום האָטעל, וואו ער איז געגאַנגען שלאָפן.

דזשאָנאַס איז געווען זייער אַקטיוו אין קאַמפּעין פאַר לינקאָלנס דער־וויילונג. ער איז אַרומגעפאָרן צוזאַמען מיטן קאַנדידאַט פאַר סענאַטאָר פון אילינאָי (לינקאָלן) און געהאַלטן רעדעס אויף פאַרזאַמלונגען. דער קאָנטאַקט צווישן לינקאָלן און זיין יידישן פריינט דזשאָנאַס האָבן ניט אויפגעהערט נאָך לינקאָלנס דערוויילונג. הגם דזשאָנאַס אַליין האָט פון לינקאָלנען קיין טובה ניט געבעטן, האָט אים לינקאָלן באַשטימט (אָדער ווידער־באַשטימט) פאַר פּאָסט־מייסטער פון קווינסי.

בעתן בירגער־קריג האָט געטראָפן אַ געשיכטע מיט איינעם פון מיזורי, וועמען מען האָט באַשולדיקט אין אומלאָיאַליטעט צו דער רע־פּובליק. ער איז געווען אַרעסטירט אין קווינסי. לינקאָלן איז פאַרוואָרפן געוואָרן מיט פּעטיציעס, אַז די קלאַנגען קעגן יענעם זיינען אומבאַגרינ־דעט, האָט לינקאָלן געשריבן צום קריגס־סעקרעטאַר, ער זאָל די זאַך איבערלאָזן צו „אבראַם דזשאָנאַס", יענער זאָל די זאַך אַנטשיידן. „ער איז, — האָט לינקאָלן געשריבן, — אַ לאָיאַלער מענטש מיט שכל"[8].

איבערהעם דזשאָנאַס און אַנדערע אָנגעזעענע געזעלשאַפטלעכע יידי־
שע טוער פון דער דייטשישער אימיגראַציע, וואָס זיינען געווען אַבאָ־
ליציאָניסטיש געשטימט, האָבן אויך געמאַכט אַ גרויסן בייטראַג פאַר דער
זאַך פון דער „יוניאָן" (פאַרבאַנד) אין די יאָרן פון גרויסן אַמעריקאַנער
בירגער־קריג.

פינפטער קאַפּיטל

דער יידישער אַבאָליציאָניזם אין בירגער-קריג

1. „באַשיצט די אַמעריקאַנער פאָן"

גלייך נאָכן באַשיסן דעם „פאָרט-סאַמטער" אין דרום קאַראָליינאַ, ווען עס איז קלאָר געוואָרן, אַז די פאַראייניקטע שטאַטן קאָנען אויפגעהאַלטן ווערן נאָר דורך דער באַוואָפנטער מאַכט פון דעם פאָלק, האָט די יידישע פּרעסע גערופן די יידישע באַפעלקערונג נאָכצוטאָן דעם ביישפּיל פון זייערע עלטערן אין דער צייט פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע און אין דעם קריג פון 1812.

דעם 26טן אַפּריל 1861 איז אין „דזשואיש מעסענדזשער" דערשינען דער דאָזיקער רוף:

„...די צייט פון דולדן און אָפּלייגן איז אַריבער. איצט איז די צייט פאַר מעשים. מיר זיינען זיכער, אַז די אַלע וואָס וועלן לייענען די דאָזיקע ווערטער, וועלן ניט בלייבן הינטערשטעליק און באַגרייפן די פליכט, וואָס איז אויף זיי אַרויפגעלייגט געוואָרן — זיי וועלן זיך שטעלן ווי איין מאַן פאַר די פאַראייניקטע שטאַטן און פאַר דער קאָנסטיטוציע. די פאַראייניקטע שטאַטן, וועלכע בינדן צונויף, דורך אַזויפיל הייליקע פעדים, מיליאָנען פרייע בירגער, די שטאַטן, וועלכע גיבן אַ האַרציקע אויפנאַמע צו די אונטערדריקטע פון אַלע פעלקער און גיבן זיי אַ געצעלט און זיכערקייט, — זאָל דאָס אַלץ ווערן צעריסן, צעשטערט, אָדער אַפילו עטוואָס געמינערט ווערן? זאָלן די, וועמען מיר האָבן אַמאָל גערופן ברידער, קריגן אונדזער סאַנקציע איבערצוקערן די געביידע, וועלכע איז אויפגעשטעלט געוואָרן דורך די נאָבעלע פּאַטריאָטן פון דער רעוואָלוציע און איז צעמענטירט געוואָרן מיט זייער בלוט? און די קאָנסטיטוציע, וועלכע גאַראַנטירט אַלעמען פרייהייט, גערעכטיקייט און גלייכהייט, וואָס איז די שטאָלץ פון אַלע אַמעריקאַנער און די באַוואונדערונג פון דער גאַנצער וועלט, — זאָל די דאָזיקע קאָנסטיטוציע גיין צו גרונט, זאָל אַנאַרכיע פאַרנעמען

דעם פּלאַץ פון אַ שטאַנדהאַפטיקער, זיכערער און סטאַבילער רעגירונג, וואָס פירט דורך דעם ווילן פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק?

„די שטים פון נאָך־ניט־געבוירענע מיליאָנען שרייט אויס: „זאָל אונדז גאָט באַהיטן!" די שטים פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק האָט זיך גאַנץ קלאָר אויסגעשפּראָכן: „דאָס טאָר ניט געשען!"

„פאַרזאַמלט זיך אַרום דער אַמעריקאַנער פאָן! וועלכער טויט קען זיין אַזוי גלאָררייך ווי דער טויט פון אַ פּאַטריאָט, וועלכער לייגט אַוועק זיין לעבן פאַר דער פאַרטיידיקונג פון זיין לאַנד, פאַרגיסנדיק זיין בלוט אויפן שלאַכטפעלד, — כדי זיין אָנדענק זאָל אייביק לעבן אין די הערצער פון אַ דאַנקבאַר פאָלק? צי דו ביסט אַ הי־געבוירענער צי ניט, שטעל זיך אונטער דער פאָן און דערפיל דיין חוב אויף דער זייט פון פרייהייט און גערעכטיקייט!"

דער דאָזיקער לייט־אַרטיקל איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין דער פּרעסע פון לאַנד און איז באַגריסט געוואָרן פון די אַבאָליציאָניסטישע צייטונגען.

דאָס ניו־יאָרקער אַנטי־שקלאַפערישע וואָכנבלאַט „אינדעפּענדענט", האָט געשריבן: „דער דאָזיקער טאָן פון רייפן און זעלבסשטענדיקן פּאַטריאָטיזם מעג נאָכגעפאָלגט ווערן פון געוויסע אויסגעשפּראָכענע קריסטלעכע רעדאַקטאָרן, וואָס כאָטש זיי זיינען געבוירן און דערצויגן געוואָרן אונטער דער פאָן פון די פאַראייניקטע שטאַטן, סימפּאַטיזירן זיי אויף אַ פּאַסיוון אופן מיט יענע, וועלכע ווילן צעשטערן דעם פאַרבאַנד" [1].

דער קאָנסערוואַטיווער אָרגאַן, דער „מעסענדזשער", אונטער דער רעדאַקציע פון דר. אייזיקס, האָט פאַרטיידיקט די אייניקייט פון פאַרבאַנד, אונטערשטרייכנדיק, אַז ער סימפּאַטיזירט ניט מיט די אַבאָליציאָניסטן, אָבער ער איז פאַר דער אויפהאַלטונג פון פאַרבאַנד.

ווי שוין דערמאָנט, האָבן זיך אין דער זעלבער צייט געפונען געווע יידישע פירער און גאַנצע געמיינדעס פון די דרום־שטאַטן וועלכע האָבן פולשטענדיק געשטיצט די „רעוואָלוציע" פון דזשעפערסאָן דעיוויסעס קאָנפעדעראַטיווער מלוכה אין דרום־ריטשמאָנד. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט די „היברו קאָנגרעגיישאָן" פון שריוופּאָרט, לואיזיאַנאַ, אָנגענומען אַ רעזאָלוציע אין חודש מאַי, 1861, קעגן דעם לייט־אַרטיקל פון „מעסענדזשער" צו באַשיצן די פאָן און באַשלאָסן אָפּצושטעלן די אַבאָנענטן

אויפן „מעסענדזשער", ווייל זיי האָבן געזען אין דער שריפט „אַ שונא פון אונדזערע אינטערעסן און וואוילזיין" [2].

די איבערוועגנדיקע מערהייט יידן פון די צפון־מזרח און צפון־מערב שטאַטן האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון לינקאָלן, קעגן דעם דרום.

2. יידן און די „דרעפט־ראַיאָטן" פון ניו יאָרק

לינקאָלנס רוף פאַר וואָלונטירן אין די אַרמייען איז באַגעגנט געוואָרן מיט אַ שנעלן אָפּרוף מצד די יידן. מען שאַצט אַז לינקאָלנס פעדעראַלע אַרמייען האָבן געהאַט זעקס טויזנט יידישע סאָלדאַטן. פון ניו יאָרק אַליין האָבן צוויי טויזנט יידן זיך אָנגעשלאָסן אין דער צפון־אַרמיי.

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז דער יידישער אָנטייל אין איינשטילן די ראַיאָטן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין ניו־יאָרק אין יולי, 1863, ווען די רעגירונג האָט איינגעפירט געצוואונגענעם מיליטער־דינסט.

די קעגנערשאַפט צו געצוואונגענער מיליטער־דינסט, וואָס איז אויך געווענדט געוואָרן קעגן די אַנטי־שקלאַפערישע קרעפטן, האָט אויסגעבראָכן אין אַן אָפענעם ראַיאָט קעגן נעגערס און אָנהענגער פון אַבאָליציאָניזם, איינגעשלאָסן די יידישע רעפּובליקאַנער און קעמפער קעגן שקלאַפעריי.

דער יידישער פירער פון דער רעפּובליקאַנער פאַרטיי אין ניו יאָרק און דער פריינט פון אייבערהעם לינקאָלן, אברהם י. דיטענהאָפער, האָט מיט יאָרן שפּעטער איבערגעגעבן אינטערעסאַנטע איינצלהייטן וועגן די טרויעריק־באַרימטע „דרעפט־ראַיאָטן". דיטענהאָפער שרייבט:

„דער שוידער פון יענע דריי טעג איז נאָך ניט באַשריבן געוואָרן אין זיין גאַנצן פאַרנעם.

„אָנגעפירט און דערמוטיקט פון די דרומדיקע סימפּאַטיקער, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן ביי זייערע פּראָ־שקלאַפערישע סענטימענטן פון פאַרן קריג, האָט דער אָפּפאַל פון שטאָט זיך געלאָזט אויף די גאַסן, האָט פאַרניכטעט אייגנטום, פאַרברענט דאָס נעגערשע יתומים־הויז און דערמאָרדעט שוואַרץ־הויטיקע מענטשן, ווי אַ פּראָטעסט קעגן געצוואונגענעם מיליטער־דינסט. די ראַיאָטן האָבן אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַן אויפשטאַנד, וואָס דער געפערלעכער עלעמענט פון ניו יאָרק האָט אויפגעהויבן.

„איך האָב דעמאָלט געוואוינט אויף דער 34טער גאַס, לעבן דער 8טער עוועניו. איך בין געווען פּרינציפּיעל קעגן דער אָנהאַלטונג פון שקלאַפערײַ און פאַר דער פעדעראַלער זאַך.

„איין טאָג פאַרן אויסברוך פון די ראַיאָטן, האָב איך באַקומען צו־געשיקט אַן אַנאָנימען בריוו, וואָס האָט געלאָזט וויסן, אַז מען קלייבט זיך צו באַפאַלן מײַן וואוינונג און מען וואָרנט אונדז צו פאַרלאָזן ניו־יאָרק. איך האָב זיך ניט צוגעהערט צו דער וואָרנונג.

„דעם 13טן יולי, 1863, דעם ערשטן טאָג פון די ראַיאָטן, האָט זיך פאַרזאַמלט אַ המון לעבן מײַן טיר, וואָס האָט געשריען: „אַרונטער מיט דעם אַבאָליציאָניסט!" „אַ טויט דיטעגהאָפערן!"

„איך האָב צו־וויסן געגעבן דער פּאָליציי און זי האָט געשיקט אַן אָפּטיילונג, וואָס איז אָנגעקומען פּונקט צו דער רגע, ווען די פירער פונעם „מאַב" (באַנדע) האָבן זיך געלאָזט אַרייַנברעכן אין מײַן וואוינונג. די פּאָליציי האָט צעטריבן דעם המון און דער קאַפּיטאַן האָט באַפוילן דער פּאָליציי אָנצוהאַלטן אַ וואַך לעבן מײַן הויז ביזן סוף פון די ראַיאָטן"[3].

3. רעבעקאַ גראַץ און דער בירגער־קריג

אַ באַזונדערס גלאָררייכן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון יידישן בײַ־טראָג צו דער פאַרטיידיקונג פון דער גאַנצקייט פון די שטאַטן אין פאַר דער אָפּשאַפונג פון שקלאַפערײַ האָבן אַרײַנגעשריבן די יידישע פרויען.

די שוין דערמאָנטע ערנעסטין לואיז ראָוז, האָט צוזאַמען מיט די קעמפערינס פאַר פרויען־רעכט און די אַבאָליציאָניסטקעס עליזאַבעט קעידי סטענטאָן, סוזען ב. אַנטאָני, די שוועסטער גרימקע און אַנדערע, אָרגאַניזירט די „נאַציאָנאַלע און לאָיאַלע פרויען־ליגע" („ווימענס נע־שאָנעל ענד לאָיעל ליג"). די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט זיך געשטעלט פאָלגנדיקע צילן: 1) אָרגאַניזירן אַ מאַסן־פאָדערונג פאַר דער באַפרייאונג פון די שקלאַפן און דער באַוואָפנונג פונעם נעגערשן פאָלק; 2) באַזיגן די „קופּער־שלאַנגען" („קאַפּערהעדס"), די „פינפט־קאָלומניקעס" אין די יאָרן פון די בלוטיקע שלאַכטן. יידישע פרויען זײַנען געווען אַקטיוו אין דער קאַמפּאַניע פון דער דאָזיקער „ליגע" צו זאַמלען אונטערשריפטן פאַר אַ פּעטיציע, וועלכע האָט אויפגעפאָדערט פּרעזידענט לינקאָלנען ער זאָל פאַרעפנטלעכן אַ פּראָקלאַמאַציע וועגן עמאַנציפּאַציע[4].

די באַרימטע אַמעריקאַנער־יידישע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־

טוערין רעבעקאַ גראַץ, די לאַנג־יאָריקע פריינדין פון אַמעריקאַנער שרייבער וואַשינגטאָן אירווינג, וועלכע איז דער פּראָטאָטיפּ פון וואַלטער סקאָטס קלאַסישן ראָמאַן „איוואַנאַהו" — „די שיינע רעבעקאַ" — האָט פּאַרטיידיקט די פּרינציפּן פון די צפון־כחות אינעם בירגער־קריג.

אין דער אָנגעזעענער און רייכער גראַץ־פאַמיליע האָבן זיך געפונען אַבאָליציאָניסטן. רעבעקאַס ברודער, בענדזשאַמין גראַץ, פון לעקסינגטאָן, קענטאַקי, האָט נאָך ערב דעם בירגער־קריג באַפרייט זיינע שקלאַפן. זיין שוועסטער האָט אין די פּופּציקער יאָרן גראַד גענומען אַ מעסיקע שטעלונג צום פּראָבלעם פון שקלאַפעריי. זי האָט, צום ביישפּיל, רעאַגירט אויף דעם דזשאָן בראַון אויפשטאַנד אין „האַרפּערס פערי" מיט די ווערטער: „דער מיזעראַבעלער געשעפט פון „האַרפּערס פערי" וועט זיכער אויסגענוצט ווערן אַנצוהאַלטן די אויפרעגונג. איך האָף אַז ווען די עקזעקוציעס (אויף דזשאָן בראַון און זיינע לייט) וועלן פאַרבייגיין, וועט ווידער זיין שלום".

אַזוי האָט די באַרימטע יידישע פרוי פון פילאַדעלפיא געשריבן אין אַ בריוו צו איר ברודער, דעם 12טן דעצעמבער, 1959. ווען דער בירגער־קריג איז אויסגעבראָכן האָט זי זיך אָבער געשטעלט קאָנסעקווענט אויפן גערעכטן צד פון לינקאָלנס אַרמייען.

מיט קלאָרע ווערטער האָט רעבעקאַ גראַץ פאַרדאַמט די „סעסעסיע" פון די דרום־שטאַטן. די פאָלגנדיקע אויסצוגן פון אירע בריוו צו איר פאַמיליע, אין יאַנואַר 1861, שאַפן אַ קלאָר בילד וועגן רעבעקאַס סימפּאַטיעס מיט די קעמפערישע צפון־שטאַטן.

„די סעסעשיאָניסטן וועלן ברענגען חורבן אויף זייערע אייגענע קעפּ און אַ טיפן אומגליק אויפן גאַנצן לאַנד.

„זאָל גאָט העלפן דער „יוניאָן" און וואַכן איבער יענע, וואָס אַרבעטן פאַר איר אויפהאַלט".

רעבעקאַ גראַצס פּלימעניק, דער יינגסטער זון פון בענדזשאַמין, איז דעם 10טן אויגוסט 1861 דערהרגעט געוואָרן אין דער שלאַכט פון ווילסאָן קריק, מיזורי. אין אַ טרייסט־בריוו צו איר ברודער האָט רעבעקאַ אויסגעדריקט איר האָפנונג אַז „אונדזערע לאָיאַלע זין וועלן איבערוועגן די רעבעלן און זיי, די רעבעלן, וועלן מורא האָבן ווייזן זייערע פּנימער".

מיט שאַרפע ווערטער האָט זי, אין אַ צווייטן בריוו, פאַרדאַמט דעם שטאַטס־סעקרעטאַר קאַס, פון ביוקענענס קאַבינעט (1857־1860), וואָס איז

געווען דער פּאָרזיצער פון אַ קאָנווענשאָן פון די אָפּגעריסענע דרום־שטאַטן. זי האָט געשריבן: „וועלכער פּאַרשטאַנדיקער און אָרנטלעכער מענטש וועט באַאיינפלוסט ווערן פון אַ מענטשן, וואָס האָט פאַרנומען אַן אַמט אין אַ רעגירונג, וועלכע ער אַליין האָט געהאָלפן אונטערגראָבן... די דאָזיקע שרעקלעכע רעבעליע האָט הידראַ־קעפּ. מען דאַרף זיך באַמיען אַז קענטאָקי זאָל בלייבן אין פאַרבאַנד פון די שטאַטן".

אין מיטן דעם פלאַקער פון ברודער־קריג האָט רעבעקאַ גראַץ אויסגעדריקט איר גלויבן, אַז די פרייע כחות וועלן זיגן. „אונדזער שטאָט (פילאַדעלפיע) איז אין דער מערהייט אויף דער זייט פון פאַרבאַנד, און ניט געקוקט אויף דעם, וואָס מעכטיקע שטורעם־ווינטן בושעווען נאָך, יאוש און האָפענונג האַלטן זיך אין איין טוישן, גייט־אויף אין מיר די האָפענונג, אַז עס וועט אויפקומען אַ פרישע און באַגרינטע וועלט". (דייוויד פיליפּסאָן: בריוו פון רעבעקאַ גראַץ, פילאַדעלפיע, 1929).

4. אַנטיסעמיטישע טענדענצן און פאַרטיידיקונג פון יידישע רעכט

אין דער דעבאַטע וועגן דעם געזעץ האָבן די רעאַקציאָנערע מיט־גלידער פון „הויז" ביטער אַטאַקירט די אויסלענדער און באַזונדערס די יידן. דער פאָרשטייער פון ווירדזשיניאַ, באָלדווין, האָט דערקלערט אַז „עס איז צייט צו פּראָטעסטירן קעגן דעם וואָס ריטשמאָנד ווערט אַ שטאָט פון אויסלענדער און אַן אַנטרינונגס־פּלאַץ פאַר אויסלענדישע אַוואַנטיוריסטן". דער פאָרשטייער פון פלאָרידאַ, הילטאָן, האָט דערקלערט, אַז „די יידן האָבן באַדעקט דעם דרום ווי די היישעריקן פון מצרים. זיי עסן אויף די פּראָדוקטן פון לאַנד, זיי מאָנאָפּאָליזירן דעם האַנדל. זיי דאַרפן מיט געוואַלט געשלעפּט ווערן צו מיליטער־דינסט"[5].

די שרעקלעכע מפּלות אויף די שלאַכטפעלדער, אין דער צייט ווען געוויסע סוחרים, — צווישן זיי אויך אַ צאָל יידן, — האָבן געשאַרט גאָלד פון מלחמה־פּראָפיטן, דורך שמוגלען סחורות איבער די פראָנט־ליניעס, האָט באַוואויגן די רעאַקציאָנערע סענאַטאָרן צו מאַכן אַלע יידן, אַן אויסנאַם, פאַרן זינד־באָק. זיי האָבן באַשולדיקט די יידן ווי די איינציקע מלחמה־פּראָפיטירער און דעם קאָנפעדעראַטיוון שטאַטס־סעקרעטאַר, פון יידישן אָפּשטאַם, יהודה פ. בענדזשאַמין, אין פּאָליטישן פאַוואָריטיזם צו די קינדער פון זיין שטאַם.

די יידן זיינען פון צייט צו צייט אויך געווען דער ציל־ברעט פון

פאַנאַטישע, ראַסן־העצערישע אַטאַקעס אין דער פּרעסע פון צפון. בשעת די דרומדיקע פּרעסע האָט געשריבן, אַז „אין טשאַרלסטאָן, סאַוט קאַראָ־ליינאַ, קען מען טרעפן מער יידן ווי אין ירושלים, און אַלע שטודירן פליסיק די פּרייזן פון סחורות״ [6], האָבן עטלעכע צפונדיקע צייטונגען אָנגעוויזן אויפן פאַקט, וואָס יידישע סאָלדאַטן געפינען זיך אין דער קאָנפעדעראַטיווער אַרמיי, און געצויגן שלוסן, אַז יידן זיינען פאַררעטער צום לאַנד.

די יידיש־ענגלישע פּרעסע האָט ניט פאַרשוויגן די אַנטיסעמיטישע באַמערקונגען. ווען די „ניו־יאָרק טאַימס״ האָט אונטערשטראָכן אַז דייוויד יוליע פון פלאָרידאַ, אַ פירער פון דער קאָנפעדעראַציע, איז אַ ייד, האָט דער „דזשואיש מעסענדזשער״ געענטפערט אויף דעם: „אָבער איבער צוואַנציק פעלד־אָפיצערן, הונדערט אַקטיווע שלאַכט־אָפיצערן און אַמ־וויניקסטנס זעקס טויזנט סאָלדאַטן, וועלכע קעמפן אונטער דער גלאָר־רייכער פאָן פון די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען אויך יידן. באַליידיקן דעם יידישן נאָמען דורך באַשולדיקן אַלע יידן פאַר די קרומע וועגן פון איינעם, וועלכער איז צופעליק אויך אַ ייד, — דאָס איז אַ בכיוונדיקע טענדענץ מצד דער „טאַימס״ צו באַשמוצן אַ גרויסע צאָל פּאַטריאָטן, וואָס האָבן פאַרלאָזן זייערע היימען, כדי צו פאַרטיידיקן די קאָנסטיטו־ציע און דאָס לאַנד״ [7].

ענלעכע קאַמפן פאַרן כבוד פון יידן האָט די גאַנצע יידישע געזעל־שאַפטלעכקייט אָנגעפירט קעגן טרויעריק־באַרימטן „באַפעל נומער 11״ פון גענעראַל גראַנט (אויגוסט 1862) — אַרויסצושיקן אַלע יידן פון מיסיסיפי און טענעסי, ווייל „זיי פאַרנעמען זיך מיט שמוגלען סחורות״.

אַ יידישע דעלעגאַציע איז געפאָרן קיין וואַשינגטאָן צו פּרעזידענט לינקאָלן און זיך באַקלאָגט אויף דעם גירוש, וואָס רירט אָן דעם כבוד און די אינטערעסן פון יידישן כלל, וואָס „דאַרף ניט ליידן פאַר די זינד פון יחידים״. לינקאָלן האָט גלייך צוריקגעצויגן דעם באַפעל און גענעראַל גראַנט אַליין האָט שטאַרק באַדויערט דעם דאָזיקן אינצידענט, וואָס ער האָט דערקלערט אַלס „געפערלעכן טעות״ [8].

זעקסטער קאַפּיטל

ייִדישע קעמפער קעגן שקלאַפעריי אין פעריאָד פון בירגער־קריג

1. בערנאַרד פעלזענטאַל, שבתי מאָראַיס, איזידאָר בוש און בנימין סזאָלד

אין דער צייט ווען די קאָנסערוואַטיווע יידיש־ענגלישע פּרעסע, אָנ־געפירט פון יצחק לעסער און סעמועל אייזיקס, האָט גערופן יידן צו שטיצן די זאַך פון דעם „פאַרבאַנד" און ניט פאַרבינדן דעם קריג מיט דער אָפּשאַפונג פון שקלאַפעריי, האָבן אַנגעזעענע יידישע פירער אין צפון און אין מערב, פאַרבונדן זייער פאַטריאָטיזם און לאָיאַליטעט צום פאַרבאַנד מיטן קאַמף פאַר דער ענדגילטיקער אָפּשאַפונג פון שקלאַ־פעריי.

די הויפּט וואָרט־זאָגער קעגן שקלאַפעריי, אויסער די שוין דער־מאָנטע דוד איינהאָרן, מיכל היילפּערין און יצחק דיטענהאָפער, זיינען געווען בערנאַרד פעלזענטאַל פון שיקאַגאָ, שבתי מאָראַיס פון פילאַדעלפיא, איזידאָר בוש פון סענט־לואיס, און בנימין סזאָלד פון באַלטימאָר.

דוד איינהאָרנס*) נאָענטער תלמיד און מיטקעמפער קעגן שקלאַפעריי איז געווען דער ראַדיקאַלער רעפאָרמער בערנאַרד פעלזענטאַל (1908־1822). זיין ווירקן קאָן איינגעטיילט ווערן אין דריי פעריאָדן: 1) זיינע ערשטע טעטיקייטן אין מעדיסאָן, אינדיאַנאַ, וואו ער פאַרנעמט זיך מיט רעלי־גיעזן אונטערריכט און פובליציסטישער מיטאַרבעטערשאַפט אין דער דייַ־טשיש־אַמעריקאַנער פרעסע; 2) זיין טעטיקייט אַלס גרינדער פון ערשטן רעפאָרם־פאַראיין אין שיקאַגאָ „הר־סיני", ווען פעלזענטאַל אַנטפּלעקט זיך ווי אַן ערנסטער ראַדיקאַלער רעפאָרמער אין דער רעליגיע, און אַן אַבאָליציאָניסטישער קעמפער אין דער פאָליטיק. דער דאָזיקער פעריאָד

*) זע די באַזונדערע מאָנאָגראַפיע פון דוד איינהאָרן.

האַלט אַן ביזן סוף פון די זיבעציקער יאָרן; 3) זיינע שפּעטערע יאָרן אין שיקאַגאָ, אַלס ראַבינער פון „ציון־טעמפּל", ווען זיין פּובליציסטישע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט דעגראַדירט אין אידעאָלאָגישן זינען. ער ווערט אַ ציוניסט, שטרעבט אויסצונעמען ביי דער בורזשואַזיע און דאָס רופט זיך אָפּ אויף זיין ליטעראַרישן ניוואָ. דאָ אינטערעסירט אונדז פעלזענטאַל דער קעמפער קעגן שקלאַפעריי און פאַר נעגער־רעכט.

פעלזענטאַל איז געבוירן געוואָרן אין ביירן. „די סיבה פאַר זיין קומען קיין אַמעריקע, — זאָגט זיין ביאָגראַפין, זיין טאָכטער עמאַ, — איז געווען די זעלבע וואָס פאַר אַנדערע טויזנטער דייטשישע יידן. זיי האָבן געשפּירט אַז אויף דער זייט אָקעאַן קאָנען זיי אָטעמען פרייערע לופט און באַקומען פאַר זיך און זייערע קינדער געלעגנהייטן, וואָס די רעוואָלוציע (1848) האָט ניט באַוויזן צו ברענגען פאַר זייער פאָטער־לאַנד" [1].

גלייך נאָך זיין אָנקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט פעל־זענטאַל אָנגעהויבן צו קאָרעספּאָנדירן מיט דוד איינהאָרנען, וועמען ער האָט באַצייכנט ווי דער „לוטער פון דער יידישער רעפאָרמאַציע, אַן אמת־נביאישער גייסט" [2].

אונטער איינהאָרנס איינפלוס האָט זיך פעלזענטאַל ענטזאָגט אָנ־צונעמען אַ שטעלע אין דער דרומדיקער שטאָט מאָביל, אַלאַבאַמאָ, ווייל „ער האָט ניט געוואָלט וואוינען אין אַן אַטמאָספערע, וואָס באַרעכטיקט און פּראַקטיצירט שקלאַפעריי" [3].

אין יאָר 1856 איז פעלזענטאַל געווען טעטיק אין דער קאַמפּאַניע פאַר דער דערוויילונג פון פרימאָנטן. כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין קאַמף פאַר אַ פרייער אַמעריקע איז אַן אַרטיקל, וואָס פעלזענטאַל האָט אָפּ־געדרוקט אין „דעמאָקראַטישן רעגיסטער" פון לאָרענסבורג. „ווי באַ־גרענעצט איך האַלט ניט דעם גייסט פון דעם, וואָס מען רופט דאָ „נעי־טיוו־אַמעריקאַניזם", איז פאַראַן נאָך עפּעס, וואָס איך באַטראַכט פאַר ערגער. דאָס איז אַ דעמאָקראַטיע וואָס טומלט וועגן גלייכע רעכט און אין דער זעלבער צייט צעטרעט זי אַ גרויסן טייל פון דער באַפעלקערונג".

אין יאָר 1858 האָט ער געגרינדעט דעם „יידישן רעפאָרם־פאַראיין" אין שיקאַגאָ און האָט פאַרעלייגט זיינע 27 טעזיסן פאַר אַ צאָל שיקאַגער יידן, וואָס האָט געפירט צו דער גרינדונג פונעם ראַדיקאַל־רעפאָרמירטן „סיני־טעמפּל". אין יאָר 1859 האָט ער פאַרעפנטלעכט זיין בראשור „קול

קורא במדבר" (אַ רוף אין דער וויסטעניש) און איז געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון איינהאָרנס חודש־שריפט „סיני".

אין מיטן דעם גרויסן ווערטער־קאַמף צווישן די פּראָ־שקלאַפעריש און אַנטי־שקלאַפערישע פּאָלעמיקער, ראַפאל, וויז, איינהאָרן, היילפּערין, האָט פעלזענטאל אָנגעשריבן אַן אָפּהאַנדלונג אין דער ראַדיקאַלער דייטשישער צייטונג „אילינאָיס שטאַטסצייטונג", וואו ער האָט אַטאַקירט שקלאַפעריי ווי די „שענדלעכסטע אינסטיטוציע אויף דער ערד". פעלזענטאל האָט דעמאַסקירט די „וועלכע טראָגן אַ האַס אויף די אַבאָליציאָניסטן, ווייל דאָס האָט אַ שלעכטן עפעקט אויף זייער אייגענעם מאַטעריעלן וואוילזיין און עס פאַראורזאַכט שאָדן זייערע פּריוואַטע געשעפטן". איין ווענדונג צו די באַרעכטיקער פון שקלאַפעריי שרייבט פעלזענטאל:

„מענטשן וועלכע האָבן שוין אַליין געהאַט די דערפאַרונג אויפן אייראָפּעאישן קאָנטינענט, וואו די פעאָדאַלן און דער קלער האָט געטענהט, אַז די יידן זיינען אַ נידעריקע ראַסע, אַז מען טאָר זיי ניט געבן קיין בירגער־רעכט, אַז זיי זיינען פאַרמשפט פון גאָט צו אייביקער קנעכטשאַפט א. אַז. וו., אַזעלכע מענטשן זאָלן זיין אַזוי קליינלעך און ביליק און נוצן די זעלביקע אַרגומענטן קעגן די נעגערס! ווער־ווער, די יידן וואָלטן געדאַרפט זיין די ערשטע צו קולטיווירן אַ ברענענדיקן האַס צו דער דאָזיקער אומווירדיקער אינסטיטוציע פון דעם דרום און וואָלטן געדאַרפט מאַכן פאַר זייער לאָזונג: גערעכטיקייט, אַפילו די וועלט זאָל דערביי חרוב ווערן!"[4]).

אין 1862, אין סאַמע מיטן פלאַקער פון די בירגער־קריג שלאַכטן, איז אין סענאַט דורכגעגאַנגען אַ „ביל" וואָס האָט דערקלערט די נעגערס ניט פאַסיק פאַר עדות זאָגן אין דער טעריטאָריע פון „דיסטריקט אוו קאָלאָמביאַ". פעלזענטאל האָט אָנגעשריבן אַן אַרטיקל „לעגיסלאַטאָרישע באַרבאַריי, נעגער־רעכט און יידן־רעכט", וואו ער האָט פאַרבונדן דעם קאַמף פאַר נעגער־רעכט מיטן היסטאָרישן קאַמף פאַר יידן־רעכט. ער האָט פאַרגליכן די אוראַלטע באַשרענקונג פון יידן־רעכט, וואָס דער רוימישער אימפּעראַטאָר יוסטיניאַן האָט געפאָדערט, מיט דעם אַקט אין וואַשינגטאָן, און באַוויזן, אַז די זעלבע אַרגומענטן, וואָס זיינען אין פאַרצייטיקן רוים גענוצט געוואָרן קעגן יידן, ווערן באַנוצט קעגן די נעגערס. „וואָס קען באַרעכטיקן אַזאַ באַרבאַריזם?" האָט ער געפרעגט און זיך פאַררופן אויפן דעמאָלטיקן צאַרישן רוסלאַנד: „רוסלאַנד ליגט

ניט צווישן קאַליש און קאַמטשאַטקאַ, נאָר אירע פּרינציפּן הערשן אויך צווישן מישיגען־טייך און פּאָטאָמאַק" [5].

אין די יאָרן פון בירגער־קריג איז פּעלזענטאַל געווען איינער פון די טעטיקסטע טוער אין דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי און האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן די וואָלונטירן־אַרמיי, אָפּטיילונג 82. זיין אַבאָליציאָניסטישע טעטיקייט האָט ער פאַרגעזעצט ביז ערב־רעקאָנסטרוקציע. פון באַזונדערן אינטערעס איז זיין באַגייסטערטע „טהענקסגיווינג" דרשה אין יאָר 1865. וואו ער דערקלערט די נעגער־עמאַנציפּאַציע פאַר דער העכסטער דער־גרייכונג פון בירגער־קריג.

„פיר מיליאָן מענטשן, קינדער פון זעלבן פאָטער, וואָס שטאַמען פון אָדם, זיינען געהאַלטן געוואָרן אין שקלאַפעריי און זיינען איצט פריי, און וועלן ערשט זיין פריי... זאָל די נאַציע ניט יובלען פון גליק ?... נאָך מיליאָנען ווייסע מענטשן זיינען פאַרשקלאַפט, ליידן פון פאָראורטיילן און דיסקרימינאַציע... די דאָזיקע וואָס האָבן אַגיטירט פאַר מענטשלעכער פרייהייט און געקעמפט פאַר אוניווערסאַלער גערעכטיקייט זיינען געווען אין דער מינדערהייט. דער נאָמען אַבאָליציאָניסט איז געווען אַ שאַנדע. איצט ווערט דער נאָמען גלאָריפיצירט. די קייטן פון פאָראורטיילן וועלן צעבראָכן ווערן פולשטענדיק. די ווייסע מענטשן וועלן עמאַנציפּירט ווערן אינאיינעם מיט די שוואַרצע. די אַבאָליציאָניסטן זיינען די אמתע שטאַטסלייט !" [6].

אַ פירנדיקער יידישער אַבאָליציאָניסט, וועלכער האָט אָנגעהאַלטן זיי־נע אַנטי־שקלאַפערישע קאַמפּן אין דעם גרענעץ־שטאַט מיזורי, איז געווען דער „48ער" עמיגראַנט און יידישער פובליציסט און פּאָלי־טיקער איזידאָר בוש. ווי אַ דעלעגאַט צו עטלעכע קאָנווענשאַנס אין זיין שטאַט, האָט ער געאַרבעט פאַר דער באַלדיקער באַפרייאונג פון נעגער־פאָלק אין מיזורי.

אין 1863 איז בוש געווען אַ דעלעגאַט ביי דער קאָנפערענץ אין דזשעפערסאָן־סיטי, וואָס האָט געדאַנקט פרעזידענט לינקאָלנען „פאַר זיין אַקציע אין באַוואָפענען און אָרגאַניזירן די קאָלירטע בירגער פון אַפריקאַנישן אָפּשטאַם פאַרן צוועק פון אויסראָטן די רעבעלן".

בוש האָט פאַרטראָטן די מינאָריטעט און איז געווען די רעכטע האַנט פון גענעראַל פרימאָנט אין בירגער־קריג, און אויף די דערמאָנטע

מיזורער קאָנפערענצן האָט ער געהאַלטן פייערדיקע רעדעס קעגן די, וועלכע האָבן אָפּגעלייגט די נעגער־עמאַנציפּאַציע אויף שפּעטער. אין איינער פון זיינע רעדעס האָט ער דערקלערט:

„עס קומט אויס, אַז צוליב די צוויי ווערטער „שקלאַפעריי" און „אַנטי שקלאַפעריי" קומט איצט פאַר אַ מלחמה ביי אונדז אין לאַנד. זאָג איך: דאָס איז אַ טייל פון יענעם דורותדיקן געראַנגל צווישן ארמוזד און אהרימאַן (לויט דער פּערסישער מיטאָלאָגיע: דער גאָט פון ליכט און דער גאָט פון פינצטערניש), צווישן ליכט און פינצטערניש, צווישן רעכט און אומרעכט, — דאָס איז יענער אומגעצאַמטער קאָנפליקט צווישן פרייער אַרבעט און שקלאַפן־אַרבעט. דער דרום וויל פאַרניכטן דעם אַבאָליציאָניזם מיט פייער און שווערד און איינשטעלן אַן אומבאַגרענעצטע אימפּעריע פון אַ שקלאַפן־אַריסטאָקראַטיע. דער צפון אָבער וויל, ער מוז, אין זעלבסט־פאַרטיידיקונג — אָפּשאַפן שקלאַפעריי...

„...איניקע דזשענטלמען, מיטגלידער פון דער דאָזיקער קאָנווענשאָן, האָבן געמאָלן אַזאַ שוואַרץ בילד וועגן דער באַפרייאונג פון די נעגערס, ניט אַנדערש ווי אַז די באַפרייטע נעגערס, אויב מען זאָל זיי ניט דע־פּאָרטירן, וואָלטן רואינירט דעם שטאַט. זיי דערציילן אונדז אַז די נע־גערס וואָלטן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין גרויסער באַנדע פון ליידיק־גייערס, וואַגאַבונדן, רויבער, מערדער און גנבים... אָבער דאָס איז ניט אמת. ס'איז פּשוט אַ ליגן. טוט אַ קוק אויפן דעלעווער־שטאַט... דער צענזוס (פאָלק־ציילונג) פון 1860 ליגט פאַר אייך אויף אייערע טישן און באַ־ווייזט אייך מיט ציפערן, אַז 18,829 פרייע נעגערס לעבן אינעם דאָזיקן קליינעם שטאַט פון אונדזער לאַנד, — אַ שטאַט וואָס איז ניט גרעסער פון דריי פון אונדזערע קאָונטיס (געגנטן). ווילט איר דערציילן אַ מעשה, אַז מיזורי, וואָס איז צוויי און דרייסיק מאָל אַזוי גרויס ווי דעלעווער, וואָלט רואינירט געוואָרן דורך אַ פאַרהעלטניסמעסיק קליינער נעגערשער באַפעלקערונג, אויב מען זאָל זיי באַפרייען. ניו דזשוירזי האָט 25,318 פרייע נעגערס, אויף אַ שטח וואָס פאַרנעמט אַן אַכטל פון מיזורי, — און וואו זיינען די מערדערייען, פאַרגוואַלטיקונגען און אַנדערע פאַר־ברעכנס, וואָס איר זענט גרייט צוצושרייבן צו דער דאָזיקער גרופּע? קאַרג וואָס איר האַלט זיי געשמידט אין קייטן, נוצט זיי ווי שפּילעכ־לעך פאַר אייערע קאַפּריזן און אייערע תאוות, דאַרפט איר זיי נאָך באַשולדיקן אין פאַרברעכנס, וואָס זיי האָבן קיינמאָל נישט באַגאַנגען

און קיינמאָל וועגן זיי נישט געטראַכט. עס איז טאַקע אַ גרויס רחמנות. — אָבער אויף איך, ניט אויף די נעגערס..."[7]).

גרויס אָנזען אין פילאַדעלפיער „יוניאָן־ליג" האָט געהאַט דער גייסטי־קער פירער פון דער אַלטער פּאָרטוגעזישער קהלה „מקווה ישראל" און פון קאָנסערוואַטיוון יידנטום, דר. שבתי מאָראַיס. אַ געבוירענער אין ליוואָרנע (לעגהאָרן) איטאַליע, אין אַ רעפּובליקאַנער פאַמיליע, און אַ נאָענטער פריינט פון איטאַליענישן פּאַטריאָט און קעמפער מאַדזיני, איז מאָראַיס נאָך אין לאָנדאָן, פאַר זיין קומען קיין אַמעריקע, געווען רע־פּובליקאַניש געשטימט.

שבתי מאָראַיס פאָטער איז געווען צווישן די ערשטע אויפשטענדלער קעגן דער טיראַניי פון פּויפּסט און דער עסטרייכישער מאָנאַרכיע און איז דערפאַר פאַרשפּאַרט געוואָרן אין תפיסה. ער האָט געהערט צו די „פריי־מויערער („פרי מעיסאָנס"). אין דעם פרייען גייסט האָט ער דערצויגן זיינע קינדער.

מאָראַיס איז געווען אַן אויסגעהאַלטענער שטיצער פון לינקאָלנס אַדמיניסטראַציע אין משך פון גאַנצן בירגער־קריג. ער האָט געהאַלטן אַז די יידן, וועלכע שטעלן זיך אויף דער זייט פון די צפון־כחות קעמפן פאַר די בעסטע אינטערעסן פון לאַנד און פאַר די בעסטע אינטערעסן פונעם יידישן פאָלק. ער האַלט געהאַלטן צענדליקער דרשות אין זיין קאָנגרע־גאַציע, אין וועלכע ער האָט באַקעמפט די דרומדיקע שקלאַפן־האַלטער און אַפילו זייערע בורזשואַזע שותפים פון צפון.

מאָראַיס' קהלה איז געווען אַ קאָנסערוואַטיוו־פּאָרטוגעזישע און ווי עס איז געווען צו דערוואַרטן האָבן זיך די פּראָ־שקלאַפערישע פירער פון זיין געמיינדע געשטעלט קעגן זייער גייסטיקן פירער און זיינע פּאָלי־טישע דרשות, און אַ געוויסע צייט אים פאַרבאָטן צו ריידן. ער האָט זיך אָבער ניט אָפּגעשראָקן און איבערן קאָפּ פון דעם פרעזידענט פון זיין קהלה, זיך געווענדט צו די אַלע מיטגלידער מיט אַ פאַרלאַנג מען זאָל ביי אים ניט צונעמען דאָס רעכט צו „אַדרעסירן די קהלה ווען און וויאַזוי ער וועט געפינען פאַר נויטיק"[8]). נאָך עטלעכע חדשים האָבן זיינע מיטגלידער אויסגעפּועלט די גזירה אויף זייער רב זאָל בטול ווערן, און מאָראַיס האָט ווידער געהאַלטן זיינע אַנטי־שקלאַפערישע דרשות.

צום העכסטן אַקאָרד פון פּאַטריאָטיזם האָט ער זיך דערהויבן אין יאָר 1864. אין אַ דרשה, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער וואָך וואָס

מערילענד האָט פּראָקלאַמירט נעגער־פרייהייט, האָט ער אויסגערופן: „פון היינט אָן האָט מערילענד ווערט איר נאָמען. מעריל‏אַנד — זי איז אַ פריילעך און גליקלעך לאַנד". ער האָט אויפגעפאָדערט אַלע יידן זיי זאָלן זיין גרייט אויף די גרעסטע קרבנות אויפן מזבח פון פרייהייט און אויסראָטן פון צווישן די אייגענע רייען די געלט־גייציקע וואָס פאַרדאַמען די פרייהייטס־קעמפער [9].

אין די רעקאָנסטרוקציע־יאָרן איז מאָראַיס, ווי דערמאָנט, געווען טעטיק אין פילאַדעלפיער „יוניאָן־ליג".

אַ מאַנער פון אויפריכטיקער איבערגעבנקייט פאַר פולשטענדיקער נעגער־גלייכקייט איז געווען דער האַלב־רעפאָרמירטער רב פון באַלטימאָר, בנימין סזאָלד.

סזאָלד, אַ געוועזענער אַנטייל־נעמער אין ווינער באַריקאַדן־אויפשטאַנד אין יאָר 1848, ווי אַ מיטגליד פון „אַקאַדעמישן לעגיאָן", האָט נאָכגעפאָלגט דעם ביישפּיל פון זיין רעפאָרמירטן באַלטימאָרער קאָלעגע, איינהאָרן, אין די יאָרן פון רעקאָנסטרוקציע, נאָכן בירגער־קריג.

נאָכדעם ווי די נעגערס אין מערילענד זיינען באַפרייט געוואָרן האָבן ה. ל. באַנד און אַנדערע אָרגאַניזירט „די באַלטימאָרער אַסאָציאַציע פאַר דער דערציאונג און מאָראַלישן פאָרשריט פון די קאָלירטע מענטשן". די אָרגאַניזאַציע האָט אַרויסגעשיקט אַ בריוו צו אַלע גייסטלעכע, אין וועלכן זיי האָבן אַפּעלירט צום „קריסטלעכן געפיל פון ליבע". אַ טייל גייסטלעכע האָט ניט געענטפערט און אַ טייל האָט ביטער אָנגעגריפן דעם פּראָיעקט. דר. סזאָלד האָט צוגעשיקט זיין ביישטייערונג פון 50 דאָלער און אונטערשטראָכן אַז דער פּראָיעקט אַפּעלירט צו זיין „יידישן געפיל פון ליבע".

סזאָלדס ענטפער האָט אַרויסגערופן גרויס באַגייסטערונג אין די רייען פון די פּראָגרעסיווע און זיי האָבן אים דערוויילט אין דער פירערשאַפט פון דער אָרגאַניזאַציע.

סזאָלדס ביישפּיל האָט אָבער ניט געפונען קיין אונטערשטיצונג צווישן די מיטגלידער פון זיין רייכער קהלה. געוויסע באַלעבאַטים האָבן אים צוגעגעבן אַ שפּאָטישן נאָמען „דער ראַבינער פון טימבוקטו" (אַן אַפריקאַנער געגנט), אַ טיטול וואָס האָט געמיינט „אַ רב פון די נעגערס"...[10].

2. מאָראַלישע דערציאונג און יידיש־נעגערשע פאַרברידערונג אויף די שלאַכטפעלדער

דער יידישער אַנטייל אינעם בירגער־קריג איז ניט בלויז געווען אַן אָנהייב, נאָר אויך אַ המשך, — אַ פאָרזעצונג פון די פרייהייטס־קאַמפן און טראַדיציעס, וואָס האָבן זיך געצויגן פון יאָר 1848 אין דייטש־לאַנד און אונגאַרן און פון די פוילישע אויפשטאַנדן אין יאָר 1830. ווען פוילישע יידן האָבן זיך געשטעלט אין קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון זייער לאַנד אינאיינעם מיט די פוילישע בירגער.

וויניקסטנס צוויי פויליש־יידישע אימיגראַנטן האָבן געמאַכט אַ מאָראַליש־דערציערישן בייטראַג אויף די שלאַכטפעלדער: די יידישע גייסטלעכע: פערדינאַנד ל. סאַרנער פון ראָטשעסטער און קאַפּיטאַן דזשאָן סאַלאָמינסקי.

פערדינאַנד ל. סאַרנער איז געווען אַ געבוירענער אין ליסע, פויזן, וואָס איז געקומען קיין אַמעריקע אין יאַנואַר 1859, איז געוואָרן דער רב פון דער „ברית־קודש" קאָנגרעגאַציע פון ראָטשעסטער, ניו יאָרק און אין 1863 איז ער געוואָרן דער פעלד־ראַבינער פון ניו יאָרקער 54טן וואָלונטיר רעגימענט, וואָס איז באַקאַנט געוואָרן לויטן דייטשישן נאָמען „שוואַרצע יעגער". סאַרנער איז געווען אַ גראַדואירטער פון צוויי דייטשישע אוניווערזיטעטן און איז דערוויילט געוואָרן אַלס גייסטלעכער פונעם גאַנצן רעגימענט. זיינע דרשות האָט ער געהאַלטן פאַר קריסטלעכע סאָלדאַטן, ווייל אין דעם רעגימענט האָבן זיך געפונען ווייניק, אָדער כמעט אינגאַנצן ניט קיין יידן [11]. סאַרנער איז געווען מיט זיין רעגימענט אין די שלאַכטן פון טשענסלאָרוויל, אין געטיסבורג, און בעת דער אינוואַזיע פון סאַוט קאַראָליינאַ. ער איז פאַרוואונדעט געוואָרן אין דער געטיסבורגער שלאַכט, רייטנדיק אויף זיין פערד, וואָס איז דערשאָסן געוואָרן און אים אַרונטערגעוואָרפן. זיין העלדישקייט האָט אָפּגעקלונגען אין דער אַנגלאָ־יידישער פּרעסע, וועלכע האָט געשריבן אַז „דר. סאַרנער איז אפשר דער ערשטער רב, וואָס האָט פריוויליק אַנטייל גענומען אין אַ שלאַכט זינט רבי עקיבא" [12].

דזשאָן סאַלאָמינסקי איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1860 פון וואַרשע, וואו ער האָט אַנטיילגענומען אין דעם אויפשטאַנד פון 1830. אין 1861 האָט ער זיך אַנגעשלאָסן אין דער אַרמיי פון פאַרבאַנד, און איז

פאַרבליבן אין מיליטער־דינסט ביז סוף 1869, ווען ער האָט זיך געפונען אין לאַגער פון פאָרט־האָמבאָלדט, דאַקאָטאַ.

אַ טייל גייסטלעכע האָבן, ווי באַוואוסט, פאַרוואַנדלט זייערע דרשות אויף די שלאַכטפעלדער אין אינסטרומענטן צו הייבן די מאָראַל און דעם קעמפערישן גייסט פון זעלנער. די מערסטע פון די גייסטלעכע זיינען געווען אויסגעפּרואוווטע אַבאָליציאָניסטן. „די קעמפערישע אַבאָליציאָניס־טישע טשעפּלעינס״, אַזוי האָט זיי דער גרויסער אַמעריקאַנער שרייבער און דענקער ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן, באַצייכנט [13].

ז י ב ע ט ע ר   ק אַ פּ י ט ל

דער ייִדישער אַנטייל אינעם פּעריאָד פון רעקאָנסטרוקציע

1. אויף מאָרגן נאָכן בירגער קריג

„לאָמיר זינגען פון מיין פריינט, דאָס געזאַנג פון מיין פריינט אויף זיין ווײַנגאָרטן. אַ ווײַנגאָרטן האָט מיין פריינט געהאַט, אויף אַ בערגל אַ פעטן, און ער האָט אים צעגראָבן און אים אויסגעשטיינערט; און ער האָט אים באַפלאַנצט מיט טייערן ווײַנשטאָק, און אויסגעבויט אַ טורעם אין אים, און אויך אַ קעלטער אין אים אויסגעהאַקט, און ער האָט גע־האָפט ער זאָל ברענגען ווײַנטרויבן און האָט געבראַכט זויערע פרוכט... און ער האָט געהאָפט אויף גערעכטיקייט — ערשט עס איז רשעות; אויף יושר — ערשט ס'איז אַ געשריי און יאָמערײַ".

דער דאָזיקער משל פונעם נביא ישעיהו, וואָס דער ייִדישער אַבאָ־ליציאָניסט, דוד איינהאָרן, האָט גענוצט אין איינער פון זיינע לעצטע דרשות אין פילאַדעלפיע וועגן אויסגאַנג פון בירגער־קריג [1]) איז סימ־באָליש פאַרן רעקאָנסטרוקציע־פעריאָד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן גלייך נאָכן בירגער־קריג, אויף וועלכן די פּראָגרעסיווע פאָלקס־ און אַרבעטער־מאַסן, די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, און דאָס עמאַנציפירטע פון שקלאַ־פעריי נעגער־פאָלק, האָבן געלייגט אַזויפיל האָפנונגען און זיינען פאַר־ראַטן געוואָרן דורך דער רעאַקציע אין דרום און אירע אַליאירטע אין צפון.

אין פרילינג 1865 האָבן די לעצטע מיליטערישע קרעפטן פון דרום, אונטער דער אָנפירונג פונעם גענעראַל לי, זיך אונטערגעגעבן דעם צפון: די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט, אָבער די רעאַקציע פון דרום האָט נישט אָנגעגעלייגט איר געווער. זי איז גרייט געווען אויף פאַרצווייפלטע שריט, בעת די צפונדיקע כחות, מיט געוויסע רעאַקציאָנערן אין לינקאָלנס אַד־

מיניסטראַציע האָבן גלייך נאָכן זיג אָנגעהויבן אַרויסווייזן צו די געװעזענע רעבעלן אַ גרויסע מאָס גוטמוטיקייט; זיי האָבן אָנגעהויבן פונאַנדערלאָזן די דרומדיקע אַרמייען, געבן פולע פרייהייט דעם קאָמאַנדירן־באַשטאַנד און אַמנעסטיע די פאַרמשפּטע רעבלען.

אַלס רעזולטאַט איז געקומען אַ דרומדיקע פאַרשווערונג, וואָס איר קרבן איז געווען אייבראַהעם לינקאָלן. ער איז אומגעקומען דורך דער האַנט פון אַ געדונגענעם מערדער.

די בייזע וועגן לינקאָלנס דערמאָרדונג האָט אַרויסגערופן דעם גרעסטן טרויער צווישן אַלע עלעמענטן אין אַלע שטאַטן. די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין אַלע אירע צווייגן און ריכטונגען האָט זיך באַטייליקט אין די פייערלעכע טרויער־דעמאָנסטראַציעס און אָפּגעגעבן כבוד דעם גרויסן עמאַנציפּאַטאָר.

אין אַלע סינאַגאָגעס, קאָנסערוואַטיווע און רעפאָרמירטע, האָבן די רבנים געהאַלטן טרויער־רעדעס און די יידישע סעקולערע אָרגאַניזאַציעס, די פראַטערנאַלע אָרדנס, האָבן אָרגאַניזירט ספּעציעלע טרויער־פאַרזאַמלונגען [2].

צווישן אַלע הספּדים איז די טרויער־רעדע פון דר. מאַקס ליליענטאַל, אַ פירער פון דער רעליגיעזער רעפאָרם אין סינסינעטי, געווען דער פּאַסיקער אויסדרוק פאַר לינקאָלנס באַדייטונג פאַרן אַמעריקאַנישן פאָלק און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

„ווער איז געווען אייבראַהעם לינקאָלן? דער ערשטער האָרעפּאַשניק־פּרעזידענט. ער האָט געקעמפט קעגן אַ סך שטרויכלונגען אויף זיין האָרעפּאַשנעם וועג און איז זיי בייגעקומען.

„דאָס פאָלק, די אַרבעטנדיקע קלאַסן איבער דער גאַנצער וועלט, זיינען טאַקע איצט עמאַנציפּירט געוואָרן; זייערע רעכט זיינען ניט קיין טויטער בוכשטאַב, נאָר עס ליגט אויף זיי דער מאַיעסטעטישער שטעמפּל פון דער געשיכטע. דורך אייבראַהעם לינקאָלן זיינען געקומען צום אויסדרוק די אומבאַרירלעכע מענטשלעכע רעכט.

„...די יוניאָן (דער פאַרבאַנד) איז געראַטעוועט געוואָרן אונטער זיין אַדמיניסטראַציע. ער איז עטאַבלירט געוואָרן אויף אַ פּלאַטפאָרם, וואָס איז ברייטער און איידעלער ווי די פון וואַשינגטאָן, אָדער דזשעפערסאָן. מער ניט קיין פאַרבאַנד, וואָס איז האַלב פריי און האַלב פאַרשקלאַפט; ניט קיין פאַרבאַנד מיט אַ „מעיסאָן דיקסי־לאַין", אַ פאַרבאַנד פון אַ מיזורי־

קאַמפּראָמיס, נאָר איין פרייער אומבאַזיגבאַרער פאַרבאַנד פון מזרח ביז מערב, פון צפון ביז דרום״.

ליליענטאַל האָט פאַרענדיקט זיין רעדע מיט אויסדריקן די האָפענונג אַז לינקאָלנס שטעל־פאַרטרעטער, אַנדריו דזשאָנסאָן, וועט דערשיינען ווי דער פּאַסיקער מענטש פאַרן גרויסן אַמט. „זייענדיק אַליין אַ קינד פון דרום, וועט ער וויסן וויאַזוי אונטערצושיידן צווישן אַמעריקאַנער פאָלק און זיינע פירער. מיט גערעכטיקייט אין זיין רעכטער האַנט וועט ער זיך באַוועגן פאָראויס״ [3].

דער בירגער־קריג איז געוואונען געוואָרן. אייבערהעם לינקאָלן איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די שונאים פון די דאָזיקע „אומבאַרירלעכע מענטשלעכע רעכט״. דער קאַמף פאַר דער פולער באַפרייאונג פון דעם נעגערשן פאָלק האָט זיך ערשט אָנגעהויבן, און עס זיינען נאָך פאַר־געשטאַנען גרויסע קאַמפן פאַר נעגערשער און יידישער גלייכבאַרעכ־טיקונג.

2. דער באַנייטער קאַמף

דער בירגער־קריג האָט באַפרייט די נעגערס פון שקלאַפעריי נאָר פאָרמעל. ער האָט פּאַקטיש ניט באַוויזן צו צעברעכן דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן כח פון די פּלאַנטאַטאָרן. די פריערדיקע שקלאַפן־אייגנטימער אונטער דער רעגירונג פון רעאַקציאָנערן פּרעזידענט דזשאָנסאָן, איז דעם פּלאַנטאַטאָרן־קלאַס כמעט געלונגען צוריקצושטעלן דעם „סטאַטוס־קוואָ״ פון פאַר דעם קריג. די נעגערס האָבן געמוזט פירן אַ שאַרפן און אָנגעשטרענגטן קאַמף, כדי צו פאַרזיכערן זייער פּאַקטישע באַפרייאונג. זיי האָבן געקעמפט קעגן גוואַלד, דיסקרימינאַציע, פאַר באַקומען די ערד אויף וועלכע זיי האָבן געהאָרעוועט דורות לאַנג, פאַר שטים־רעכט, פאַר רעכט צו מעגן עדות־זאָגן אין די געריכטן, פאַר רעכט אויסגעוויילט צו ווערן אַלס ריכטער; זיי האָבן ביטער געקעמפט פאַר שולן פאַר זייערע קינדער און בכלל פאַר ווירקלעכער גלייכבאַרעכטיקונג מיט דער ווייסער באַפעלקערונג.

אין 1866 איז אָנגענומען געוואָרן דער קאָרעקטיוו (אַמענדמענט) צו דער קאָנסטיטוציע וואָס האָט פּראָקלאַמירט „קיין שקלאַפנטום, און געצוואונגענע באַדינונג קאָנען ניט עקזיסטירן אין די פאַראייניקטע שטאַטן״. דאָס שקלאַפנטום איז אויף אַזאַ אופן ענדגילטיק פאַרניכטעט

געוואָרן, אָבער אינדעראמתן האָבן די פּלאַנטאַטאָרן אין דעם פּעריאָד באַוויזן אין אַ גרויסער מאָס אויפצושטעלן צוריק זייער רעכט.

פּרעזידענט דזשאָנסאָן האָט אין יענעם יאָר באַפוילן, עס זאָלן פאַר־רופן ווערן קאָנווענשאַנס אין די שטאַטן. די דאָזיקע קאָנווענשאַנס האָבן אַרויסגעגעבן די שענדלעכע „שוואַרצע קאָדעקסן", ד. ה. באַזונדערע געזעצן פאַר די קאָלירטע, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן אין דער מערהייט פון די דרום־שטאַטן. לויט די דאָזיקע געזעצן איז יעדער נעגער, וואָס האָט ניט געהאַט קיין אַרבעט, דערקלערט געוואָרן פאַר אַ „לומפּ", און איז דערפאַר שטראָפירט געוואָרן. אויב ער האָט ניט געהאַט צו באַצאָלן די שטראָף, האָט מען אים אַריינגעזעצט אין תפיסה, און פון תפיסה האָט מען אים אָפּגעגעבן אין צוואַנג־דינסט צו דעם ווער עס האָט באַצאָלט פאַר אים די שטראָף, ד. ה. ווידער געקויפט דעם נעגער. דער אַלטער באַלעבאָס האָט געהאַט פּריאָריטעט־ (פאָרצוג) רעכט אים צו באַשטראָפן מיט „מעסיקע" לייב־שטראָפן.

לאָמיר ציטירן די ווערטער פון דעם באַרימטן נעגער־אַבאָליציאָניסט, פרעדריק דאָוגלאַס, אַרויסגעזאָגט אויף אַ פאַרזאַמלונג אין פילאַדעלפיע:

„דער נעגער איז באַפרייט געוואָרן פון אונטער דער מאַכט פון זיין פערזענלעכן באַלעבאָס, אָבער ער איז פאַרבליבן אַ שקלאַף ביי דער געזעלשאַפט. ער האָט ניט קיין געלט, ניט קיין פאַרמעגן, ניט קיין פריינט. ער איז באַפרייט געוואָרן פון זיין אַלטער פלאַנטאַציע, אָבער ער האָט גאָרניט באַקומען, אויסער אַ שטויביקן וועג אונטער די פיס, איבער וועלכן ער שפּאַנט. ער איז באַפרייט געוואָרן פון זיין אַלטער וואוינונג, וואָס האָט אים געדינט פאַר אַ נאַכטלעגער, אָבער ער איז געוואָרן אַ שקלאַף פון די זומערדיקע רעגנס און ווינטערדיקע קעלטן. ער איז געבליבן פּריי, נאַקעט, הונגעריק און אומפאַרמעגלעך אונטערן פרייען הימל" [4].

דאָגלאַס, בראש פון אַ נעגער־דעלעגאַציע, האָט זיך געשטעלט פאַר פּרעזידענט דזשאָנסאָן, אָבער גאָרניט געפּועלט. דער קאַמף איז פאַר־געזעצט געוואָרן.

דזשאָנסאָן האָט אָנשטאָט באַשטראָפן די קאָנפעדעראַטיווע רעבעלן, זיי דערמוטיקט. אויף די שטאַט־קאָנווענשאַנס אין דרום זיינען אַ סך דעלעגאַטן געזעסן אין זייערע קאָנפעדעראַטישע אוניפאָרמען.

אין יענע יאָרן איז אונטערגענומען געוואָרן פון די ראַדיקאַלע רע־

פובליקאַנער אַן אינטענסיווער פּאָליטישער קאַמף, אין וועלכן עס זייַנען טעטיק געווען די שוין פאַרמעל־באַפרייטע נעגערס פון די דרום שטאַטן, פאַר שטים־רעכט, פאַר בילדונג, קעגן שטייערן־דיסקרימינאַציע און פאַר פּאָליטיש־סאָציאַלע רעכט אין אַלגעמיין.

די וויכטיקסטע דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע אין דרום און אין די שכנותדיקע צפון־מזרח־שטאַטן זיינען געווען די „יוניאַן־ליגעס״ (פאַר־באַנד־ליגעס), אָרגאַניזירט אין קלובן ווי פּאָליטישע צענטערס, דורך ווייַ־סע און נעגערשע ראַדיקאַלע רעפּובליקאַנער. זיי האָבן פאַרגעשטעלט דעם מיליטאַנטסטן פּאַטריאָטישן און ראַדיקאַלן פליגל פון דער בורזשואַ־זיע. די פאַרגייערין פון דער באַוועגונג איז געווען די „יוניאַן־ליג״ אין פילאַדעלפיע, וועלכע האָט זיך אָרגאַניזירט ביים אָנהייב פון בירגער־קריג.

מאָביליזירנדיק אַלע פּאַטריאָטן און ראַדיקאַלן פון דער בורזשואַזיע האָבן זיי אָרגאַניזירט שטיצע פאַר די אָרעמע נעגערס, אָנגעפירט אַן אַגיטאַציע צווישן די געוועזענע שקלאַפן אין די איינגענומענע טעריטאָ־ריעס און זיינען געוואָרן אָפּאָזיציע־צענטערן צו דער דזשאָנסאָן־בורבאָן־אַליאַנץ (די קאָאַליציע פון דזשאָנסאָן און די געוועזענע קאָנפעדעראַטן).

די פאַרשפּרייטונג פון פיר און אַ האַלב מיליאָן אַגיטאַציע־פּאַמפלעטן — צווישן די יאָרן 1865־1868 — דורך דער פילאַדעלפיער „יוניאַן־לי־גע״ אַליין, ווייזט ווי ענערגיש און עקסטענסיוו די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט אַגיטירט פאַר רעקאָנסטרוקציע.

אין יענע יאָרן זיינען אויך אויפגעקומען די דרומדיקע ווייסע רע־פובליקאַנער, וועמען די רעאַקציאָנערן האָבן באַצייכנט אַלס „קאַרפּעט־בעגערס״ (טעפּיך־בעטלער), וועלכע האָבן אין זייערע רייען איינגעשלאָסן מיליטאַנטע נעגערס. דאָס איז געווען אַ נייע באַוועגונג אין אַ נייער עפּאָכע; אַ ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציע אויף אַ שטאַט־מאַסשטאַב, מיט אַ ברייטער, אַלץ איינשליסנדיקער ווייסע און נעגערס־אחדות. באַזונדערס האָט זיך די באַוועגונג אַנטוויקלט אין דרום־קאַראָליינאַ.

דער פייער פון די שונאים פון רעקאָנסטרוקציע איז געצילט גע־וואָרן אין דער ראַדיקאַל־רעפּובליקאַנער אָרגאַניזאַציע, וועמען זיי האָבן באַצייכנט ווי „לאַנג־האָריקע באַרבאַרן״, „ניגער־דינער״. די מערסטע פון די „קאַרפּעט־בעגערס״ זיינען געווען וועטעראַנען פון בירגער־קריג, וואָס זיינען פאַרבליבן אין דרום. דאָס זיינען געווען אויפריכטיקע

אַבאַליציאָניסטן, וועלכע זיינען געבליבן אויף די ערטער כדי צו באַשיצן זייער רעכט און טראַנספאָרמירן די דרום־שטאַטן אין אַ נייער דע־מאָקראַטיע [5].

אין די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך אויך באַטייליקט יידן פון דער „סאָוט״.

פרענקלין י. מאָזעס, אַן אַדוואָקאַט פון סאָמטער, ס. ק., איז גע־וואָרן דער הויפּט־ריכטער פון העכסטן געריכט אין דעם שטאַט אין 1868. די בורבאָנען און ווייסע טעראָריסטן פון דרום־קאַראָליינאַ האָבן אים באַקעמפט ווי זייער בלוטיקסטן שונא. אַטאַקירנדיק דעם אַנטי־שקלאַפערישן יידישן ריכטער האָבן די נעגער־האַסער געשריבן: „אַ־נ־זער שלעפערישע לעגיסלאַטור האָט דערוויילט דעם ביליקן רענעגאַט פ. י. מאָזעס אַלס הויפּט ריכטער און צוויי „קאַרפּעט־בעגערס״ אַלס זיינע געהילפן צו איינטיילן גערעכטיקייט דער אָרעמער און באַנקראָטירטער דרום־קאַראָליינאַ״ [6].

אַן אַנדער מיטגליד פון דער רעקאָנסטרוקציע־רעגירונג אין סאָוט־קאַראָליינאַ איז געווען דער ייד און מולאַטאָ פרענסיס לואיס קאַרדאָזאָ, אַ זון פון דעם יידישן עקאָנאָמיסט און רעדאַקטאָר פון טשאַרלסטאָן, יעקב נ. קאַרדאָזאָ, וועלכער האָט אים געהאַט פון אַ האַלב אינדיאַנער און האַלב־נעגערשער פרוי. אין נאָוועמבער 1863 האָט קאַרדאָזאָ אָנטייל גע־נומען אין דער „סטעיט־קאָנווענשאָן״ פון די באַפרייטע קאָלירטע פון שטאַט, וואָס האָט געפאָדערט גלייכע שטים־רעכט, צו דינען אין די „דזשוריס״ [7] און רעכט אויף ערד.

אויף דער זעלבער קאָנווענשאָן האָט קאַרדאָזאָ אויך געפאָדערט דורכפירן אַ גרינטלעכע לאַנד־צעטיילונג. קאַרדאָזאָ האָט דערקלערט, אַז די פּלאַנטאַציע־סיסטעם איז איינע פון די הויפּט־פעסטונגען פון שקלאַפעריי — דער איינציקער וועג צו פאַרניכטן די שקלאַפעריי אויף אייביק, איז מאַכן אַ סוף צו דער פּלאַנטאַטאָרישער אָרדנונג, מען זאָל צעטיילן די ערד.

די דאָזיקע צוויי דרומדיקע יידן, מאָזעס און קאַרדאָזאָ, איז געווען באַשערט צו ווערן ראַדיקאַלע פירער פון דער רעקאָנסטרוקציע. ווי ווייט זיי האָבן באַאיינפלוסט די יידישע באַפעלקערונג פון די דרום־שטאַטן איז שווער צו באַשטימען.

דער קעגן־זיג פון דער רעאַקציע איבער די ראַדיקאַלע כחות האָט

זיך אַנגעהויבן אין די זיבעציקער יאָרן. די דעראָבערטע פרייהייט און רעכט פון נעגערס זיינען, אונטער די נייע באַדינגונגען, אַלץ מער און מער פאַרשמעלערט געוואָרן און אין אַליאַנץ מיט די רעאַקציאָנערע הער־שער פון דרום־קאַראָליינאַ זיינען אויך אַרויסגעטראָטן יידן פון טשאַרלס־טאָן. די יידישע בורזשואַזיע פון טשאַרלסטאָן האָט געמאַכט איר ביישטייער פאַר דער דערוויילונג פון געוועזענעם גענעראַל פון דער קאָנפעדעראַטי־שער רעבעליע, וויד העמפּטאָן, און זיך געפונען אין זיין רעאַקציאָנערער אָרגאַניזאַציע „די רויטע העמדער" („רעד שוירטס") [8].

3. דער לינטש־טעראָר קעגן ייד און נעגער

די יאָרן 1865־1868 זיינען אַ פּעריאָד פון קריסטאַליזירן זיך פון פּאָליטישע און סאָציאַלע פראַגן ביי דעם נעגער־פאָלק און פון קריסטאַ־ליזירונג פון באַציאונג פון יידן צו דער פראַגע פון רעקאָנסטרוקציע.

דער קורצער פּעריאָד פון דעמאָקראַטישער באַנייאונג נאָכן בירגער־קריג איז גאָר אין גיכן ברוטאַל דערשטיקט געוואָרן דורך די שקלאַפן־אייגנטימער פון דרום, מיט דער הילף פון דער זיגרייכער בורזשואַזיע אין צפון. דער נעכטיקער שונא פון האַלב פעאָדאַלן דרום האָט געשלאָסן שלום מיט זיין נעכטיקן שונא. די דרומדיקע פּלאַנטאַטאָרן האָבן, מיט דער הילף פון דער בורזשואַזיע אין צפון, געוואָלט אויפסניי אָנטאָן קייטן אויף די נעגערס, זיי פאַרקנעכטן עקאָנאָמיש. אין 1866 דערשיינט אויף דער אַמעריקאַנער בינע דער כוליגאַניש־פּאָגראָמישער קו־קלוקס־קלען, וואָס האָט זיך שלעכט אָפּגערופן אויף יידן.

די פּאָגראָמען פון יאָר 1866 אין מעמפיס, טענעסי און ניו־אָרלינס, לואיזיאַנאַ האָבן געטראָגן אַן אַנטי־נעגערשן און אויך אַנטיסעמיטישן כאַראַקטער.

אין 1868 האָט אַן אָפּטיילונג פון קלען־באַנדיטן געלינטשט אַ נעגער, אינאיינעם מיט אַ רוסישן יידן ס. א. ביערפעלד, וואָס האָט געהערט צו די „ראַדיקאַלע רעפּובליקאַנער" און באַשעפטיקט אַ נעגער אין זיין געשעפט.

ביערפעלדס פריינטשאַפט מיט די נעגער־מאַסן האָט אַרויסגערופן דעם צאָרן פון די קלעניש באַנדיטן און אַוואַנטוריסטן. אין חודש אויגוסט האָבן ווייסע טעראָריסטן אַרויסגענומען פון תפיסה אַ יונגן נעגער און אים אויפגעהאָנגען. אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט אַ צאָל נעגערס דער־

שאַסן דעם מערדער, דעם קלען־מיטגליד עזעל. ביערפעלד זאָל האָבן דערמוטיקט די נעגערס און זיי אפילו פּאַרקויפט אַמוניציע [9]). דעם 15טן אויגוסט, 1868, האָבן די קלען־באַנדיטן אַרויסגענומען דעם יידן מיט זיין נעגערשן פריינט און זיי ביידע דערמאָרדעט.

די דאָזיקע ידיעה וועגן דעם לינטש־מאָרד איז באַריכטעט געוואָרן אין דער גאַנצער פּרעסע.

וויאַזוי האָבן רעאַגירט די יידן אויף דעם מאָרד? וויאַזוי האָבן אויס־געזען די באַציאונגען פון יידן צום נעגער בכלל?

עס וואָלט, פאַרשטייט זיך, געווען אַ טעות צו לייקענען, אַז עס זיינען געווען געווען געווען גענוג פאַלן ווען יידן האָבן זיך געשטעלט אויפן צד פון די נע־גער־אונטערטעניקער.

יהודה פּ. בענדזשאַמין, דער „מוח פון דער קאָנפעדעראַציע", וואָס איז נאָכן בירגער־קריג אַנטלאָפן קיין ענגלאַנד, האָט דאָרט געקליבן אַ פאָנד צו באַוואָפענען דעם קו־קלוקס־קלען [10]). אַ געוויסער יידישער קאַפּיטאַן, אייזיק הערמאַן, וועלכער האָט געקעמפט אויף דער זייט פון די קאָנפעדעראַטן, איז נאָכן צוזאַמענפאַל פון דער קאָנפעדעראַטישער אַרמיי געוואָרן דער קאַפּיטאַן פון אַ וואָלונטירישער בריגאַדע, וואָס האָט זיך געשטעלט אַלס ציל צו „באַשיצן די ווייסע באַפעלקערונג פון דרום קעגן די פרייע נעגערס" [11]); אָבער אין גרעסטן טייל איז די יידישע באַפעלקערונג אויפגעציטערט געוואָרן פון די מאָרד־אַקטן מצד דעם קלען. י. מ. וויז האָט נאָך דעם לינטש־אַקט אויף ביערפעלדן אין טענעסי פאַרדאַמט דעם מאָרד. ער האָט געשריבן: „די הענט פון קלען זיינען אָן שום צווייפל רויט מיט שולד פון דער דאָזיקער פּאַסירונג, און דער אמתער גרונט באַשטייט אין דעם פאַקט, וואָס ביערפעלד איז געווען אַן אינ־טעליגענטער אָנהענגער פון דער איצטיקער רעקאָנסטרוקציע־שטעלונג, און אַ פריינט פון די באַפרייטע נעגערס".

דער קלען האָט דעם אַנטיסעמיטיזם געגעבן אַ נייע דימענסיע. עס איז באַשטעטיקט געוואָרן דער איינשטייל פון די יידישע אַבאָליציאָניסטן איינהאָרן און פעלזענטאַל, אַז יעדע דיסקרימינאַציע קעגן דעם נעגערשן פאָלק באַווירקט דעם סטאַטוס פון די יידן אין אַמעריקע, און אַז דאָס אָוועקנעמען די פולע רעכט ביי איין מינדערהייט, רופט זיך באַלד אָפּ צום שלעכטן אויף די רעכטן פון אַלע מינדערהייטן.

די קומענדיקע געשעענישן האָבן באַשטעטיקט דעם דאָזיקן אמת.

אין 1866 איז צוגעשטעלט געוואָרן דער באַפּעלקערונג פון נאָרט־קאַראָליינאַ אַ נייע קאָנסטיטוציע, וואָס האָט געדאַרפט ראַטיפיצירט ווערן. איין פּאַראַגראַף אין דער דאָזיקער קאָנסטיטוציע האָט געפאָדערט, אַז „אַ מענטש, וואָס לייקנט אין דער געטלעכער אויטאָריטעט פון אַלטן און נייעם טעסטאַמענט, זאָל ניט אָנפאַרטרויט ווערן מיט קיין אַמט אין וועלכער עס איז ציווילער אָפּטיילונג פונעם שטאַט״.

די אַמעריקאַנער „באָארד אָוו דעלעגעיטס פון די איזראַעליטן״, די אָפיציעלע אָרגאַניזירטע יידישע געזעלשאַפטלעכקייט, האָט זיך באַלד געווענדט צו אַלע פריינט פון רעליגיעזער פרייהייט אָפּצוּוואַרפן דעם פּאַראַגראַף „וואָס איז קעגן דעם פונדאַמענטאַלן פּרינציפּ פון דער אומשטערבלעכער דעקלאַראַציע פון זעלבשטענדיקייט״.

די ווענדונג האָט באַקומען די שטיצע פון די פּראָגרעסיווע קרייזן אין נאָרט־קאַראָליינאַ, אָבער יידן האָבן נאָך געדאַרפט אַ סך קעמפן פאַר זייער רעכט צו שטימען פאַר דעלעגאַטן צו דער סטעיט־קאָנווענשאַן, און דער דאָזיקער פּאַראַגראַף איז עלימינירט געוואָרן פון דער קאָנסטיטוציע [12].

ענלעכע קאַמפן פאַר גלייכע רעכט פאַר יידן האָבן די דעלעגאַטן פון די נעגערס און פון דער אָרעמער ווייסער באַפעלקערונג אָנגעפירט אויף די קאָנווענשאַנס פון אַנדערע דרום־שטאַטן אין 1868 און געהאָלפן דורכזעצן יידישע גלייכבאַרעכטיקונג.

דריטער טייל

אַמעריקאַנער פרײַהײט

און רעוואָלט־מאָטיוון אין דער ליטעראַטור

דו, ייד, וואָס וואַנדערסט אויף דער עלטער דורך אַלע געפאַרן,
כאָטש איין מאָל צו טרעטן אויפן סירישן באָדן,
איר, אַנדערע יידן, וואָס וואַרטן אין אַלע לענדער אויף אייער משיח.
דו שקלאַף פון קאַראָליינאַ, טעקסעס, טענעסי!

— — — — — — — — — — — — — — —

איר שקלאַפן, פון וועמען עס רינט
טראָפנס שוויס, אָדער בלוט!
איך וואַג אייך ניט לייקענען —
דער פאַרנעם פון וועלט, צייט און רוים מאָנען עס פון מיר.

(וואָלט וויטמאַן „סאַלוט צו דער וועלט").

1. יידישע פרייהייט־מאַטיוון אי דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור

די אַמעריקאַנער יידישע היסטאָריאָגראַפיע קרייזט כסדר אַרום דעם טעמאַטישן חוט־המשולש: יידישער בייטראָג צו דער אינדוסטריע און ווירטשאַפט, קאַמף קעגן דיסקרימינאַציע און אַנטיסעמיטיזם, אימי־גראַנטישע אַמעריקע. יעדער פון די דריי מאָטיוון האָט אַ צאָל פּיאָנערן, אינאָוואַטאָרס און נאָכפאָלגער, אימיטאַטאָרס. לאָמיר דאָ דערמאָנען די איינצלנע, וואָס קאָנען פאַררעכנט ווערן ווי די שאַפער פון מוסטערן אין דער אַמעריקאַנער יידישער געשיכטע.

סיימאָן וואולף, ווי פּיאָנעריש זיין בוך „דער אַמעריקאַנער ייד ווי אַ סאָלדאַט, פּאַטריאָט און בירגער" (פילאַדעלפיע, 1895) איז ניט געווען, האָט שוין לאַנג אויפגעהערט האָבן אַן אַקטיווע ווירקונג אין יידיש־אַמע־ריקאַנישן היסטאָרישן שאַפן, ווייל זיין גאַנצער נוסח איז ווי פון איינעם, וואָס האָט אויף זיך גענומען די שליחות, — האָט זי געמעגט זיין ווי גע־זעלשאַפטלעך וויכטיק, — פון אויסטייטשן, רעכטפאַרטיקן פאַר דער קריסטלעכער וועלט, יענע יידן, וואָס זיינען פאַר דער דאָזיקער וועלט די סימבאָלן פון אומפּאַטריאָטיזם, אויב ניט נאָך ערגער — פאַרראַט.

פּ. וויערניק, אין זיין „געשיכטע פון די יידן אין אַמעריקע" (ניו־יאָרק, 1914) קרייזט אינגאַנצן זעלביקן שטח. זיין געשיכטע איז ווייניקסטנס דריי־סיק יאָר היגטערשטעליק פונעם יידישן לעבן פון אַמעריקע. דערצו נאָך קאָן ער זיך ניט באַפרייען פון אַן אינפאַנטיל־בירגערלעכער שנאה צו דער פּראָגרעסיווער יידישער סביבה, צום אַרבעטער־קלאַס, וואָס האָט אין זיין צייט געהאַלטן אין סאַמע מיטן פון זיינע קלאַסן־שלאַכטן אויף דער יידי־שער גאַס.

יעקב ד. מאַרקוס האָט געפּרואווט אין זיינע ווערק וועגן די ערשטע פּיאָנערישע פּעריאָדן אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע, סינטעזירן דאָס טראַדיציאָנעלע מיטן מאָדערנעם, אָבער מער ווי דעם 18טן יאָרהונדערט האָט ער ניט באַרירט.

אַן אויסנאַם איז בלויז מאָריס יו. שאַפּעס אין זיין „דאָקומענטאַרע געשיכטע פון יידן אין אַמעריקע" (1951), וואָס האָט אין באַלויכטונגען און טייטשונגען פון די טעקסטן, וואָס ער ברענגט, זיי דערנענטערט צום היינט.

די געשיכטע, ווי אַ וויסנשאַפט, אַנטוויקלט זיך פון איינצלנע געשעע־נישן צו ברייט־צעוויקלטע שטייגער־לייוונטן. דער מאָדערנער היסטאָריקער פאַרלאָזט דעם יחיד, דעם העלד, און פאַרטיפט זיך אינעם לעבן פון די מאַסן. די אויפמערקזאַמקייט פונעם היסטאָריקער דאַרף זיך קאָנצענטרירן נים אויפן היסטאָרישן עפּיזאָד, נאָר אויף דער היסטאָרישער סביבה, אויף דער סאָציאַלער אַטמאָספער. דער געשיכטלעכער עפּיזאָד קאָן אונדז אינ־טערעסירן בלויז דאַן, ווען ער ווערט פונאַנדערגעוויקלט אויפן פאָן פון אַ היסטאָרישער סביבה, אין וועלכער דער היסטאָריקער האָט אונדז אַריינגעפירט. אָן איר איז דער עפּיזאָד נים קיין היסטאָרישע געשעעניש, נאָר עפּעס אַ זאַך וואָס איז „ערגעצוואו" פאַרגעקומען. אין אַנדערע ווערטער: די היסטאָרישע פּאַסירונג איז פאַר אונדז היסטאָריש, ווען זי שפּיגלט זיך אָפּ אין אַ באַשטימטן סאָציאַלן און פּאָליטישן קלי־מאַט. בלויז אויף אַזאַ אופן ווערט זי אויס דערציילונג וועגן דעם וואָס האָט „ערגעץ" „אַמאָל" פּאַסירט, נאָר ווערט אַ רעפלעקטאָר אויפן גאַנג פון דער געשיכטע פונעם פאָלק.

„איך בין אויך אַ היסטאָריקער, — האָט אַמאָל מענדעלע גע־זאָגט צום באַוואוסטן יידישן היסטאָריקער ש. דובנאָוו, — אַז איר וועט קומען צו דער געשיכטע פונעם 19טן יאָרהונדערט, וועט איר מוזן זיך באַנוצן מיט מיינע ווערק, כדי צו שילדערן דעם לעבנס־שטייגער פון די דעמאָלטיקע דורות".

אין גרונט פון מענדעלעס זאָג ליגט דער קוק אויף דער רעאַ־ליסטישער ליטעראַטור ווי אויף איינער פון די וויכטיקסטע היסטאָ־רישע קוואַלן, אָן וועלכע ס'קאָן זיך אָפט נים באַגיין דער געשיכטע־פאָרשער. די היסטאָרישע פאָרמולירונגען און וויסנשאַפטלעכע אויס־פירן זיינען דאַך, פּסיכאָלאָגיש גענומען, דער רוי־מאַטעריאַל, פון וועלכן דער לייענער און שטודירער דאַרף אויפשטעלן די קאָנקרעטע פאַרגאַנ־גענהייט. אינעם דאָזיקן פּראָצעס זיינען די ליטעראַריש־קינסטלערישע ווערק פון גרויס באַדייט. זיי פירן גלייך אַריין אין דער עפּאָכע, פון

וועלכער עס האַנדלט זיך אין דער סאַמע געדיכטעניש פונעם שטייגער: זיי ברענגען גלייך אַרויס דעם קאָלאָריט, דעם הויך פון דער צייט.

די היסטאָריקער גייען־צו צו דעם היסטאָרישן מאַטעריאַל ריין סאָציאָלאָגיש און פובליציסטיש. עס איז דעריבער נויטיק אָנצואווייזן אויף דער שיינער ליטעראַטור, ווי אויף אַ קוואַל פאַר דער־לערנען געשיכטע.

איך וויל דאָ אָנווייזן אויף געציילטע פרייהייט־ און רעוואָלט־מאָמענטן אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, ראָמאַנען, נאָוועלן און פּאָעמעס, וועלכע האָבן צונויפגעוועבט סביבה און עפּיזאָדן און אַזוי אַרום אַרויסגעהויבן יידישע פרייהייט־מאָטיוון אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע.

אין די פאַרשיידענע עטאַפּן פון אַמעריקאַנער פרייהייטס־קאַמפּן, האָט זיך די אַמעריקאַנער ליטעראַטור באַנוצט מיט יידיש־געשיכטלעכע סימבאָלן און דער עיקר מיט די פרייהייטס־סימבאָלן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט פסח, מיט דער אוראַלטער טראַדיציע פון אַ פאָלק, וואָס האָט צעבראָכן די קייטן און איז אַרויסגעגאַנגען פון דער לאַנגער נאַכט פון שקלאַפעריי. די פרייהייט־מאָטיוון פון אַלטן ישראל, וועלכער האָט רעוואָלטירט קעגן דער עגיפּטישער שקלאַפעריי אין אוראַלטן מצרים פון די פרעהס, זיינען באַהאַפטן געוואָרן מיט די סימבאָלן פון די אַמעריקאַנער „שטערן און שטרייפן“ און דער „דעקלאַראַציע פון זעלבשטענדיקייט“.

דאָס באַרופן זיך אויף די פסחדיקע פרייהייט־מאָטיוון האָט זיך שוין אָנגעהויבן אין אַכצנטן יאָרהונדערט, אין די קאַמפן פאַר דורכזעצן די אידעאַלן פון דזשעפערסאָנס פרייהייט־פרינציפּן. מיר וועלן אָבער פאַרבייגיין די ליטעראַטור פון דעם פריילינג פון אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע, ווען די אַמעריקאַנער ליטעראַטור איז נאָך געלעגן אין אירע וויקעלעך און ווען די סימבאָלישע יידישע אויסדרוקן און סטיל־פאָרמען אין די ווערק פון אַמעריקעס ליטעראַרישע פיאָנערן, האָבן געגעבן דעם לייענער אַן אילוזיע פון דער שפּראַך, מיט וועלכע די העלדן פון די ווערק האָבן זיך אין יענער צייט באַנוצט.

דער נייַנצנטער יאָרהונדערט ברענגט מיט זיך דעם אָנהייב פון דעם פאַרשאַרפטן סאָציאַלן קאַמף אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס דער נייער קלאַס, וועלכער הייבט־אָן בויען די פּיראַמידן פון אינדוסטריעלן און פינאַנציעלן קאַפּיטאַליזם — די פאַרמערס, די אַרבעטער־מאַסן און יענע אינטעליגענץ, וואָס האָט געוויטיקט פאַר זייער גורל — האָט געפירט אַנטקעגן דער שקלאַפערישער אָרדנונג אין דער „סאַוט“ און אַנטקעגן

יענער גייסטיקער און מאַטעריעלער אויבערהערשאַפט אין צפון, וואָס האָט סאַנקציאָנירט די שקלאַפעריי.

די גרויסע אַמעריקאַנער דיכטער, וועלכע האָבן אָנגעהויבן ווידמען זייערע פּאָעטישע פּערזן דעם קאַמף, האָבן זיך פאַרטראַכט וועגן די בייע מאָדערנע פּיראַמידן פון דער אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע, און דאָס האָט ביי זיי אַרויסגערופן אַסאָציאַציעס און בילדער פון די אוראַלטע פּיראַמידן אין דער עגיפּטישער ציוויליזאַציע מיט טויזנטער יאָרן צוריק.

אָט יענע פּיראַמידן, וואָס שטייען נאָך עד־היום, זיינען דאָך יידישע אַרבעט. מיט טויזנטער יאָרן צוריק זיינען יידישע שקלאַפן געשטאַנען איינגעבויגענע, פאַרמאַטערטע און געטריקנט ציגל, ליים געמישט — און געבויט. זיי האָבן געליטן הונגער, נויט, פּיין, דערנידערונג. די בייטש פון דעם אויפזעער האָט זיך געלאָזט פּילן איבער זייערע רוקנס. אָבער אין די נעכט פון מצרים האָבן זיי זיך פאַרזאַמלט, משפּחה צו משפּחה, שבט צו שבט, — און האָבן געזונגען זייערע אַלטע לידער און געחלומט זייערע חלומות פון פרייהייט.

און געקומען איז אַ מענטש, אַרויסגעריסן די שקלאַפן פון פּרעהס צוואַנגען און זיי געצוואונגען צו ווערן פריי; זיי געזונגען אַ ליד, וואָס די וועלט האָט נאָך ביז דעמאָלט ניט געהערט — דאָס ליד פון פרייהייט, און אַזוי איז איינגעשטעלט געוואָרן אין צענטער פון דער וועלט דער יום־טוב פון פרייהייט.

דאָס פאָלק, וואָס איז געווען פאַרשקאַפט האָט אַ יום־טוב פון פריי־הייט. וואָס פאַר אַ סימבאָל דאָס איז פאַרן פאַרשקלאַפטן נעגער־פאָלק און ווי דאָס האָט אינספּירירט זיינע מאָדערנע משהס, די באַפרייער פונעם ניינצנטן יאָרהונדערט: העריעט טאָבמאַן, פרעדריק דאַגלאַס, דזשאַן בראַון און אַנדערע.

צווישן די גרויסע אַמעריקאַנער פּאָעטן פונעם ניינצנטן יאָרהונדערט פאַרנעמען דער קוועיקער־דיכטער דזשאַן גרינליף וויטיער (1807—1892) און וויליאַם קאַלען בריינט (1794—1878) די מזרח־וואַנט אינעם טעמפּל פון דער פּאָעזיע.

אין וויטיערס פּאָעזיע זיינען דאָ גאַנצע ציקלען אויף ביבלישע טעמעס. איין ליד, וואָס איז אַריין אין די אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלע אַנטאָ־לאָגיעס, איז דירעקט פאַרבונדן מיט דעם פּסחדיקן פרייהייט־סימבאָל. דאָס ליד „די אימיגראַנטן פון קענזעס" — געווידמעט דעם מאַרש פון

די פריי־ערד כוחות („פרי סאָיל״), וואָס האָבן זיך געלאָזן אין יענעם ווייטן דרום־מערבדיקע שטאַט צו באַפרייען די ערד פון דער שקלאַפּערישער שאַנד:

„מיר קרייצן די פּרעריס, די ערדן, די נייע,
ווי דאָס אַלטע ישראל דעם עגיפּטישן ים.
צו מאַכן דעם מערב די היים פון די פרייע,
פאַרניכטן די פּרעהס אין פייער און פלאַם״.

אויך ברייענט האָט אַ צאָל פּרעכטיקע לידער קעגן שקלאַפּעריי.

וויטיער און ברייענט האָבן געהאַט נאָכפאָלגער. אין די נעגערשע לידער פון אַ ריי אַמעריקאַנער דיכטער זיינען דאָ ביבלישע פרייהייט־מאָטיוון. אַ קירך דערציילט ביבלישע לעגענדעס וועגן פּרעהן און די פאַרשקלאַפטע יידן. אויף די שויבן זיינען אויסגעמאָלן תנ״כישע בילדער, ווי משה שפּאַלט דעם ים, ברענגט אַראָפּ די לוחות פון פרייהייט אאַז״וו (זע אַנטאָלאָגיע פון נעגער־דיכטונג). דער לינקאָלן־דיכטער דזשעק לינדסעי האָט אַן אינטערעסאַנטע באַלאַדע „דזשאָן בראַון אין גליל״.

דערבאַרימטער אַמעריקאַנער דיכטער סטיפען ווינסענט בענעט האָט אַרויסגעגעבן אַ גרויסע פּאָעמע אונטערן נאָמען „דער קערפּער פון דזשאָן בראַון״, אויפן נאָמען פון באַרימטן אַמעריקאַנער פאָלק־ליד, וואָס איז געווען אויף די ליפּן פון אַ סך אַמעריקאַנער פרייהייטס־קעמפער. באַזונדערס פון לינקאָלנס סאָלדאַטן אין בירגער־קריג. „דזשאָן בראַונס באָדי לאַיס אַ־מאָלד׳רינג אין די גרעיוו, באַט היז ספּיריט מאַרטשעס אָן״ (דזשון בראַונס קערפּער שימלט אין קבר, אָבער זיין גייסט מאַר־שירט פאָראויס). די פּאָעמע איז אַ וויכטיקער צושטייער צו דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור און ווערט אויך גענוצט ווי אַ היסטאָרישער מאַטעריאַל אין די הויך־שולן און אוניווערסיטעטן. אַ דאַנק דעם בוך באַקומען געשיכטלעכע פּאַסירונגען פונעם בירגער־קריג הויט און פלייש; זיי לעבן אויף.

עס ווערן אויך געגעבן טרעפלעכע כאַראַקטעריסטיקס פון די עיקר־דיקע געשטאַלטן פון יענער עפּאָכע. אין דער פּאָעמע, געשריבן מיט הייסן קעמפערישן אָטעם, פּרוּווט דער דיכטער אויך דעמאַסקירן די זיט־לעכקייט פון דער פּלאַנטאַטאָרישער שקלאַפּעריי אין דער „סאָוט״. ער פירט אַרויס דעם יידישן שקלאַפן־טרייבער, שטאַטס־סעקרעטאַר פון דער רעבעלישער קאָנפעדעראַציע, יהודה פ. בענדזשאַמין, וואָס פירט אַ צוויי־פּנימדיקע ספּעקולאַציע מיט גאָט און שקלאַפּעריי, ביבל און קו־קלוקס־

קלען. בענדזשאַמין ציטערט פאַר אַ מפלה אויפן שלאַכטפעלד, ווייל ער איז אויך אַ „ייד" און ווייסט, אַז ווי אַזעלכער דאַרף ער פירן אַ טאָפּלטן חשבון: אַ חשבון מיטן שונא און מיט זיך אַליין, ווי אַן אייניקל פון די וואָס זיינען אַמאָל אַליין געווען שקלאַפן אין מצרים.

2. אין דער ענגליש־יידישער ליטעראַטור

לעאָן פויכטוואַנגערס ביאָגראַפישער ראָמאַן וועגן בענדזשאַמין פרענקלין, „שטאָלצער גורל" (פּראַוד דעסטיני, ניו־יאָרק, 1948) איז אַ וויכטיקער ביישטייער צו דער אַמעריקאַנער געשיכטע. פויכטוואַנגער האָט באַוויזן צו געבן אַ שטיק היסטאָרישעווירקלעכקייט אין איר באַזיניקטער אידייע. דער ראָמאַן ווייזט אָן אויף די מאָראַלע יסודות פון פרענקלינס אידעאָלאָגיע פון טאָלעראַנץ און ברידערלעכקייט, און שאַפט גלייכצייטיק די בויטיקע ראָם פאַר זיין העלד, איינעם פון די פאָטערס פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע.

קעמפנדיק פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע גלויבנס אין דער פילאַדעלפיע פון 18טן יאָרהונדערט, ערב דער פּראָקלאַמירונג פון דער דזשעפערסאָנישער דעקלאַראַציע פון זעלבשטענדיקייט („דעקלאַרעישאָן אָוו אינדעפּענדענס"), האָט פרענקלין דעמאַסקירט די היפּאָקריטסטווע פון דעם קלער. פויכטוואַנגער שילדערט, ווי פרענקלין פּרוּווט איבערצייגן אַ קאַטוילישן גלח, אַז מען דאַרף טאָלערירן אַנדערש־גלויביקע און דער היסטאָרישער ראָמאַניסט נוצט אויס אַן עפּיזאָד פון פרענקלינס אויטאָביאָגראַפיע, וואָס איז באַקאַנט ווי „בראשית 13": „אברהם האָט אַרויסגעטריבן פון זיין הויז אַ גאַסט, ווייל יענער האָט ניט געוואָלט לויבן יהוהן, זיין גאָט. און נאָך דעם האָט זיך גאָט באַוויזן צו אים און אויסגערופן: אברהם! אברהם! וואו איז דיין גאַסט?

„מיין האַר, — האָט אברהם געענטפערט, — ער האָט דאָך דיך געלעסטערט, האָב איך אים אַרויסגעטריבן.

„אויב איך האָב אַזוי פיל יאָרן אים געקענט שפּייזן און קליידן און געקאָנט דולדן זיין לעסטערונג, פאַרוואָס האָסטו, זינדיקער מענטש, וואָס דו ביסט, ניט געקענט ליידן פון אים איין טאָג?" — האָט זיך גאָט אָנגעבייזערט אויף אברהמען"...

סיי מרדכי עמנואל נח (1785—1851) און סיי עמאַ לאַזאַרוס (1849—1887) געהערן צו דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור. דער ערשטער — ווי

אַן אַנגעזעענער דראַמאַטורג אין זיין צייט; די צווייטע — אַ פּאָעטעסע, וואָס האָט אַרויסגערופן דעם לויב פון אַנגעזעענע אַמעריקאַנער ליטע־ראַטן. ביי זיי ביידע געפינען מיר שוין מאָטיוון פון פרייהייט און רע־וואָלט, וואָס העלפן דעם לייענער, דורך די קינסטלערישע בילדער, זיך שאַפן אַ קאָנקרעטן באַגריף וועגן יידישן קאַמף פאַר פרייהייט און קעגן שקלאַפעריי אין אַמעריקע.

אין נחס באַקאַנטער מעלאָדראַמע „מעריאַן”, אָדער „דער העלד פון לעיק דזשאָרדזש” (1821), ווערט דער ראַמע־און־דזשוליעט־מאָטיוו אָנ־געווענדט אויף דער טעמע פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע. בעווערלי, אַ „טאָרי”, איינער, וואָס איז לאָיאַל צום קיניג פון ענגלאַנד, ווען ער ווערט געפאַנגען פון זיין שוועסטערס געליבטן, מעריאַן, דערקלערט: „מיר האָבן ליב דעם פּאַראַט, ווייל מיר ליבן דעם פאַררעטער”. און אַזוי קאַפּיטו־לירט ער פאַר דער רעוואָלוציע, כדי זיין שוועסטער עמאַ זאָל קענען הייראַטן מיט דעם רעבעל מעריאַן.

דער אינהאַלט פון דער דראַמע ווערט קלאָר אין ערשטן אַקט, ווען מעריאַן, וואָס ווערט געפאַנגען פון די ענגלענדער, רופט אויס צו דעם המון: „אין נאָמען פון פרייהייט, פאָלגט אים ניט! פריינט! מענטשן פון לאַנד! וועט איר איבערגעבן צום שענדלעכן טויט אַ סאָלדאַט, וואָס קעמפט פאַר פרייהייט? וועט איר איבערגעבן צו די גרויזאַמע מענטשן אַ בירגער, וואָס האָט מקריב געווען זיין פאַרמעגן, זיין געזונט, כדי אייערע הייזער זאָלן זיין גליקלעך?

„די אויפשטייגנדיקע גלאָריע פון אונדזער לאַנד, איר שנעלער מאַרש צו פרייהייט, דער הייליקער קריג, שרייען קעגן דעם זינדיקן אַקט. ניין! זאָלן די פרעמדע סוחרים ניט געפינען קיין שטיצע צווישן די בראַווע, וואָס קעמפן פאַר זעלבשטענדיקייט”.

ווייטער קומט אַ בילד, ווי מעריאַן ווערט געהאַנגען פאַר זיין „פאַר־ראַט” צו דער בריטישער קרוין און ער שטאַרבט מיט ליבע־ווערטער צו זיין באַשערטער.

האָבן מיר דאָ נאָך אַ בילד פון דער צייט פון אויפשטאַנד פון די דרייצן קאָלאָניעס, פונעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פאַר אַמעריקעס זעלב־שטענדיקייט.

בלויז עלף יאָר איז עמאַ לאַזאַרוס אַלט געווען, ווען זי האָט געזען די ניו־יאָרקער סאָלדאַטן מאַרשירן צו די שלאַכטפעלדער פון בירגער־

קריג, אויפן רוף פון לינקאָלנען, אויסצוראָטן די שקלאַפעריי, און דער רושם איז פאַרבליבן אין איר ליטעראַרישן שאַפן.

דער גרויסער אַמעריקאַנער עסייאיסט און דיכטער ראַלף עמערסאָן האָט דער יונגער דיכטערין געעצהט צו לייענען די ווערק פון טאָראָ און וואָלטמאַן, און פונקט ווי ביי די גרויסע אַמעריקאַנער דיכטער איז אויך עמאַס פראָזע און פּאָעזיע דורכגעדרונגען מיטן רעוואָלט־ און פרייהייט־מאָטיוון.

דער באַרימטער אַמעריקאַנער דיכטער און קעמפער קעגן שקלאַ־פעריי דזשאָן וויטיער האָט אין זיין נעקראָלאָג אויף עמאַ לאַזאַרוס גע־שריבן: „זינט מרים האָט געזונגען וועגן דער גאולה און זיג ביים רויטן ים, האָט די סעמיטישע ראַסע ניט געהאַט קיין מוטיקערע זינגערין... איר ליד, פול מיט אויפרודערונג און קראַפט, איז ווירדיק פאַר דעם דור פון די מאַקאַבייער" (ציטירט לויט מ. שאפּעס' ענגליש בוך: „ע. לאַזאַרוס סעלעקציעס פון איר פּאָעזיע און פראָזע", ניו־יאָרק, 1944).

עמאַ לאַזאַרוס האָט אָנגעשריבן ניט איין ליד וועגן די פרייהייטלעכע ביטראָגן פון יידן צו דער וועלט־געשיכטע בכלל און צו דער אַמעריקאַנער געשיכטע בפרט. „דער ייד, — איך זאָג דאָס מיט שטאָלץ און ניט מיט באַדויערן, — איז אַ געבוירענער רעבעל". „איך זע אין דעם באַזיגטן יידישן סאָלדאַט (פון בר־כוכבא־פעריאָד) די זעלבע לײדנשאַפט פון פּאַט־ריאָטיזם וואָס איז, אונטער בעסערע באַדינגונגען, דעמאָנסטרירט געוואָרן פון וויליאַם פון אָרענדזש, מאַדזיני, גאַריבאַלדי, וואַשינגטאָן".

אין איר ליד „דער טאָג פון די טויטע זעלנער", געווידמעט דער פּראָקלאַמירונג פון ערשטן אָנדענק־טאָג, איז זי אויסן געווען ניט סתם צו ברענגען טרייסט צום „צער פון מוטערס און פרויען", נאָר מען פילט אַז איר ליד איז דורכגעדרונגען מיט דער שפּאַנונג און דער האָפענונג פון אַ צוקונפטיקן פרילינג, וואָס וועט אויפבליען פאַרן לאַנד.

„ווילקאָמען דו גרויער זונטיק־טאָג (סאַבאַט־דעי)
צו אומשטערבלעכער ליבע און רום געווידמעט.
גלאָריפיצירט מיט די רייכסטע מאַי־בלומען,
מיט פרישע רויזן, מיט פרישן גרינגראָז און ליליעס
דו ברענגסט זכרונות וועגן שיקזאַל און טויט,
וואָס האָט באַרייכערט די געשיכטע־בלעטער פון אונדזער לאַנד".

עמאַ לאַזאַרוס האָט אויך געשריבן לידער וועגן יידישע אימיגראַנטן, וואָס האָבן זיך, אין די אַכציקער יאָרן, באַזעצט אין טעקסעס און דאָרט באַארבעט די ערד און דאָרט געזוכט די:

„פרייהייט צו ליבן דאָס געזעץ פון משהן, צו זינגען דאָס געזאַנג פון דודן און צו דענקען די געדאַנקען פון בן־גבירול און שפּינאָזאַ; פרייהייט צו גראָבן די געמיינזאַמע ערד, צו טרינקען די אוניווערסאַלע לופט, — צוליב דעם האָבן זיי געזוכט אַנטרינונג פון כוואַליעס אויף דעם קאָנטינענט, צונויפגעבונדן עגיפּטן מיט טעקסעס אין איין קייט" (פריי איבערזעצט פון „עקזייל").

אין די ערשטע ווערק פון האָוואַרד פעסט האָבן זיך שוין אַרויסגעוויזן יענע פעדים, וואָס האָבן זיך שפּעטער אויף אַ נאַטירלעכן אופן אויס־געוועבט אין זיין היסטאָרישן ראָמאַן וועגן די מאַקאַבייער: „מאַי גלאָריאוס בראָדערס" (מיינע הערלעכע ברידער). אין זיין בוך „די אַנווענקווישד" (די אומבאַזיגטע) וואַרפט פעסט אַ ליכט אויף וואַשינגטאָנען און די מענטשן אַרום אים אין די קריטישסטע טעג פון דער רעוואָלוציע. אין דעם בוך באַקומען מיר אויך, אין קורצע שטריכן, אַ בילד פון דעם אומבויגזאַמען יידישן פּאַטריאָט, חיים סאָלאָמאָן.

דורך זיין ראָמאַן „סיטיזען טאָם פּעין" (בירגער טאָם פּעין) פירט האָוואַרד פעסט דורך אויך יידישע פיגורן און שילדערט זייער ווירקונג אויף פּעינס ליידנשאַפטלעכער קעגנערשאַפט צו שקלאַפעריי. אינטערע־סאַנט פאַרן היסטאָריקער איז די סצענע, וואָס שילדערט ווי פּעין, וועל־כער אַרבעט ווי אַ לערן־יינגל אין אַ דרוקעריי, קומט צו דער אַרבעט אַ דערצאָרנטער. דאָס בילד פון אַ שקלאַפן־ליציטאַציע ((אויספאַרקויף), וואָס ער האָט צוגעזען אין האַפן פון פילאַדעלפיע, פאַרפאָלגט אים, אַזוי אַז ער קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען. פּלוצלינג קומט אַריין אין דער דרוקעריי אַן אָרעמער ייד, דער שמש פון דער אַלטער יידישער קאָנגרע־גאַציע מיט אַ בינטל שמות, צעשאָטענע בלעטער. ער פאַרלאַנגט, מען זאָל פון די בלעטער אויסזעצן אַ נייעם בוך.

„וואָס איז עס פאַר אַ בוך? — פרעגט דער אייגנטימער פון דער דרוקעריי.

„אַ געבעט־בוך (סידור)!" — ענטפערט דער ייד.

„איך זעץ ניט קיין ביכער פון יידן", דערקלערט דער באַלעבאָס. אָבער טאָם פּעין פאַלט אויף אַזאַ המצאה. ער זאָגט דעם שמש: לייען

עפּעס פאַר מיר פון די בלעטער. מיש אויף און לייען. אויב ס'וועט מיר געפעלן, וועל איך זיי דרוקן. דער ייד מישט די געלע, פאַרטערטע בלעטער פון דער תפילה „אלה אזכרה" — אָט־די טו איך געדענקען — וואו עס ווערט איבערגעגעבן די געשיכטע פון די צען „הרוגי מלכות", די יידישע מאַרטירער פון רוימישן אימפּעראַטאָר.

די צען „הרוגי מלכות" זיינען לויט דעם פּיוט (תפילהדיקע פּאָעזיע) געווען קרבנות. זייער טויט איז געווען אַ זינד־פאַרגעבונג פאַר דעם חטא, וואָס די ביבלישע צען ברידער זיינען באַגאַנגען קעגן יוספן, ווען זיי האָבן אים פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט. מידת הדין האָט די גאַנצע צייט מקטרג געווען, ביז זי האָט געפונען אין די שפּעטערדיקע דורות אויף וועמען אויסצוגיסן דעם צאָרן, ווייל אין פסוק שטייט: „ווער עס גנבעט אַ מענטשן און פאַרקויפט אים פאַר אַ קנעכט — זאָל ער געטויט ווערן".

ווען בירגער פעין דערהערט די ווערטער, שרייט ער אויס: „גענוג! איך וועל דרוקן!" ער ווערט גערירט פון דער תפילה, וואָס האָט אויסגעקריצט אויף דור־דורות דעם ניט־אָפּגעקילטן צאָרן אויף יענע, וואָס האָבן געמאַכט סחורה פון אַ מענטשן... דאָס שפּילט אַריין אין געמיט פון דעם אַנטי־שקלאַפערישן קעמפער, דעם אַמעריקאַנער דענקער און רעוואָלוציאָנער, טאָמאַס פּעין, מחבר פון „קאָמאָן־סענס" (פּשוטער שכל).

אין אַנדערע קורצע דערציילונגען פון די פּיאָנערן־צייטן (פראָנטיר־טעג) אין אַמעריקע פירט האָוואַרד פעסט אַרויס דעם יידן, וואָס האָט געקעמפט פאַר אַ דעמאָקראַטישער אַמעריקע.

אין האָוואַרד פעסטס „פרידאָם ראָוד" (פרייהייט־וועג), געווידמעט דעם רעקאָנסטרוקציע־פּעריאָד נאָכן בירגער־קריג, איז דאָ אַ פּרעכטיקע שילדערונג, ווי דער הויפּט־העלד, דער נעגערשער פרייהייט־קעמפער, גדעון דזשעקסאָן, ווערט איינגעלאַדן אין הויז פון אַ באַנקראָטירטן פּלאַנטאַטאָר אין טשאַרלסטאָן, סאַוט קאַראָלאַינאַ, סטעפאַן האָלמס. די עצם אַנוועזנהייט פון דזשעקסאָן אין הויז פון די באַזיגטע, אָבער שטאָלצע אַנגלאָ־זאַקסישע שקלאַפן־אייגנטימער, וועלכע האָפן נאָך אויפן טאָג פון נקמה, ווען זיי וועלן ווידער אָנטאָן קייטן דעם קאָלירטן מענטשן, — זיין געמיטלעכער שמועס מיט זיי, רופט אַרויס אַ פייערדיקן צאָרן אין די

ראַסן־שונאים. גדעון דערציילט עפּעס, אָבער דער פּלאַנטאַטאָר קאַרוועל לאָזט אים ניט ענדיקן, און וואַרפֿט אים אַרויס.

גדעון איז געגאַנגען אין יענער פֿרילינג־נאַכט און געטראַכט: „ווי־פּיל שרעק און וויפֿיל מורא זיינען דאָ אויף דער וועלט אָן אַ שום גרונט. די גאַנצע וועלט איז אַ מיסטעריע, ביז מען דערגרונטעוועט זיך ניט צו אירע סיבות. דער טונקל־זילבערנער טייך (טשאַרלסטאָן בעי), וואָס איז איצט פֿול מיט שאָטנס, וועט מאָרגן אויסזען ווי אַ געשייערטער זילבערנער טעלער קעגן די זון־שטראַלן. די קייטן, וועלכע האָבן גע־שמידט די קינדער פֿון מיין פֿאָלק וועלן קיינמאָל ניט געקאָוועט ווערן. ניטאָ קיין פּלאַץ פֿאַר קייטן אין ליכט פֿון דער זון"...

גדעון האָט אָנגעהויבן זינגען מיט אַ ווייכער שטים: „ווען ישראל איז געווען אין מצרים — לאָז מיין פֿאָלק פֿריי — אַזוי שטאַרק געדריקט אַז זיי האָבן מער ניט געקענט אויסהאַלטן — לאָז מיין פֿאָלק פֿריי!...".

"LET MY PEOPLE GO!"

אַן אינטערעסאַנט ביכל פֿון מיניאַטור־דערציילונגען, היסטאָרישע נאָוועלן „וועגן יידן, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין אויפֿבוי פֿון אַמע־ריקע", איז די זאַמלונג פֿון עמאַ ערליך־לעווינדזשער „ביי דער גאָלדענער טיר" (ניו־יאָרק, 1947). דאָ האָבן מיר נאָוועלן וועגן דער „שיינער רע־בעקאַ" (רעבעקאַ גראַץ פֿון פֿילאַדעלפֿיע, די פֿריינדין פֿון דעם באַ־רימטן אַמעריקאַנער שרייבער וואַשינגטאָן אירווינג און דער פּראָטאָ־טיפּ פֿון וואַלטער סקאָטס ראָמאַן „אייוואַנהאָו"); וועגן דעם יידן, וואָס האָט פֿאַרבלאָנדזשעט אין לינקאָלנס טפֿיליז־קראָם, בשעת דער גרויסער עמאַנציפּאַטאָר האָט נאָך געוואוינט אין אַ קליין שטעטל, סיילעם, אין שטאַט אילינאָי; וועגן חיים סאַלאָמאָן, און אַנדערע.

אינטערעסאַנט איז די דערציילונג „פֿון קנעכטשאַפֿט צו פֿרייהייט" („אַוט אָוו באָנדעדזש"), וואו די שרייבערין פֿירט אַרויס דעם באַרימטן פֿירער פֿון די רעפֿאָרמירטע יידן אין אַמעריקע, דוד איינהאָרן, אין זיין קאַמף פֿאַר נעגער־רעכט. די העלדין פֿון דער דערציילונג איז די נע־גערשע שקלאַפֿין מענדי, וועלכע איז געררירט פֿון דער מענטשלעכער באַציאונג, וואָס דוד איינהאָרן, דער גייסטיקער פֿירער פֿון די דייטשישע יידן אין באַלטימאָר, ווייזט אַרויס צו איר פֿאַרשקלאַפֿט פֿאָלק. מענדי, אַ דינסט, וואָס האָט געדינט אין אַ הויז קעגנאיבער ראַביי איינהאָרנס וואוינונג, האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון די געשרייען פֿונעם פּראָ־שקלאַפֿע־

רישן „מאָב" (המון) אין גאַס: „לאָמיר חרוב מאַכן דאָס הויז פון דעם ראַביי! לאָמיר אָנלערנען דעם יידישן פּאַסטוך און אים ווייזן ווי מיר באַהאַנדלען נעגער־ליבהאָבער!"...

מענדין, דער שקלאַפין, איז געווען פּאַרוועדט אין איר האַרס הויז צו עסן מיט די באַלעבאַטים ביי איין טיש. ווען עס איז געקומען פּסח, האָט זי געוואָלט זען ווי מען ריכט אָפּ סדר אין אַ יידיש הויז. זי האָט זיך שטילערהייט אַרויסגעגנבעט פון שקלאַפן־הויז אין דער קיך פונעם ראַבייס וואוינונג און האָט איצט געזען וואָס אַנדערע ווייסע ניט־יידן, האָבן יאָ געקענט זען: „די ליכט, די מצות, דעם זילבערנעם כוס פאַרן נביא פון פרייהייט, אליהו". אָבער מער איז זי באַגייסטערט געוואָרן ווען זי האָט געהערט דורך דער טיר, ווי דער ראַביי דערקלערט די באַדייטונג פון דעם פרייהייטס־יום־טוב: „עבדים היינו! מיר זיינען אַמאָל געווען שקלאַפן און זיינען אַרויס פון הויז פון קנעכטשאַפט".

„פון שקלאַפעריי צו פרייהייט!" — האָט מענדי געמורמלט אין דער שטיל, — „קאָן אויך עמיצער ברענגען פרייהייט פאַרן נעגער־פאָלק!"

ווייטער שילדערט עמאַ לעווינדזשער די געשיכטע פון איינהאָרנס קאַמף קעגן נעגער־שקלאַפעריי. מיט זיינע פייערדיקע דרשות אין זיין טעמפּל האָט ער אַרויסגערופן קעגן זיך דעם צאָרן פון די מיטגלידער פון זיין קאָנגרעגאַציע וועמענס אינטערעסן זיינען געווען פאַרבונדן מיט די שקלאַפן־האַלטער, און דער עיקר אַרויסגערופן דעם ברענענדיקן האַס פון די ניט־יידישע שקלאַפן־באַזיצער, וועלכע האָבן מיט עטלעכע טעג פריער פאַרברענט די דרוקעריי פון זיין ניט־יידישן פריינט, דעם דייטשישן פרייהייטס־קעמפער, רעדאַקטאָר פון דער אַנטי־שקלאַפישער צייטונג „דער וועקער". די פרייהייטס־שונאים האָבן אַרויפגעשטעלט אויפן שוואַרצן צעטל איינהאָרנס נאָמען און אים געוואָלט אַפּראַמען פון וועג. די באַלעבאַטים פון טעמפּל זיינען געקומען צום ראַביי אין הויז און אים געוואָרנט:

„הענגט אויף די רעבעלישע פאָן (די פאָן פון דער קאָנפעדעראַציע אין דער סאַוט קעגן לינקאָלן און די צפון־שטאַטן)".

איינהאָרן האָט זיינע באַלעבאַטים דערציילט אַ מעשה פון מיטלאַלטער. בעת די קרייצצוגלער האָט אַ ייד, אויפגעהאַנגען אַ קרייץ איבער זיין טיר, כדי ער זאָל געראַטעוועט ווערן פון טויט. נאָכדעם אָבער ווי די באַנדעס קרייצטרעגער זיינען אַוועק פון שטאָט, זיינען די פאַרבליבענע יידן גע־

קומען אין יידנס הויז און אים געטראָפן אַ טויטן. ער איז אַליין באַ־גאַנגען זעלבסטמאָרד פאַר חרפּה... „ווי קענט איר פאַרלאַנגען פון מיר, איך זאָל אויפהענגען אַ פאָן וואָס פאַרראַט די פאַראייניקטע שטאַטן?"

דראַמאַטיש איז די שילדערונג, ווי איינהאָרן מיט זיין פאַמיליע אַנטלויפן אין מיטן נאַכט פון באַלטימאָר. מענדי האָט זיך דורכגעריסן דורכן המון פון די באַנדיטן מיט זייערע רציחהדיקע פּנימער. זי האָט שוין מער ניט געפילט קיין שרעק, ווייל די צוזאַגנדיקע שטים אין יענער סדר־נאַכט פון דעם צו וועמען זי האָט אַרויפגעקוקט, האָט זי געשטאַרקט. איר איינציקע זאָרג איז געווען, וואָס זי האָט ניט באַוויזן צו וואָרענען דעם רב באַצייטנס, ער זאָל אַנטלויפן.

פלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ גרויליקער אויסגעשריי: אַ פיינט־לעכע קויל פון די שקלאַפעריי־פּאַרטיידיקער האָט דורכגעלעכערט איר ברוסט. „די שקלאַפין איז געבליבן ליגן ביי דער טיר פון פרייהייט".

3. אַמעריקאַנער היסטאָרישע מאָטיוון אין דער יידישער פּאָעזיע

קעמפערישקייט און מאַרטירערישקייט, די צוויי הויפּט־מאָטיוון, וואָס גייען צוזאַמען און דערגאַנצן זיך אָפט, זיינען מייל־צייכנס אויפן וועג פון אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע און פּראָגרעס. פון באַפרייאונג־קאַמף, וואָס דער גרויסער לינקאָלן האָט אָנגעפירט מיט קאַרגע הונדערט יאָר צוריק קעגן דער נעגער־שקלאַפעריי איבער די קאַמפן פאַרן אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג; דעם טויט פון די העי־מאַרקעט מאַרטירער ביז „סאַקאָ און וואַנזעטי", „סקאָטסבאָראָ" — מיט די און אַנדערע שעפערישע מאָ־טיוון איז דורכגעדרונגען די אַמעריקאַנער יידישע פּאָעזיע.

פאַר די קלאַסיקער פון דער יידישער אַרבעטער דיכטונג אין אַמע־ריקע, וואָס האָט אָנגעהויבן אויפקומען אין די 80ער יאָרן פונעם 19טן יאָרהונדערט איז לינקאָלנס קאַמף קעגן לייב־שקלאַפעריי פאַרבליבן אַק־טועל און מאָראַליש־אָנרעגנדיק אין דער נייער עפּאָכע, די תקופה פון קאַמפן קעגן לוין־שקלאַפעריי.

דוד עדעלשטאַט האָט אין זיינע ערשטע לידער געזען די אייזערנע קייט ווי דעם סימבאָל פון שקלאַפעריי. „זיין האַס צו שקלאַפעריי און קנעכטשאַפט דריקט ער אויס אין זיינע עפּיטעטן צו דער אַרבעטערשאַפט.

אין זיינע לידער רופט ער זי אָן 113 מאָל מיט די עפּיטעטן „שקלאַפן און קנעכט" (קלמן מרמר, „דער אָנהייב פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע", ניו־יאָרק, 1944, ז' 85). ס'איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס ער האָט געווידמעט אַ ליד דעם קעמפער און מאַרטירער „דזשאָן בראַון".

„געקרוינט מיט בלומען אין וואַשינגטאָן,
דער פּאַטריאָט, דער זעלנער
און דער פרייהייט־קעמפער דזשאָן בראַון
ער בלוטעט אין גיפטיקע דערנער.

— — — — — — — — — — — — — —

מען האָט אים געפאַנגען, מען האָט אים דערוואָרגן,
דאָך באַלד נאָך זיין העלדישן טויט
איז אויפגעגאַנגען דער גאָלדענער מאָרגן,
געפאַלן איז דעם נעגערס קייט".

מאָריס ראָזענפעלד, דער „טרערן־מיליאָנער", האָט פאַרמאָגט אַ ברייטע גאַמע פון מאָטיוון, וואָס האָבן אַריינגענומען, סיי דעם אַמעריקאַנער פּעיזאַזש און סיי די געשיכטע („ביי דעם שטילן האַדסאָן קלאָג איך"). פון זיינע אַמעריקאַנער לידער אויף דעקלאַראַטיווע טעמעס איז כדאי צו ציטירן פון ליד וועגן לינקאָלן, וואָס איז אַ מוסטער פון קלאַנג און בילד.

„אויף קענטאָקיס גרינע וויזן,
אין אַ שטיבל אויפן פעלד,
איז דער ריז פון פרייהייטס־ריזן
אָנגעקומען אויף דער וועלט.

— — — — — — — — — — — — — —

און ער האָט די קייט צעריסן
און געלאָזן גיין דעם קנעכט,
און באַפרייט אַ פאָלקס־געוויסן
און געקרוינט דאָס מענטשן־רעכט".

אין דער יידישער פּאָעזיע איז אברהם ליעסין געווען איינער פון די ערשטע, וואָס זיין ליד איז געווען אַ דיאַלאָג מיט אַנדערע תקופות און דורות. ליעסינס דיכטערישן מהות דאַרף מען זוכן נישט אין דער אָדער

יענער געשיכטלעכער טעמע, נאָר אין דעם מאָטיוו פון זיין גאַנצער דיכטונג, און זיין גרונט־מאָטיוו איז די פאַרהיינטיקונג פון דעם עבר, וועלכן ער האָט אַזוי שאַרף געשפּירט. דורך דעם גאַנצן סכום פון זיין שאַפן איז די היסטאָרישע טעמע ביי אים געווען אַ לעבנס־טעמע, זי איז אויסגעדריקט געוואָרן אין יעדן קער און ווענד פון זיין פּאָעטישן געדאַנק און געפיל. ס'איז קיין צופאַל ניט, וואָס גלייך ביי זיין אָנקומען אין דער נייער וועלט האָט ער אָנגעשריבן זיין פּאָעמע „די געטין פון פריי־הייט". אין דער סימבאָלישער אויפשריפט פון עמאַ לאַזאַרוס, דאָס ליד „קאָלאָסוס", וואָס איז אויסגעקריצט אויף דער סטאַטוע, האָט דער דיכטער דערזען אין איר סאָציאַלער מיסיע. און הגם די פּאָעמע האָט אַ גליאיקן ליריזם, איז אָבער דאָ די היסטאָרישקייט דאָמינירנדיק:

„אויף אַ וויטן ברעג,
אויף אַ פעלזן־גרונט,
בויט ער אויף אַ וועלט,
מונטער און געזונט —
אָן אַ דעספּאָטס שוץ,
אָן אַ רויבערס האַלט —
אין דער וויסטעניש
פון דער פּרעירי־ברייט,
אָן אַ האַרן־בייטש,
אָן אַ קנעכטן־קייט".

די אידייען און די בילדער־אַסאָציאַציעס ווערן דאָ געדיכט אָנ־געהויפט און די פּאָעטישע גאַנצקייט ווערט ניט פאַרפאַלן צווישן דער רעטאָרישער געדאַנקלעכקייט.

„אָ, קומט, איר פאַרוואָגלטע, קומט, איר געדריקטע,
פון וועלטן געפּאַקטע, פון וועלטן פאַרשטיקטע,
אַהער אין די וויטן אָן ענד.
אָ, קומט צו די בראַווע, אָ, קומט צו די פרייע,
איר וועט זיך מיט כוחות דאָ אָננעמען נייע —
מיר גיבן אייך האַרציק די הענט".

די עפּאָכע פון די „יונגע" האָט זיך, ווי באַוואוסט, אויסגעדריקט אין דעם שאַרפסטן אָפּנויג פון דעם סאָציאַלן תכלית פון וואָרט און בילד.

זייער גאַנג איז געלעגן אין יחידישקייט, אין זייער אייגענער פּאָעטישער וועלט. די אַזוי־גערופענע טעאָריע פון די „יונגע", וואָס האָט געלערנט, אַז פּאָעזיע איז איבער צייט און האָט אייגנטלעך געמיינט, אַז דער פּאָעט איז אויסער צייט און געזעלשאַפט, און במילא האָט ער קיין קאָנטאַקט ניט מיט דער אַרומיקער וועלט, אויך ניט מיט דעם לאַנד און זיין געשיכטע.

צו זאָגן אָבער, אַז די גרופּע „יונגע", אַלס גאַנצע, האָט ניט דערזען אַמעריקע, די היסטאָרישע אַמעריקע, איז אַ גוזמא. עס האָט זיך אויס־געטיילט אַ גרופּע פון דעם פּעריאָד פון די „יונגע", וואָס איז געווען אַנדערש ווי יוסף ראָלניק, וואָס האָט זיך יאָרן לאַנג געהאַלטן ביי זיין „שטעטל" און דער „מיל"; זישא לאַנדע מיט זיין „ווערטאַנדע" און דער אַרומיקער פאַרגליווערטקייט („אַרום די בערג ווי זיילן טויטע רו"), — אַ גרופּע וואָס איז אַוועק אויף אַנדערע וועגן. צו איר געהערן די יינגער'ע פון די יונגע, ווי י. י. שוואַרץ און מנחם באָריישאָ, וואָס האָבן זיך פּאָעטיש אָפּגערופן אויף אַמעריקאַנער טעמעס, וואָס זיינען אייגנטלעך איין טעמע — אַמעריקאַנער געשיכטלעכע פּעריאָדן.

עס איז אמת, אַז זייערע טעמעס זיינען געווען מער פּעריפערי־ש ווי צענטראַל. די גרונט־עלעמענטן פון דער אַמעריקאַנישקייט פון די יונגע איז, אין עצם, געווען בענקעניש נאָך דער אַלטער היים־סיטואַציע און טראַדיציע. פון אָנהייב אָן האָט זיך מנחם געשראָקן פאַר דעם גייסטיקן יידישן קיום אין אַמעריקע, און כאָטש ער איז געווען צופרידן מיט דעם פאַקט, וואָס „איבער אומענדלעכע ווילדערניש־מיילן האָט דאָ דער ערשטער געטראָטן דער ייד", האָט ער אָבער אויסגעדריקט זיין ווייטיק און זאָרג, וואָס „געבליבן איז אַ קליינער פּאַרק דעם יידנס נאָמען טראָגן, געבליבן איז אַ קליינער שטיין דעם יידנס נאָמען טראָגן, נאָר ס'וויסט ניט קיינער זיין נאָמען וואָס באַטייט".

און אָט האָט באָריישאָ אָנגעשריבן אַ לינקאָלן־ליד „דער האָלץ־העקער". דער דיכטער וויקלט אויף די לעגענדע פונעם לאַנד „דאָס וויגעלע פון פרייהייט", וואו ס'האָט געהערשט דער באַשערטער צוויי־לינג: „טאָט־וואָרט", אָבער באַלד איז דער צווילינג פאַנאַנדערגעריסן גע־וואָרן און ס'האָט אָנגעהויבן רינען דאָס בלוט „פון אָפּגעשיידטן, אָפּ־געטיילטן צווילינג: טאָט אַליין, וואָרט אַליין".

דאָס לאַנד האָט געבלוטיקט, דאָס פאָלק האָט געוויטיקט, ביז עס איז געקומען דער גרויסער האָלץ־העקער און אָנגעהויבן לערנען אַז די

טאַט איז ניט קיין דינער ביים וואָרט, אַז דאָס וואָרט טאָר ניט באַפעלן דער טאַט, נאָר ביידע דאַרפן ווידער זיין פאַרצווייַגט.

„עס שפּרייזט איבערן לאַנד דער האָלץ־העקער,
און יעדער הייב פון שאַרפער האַק,
וואָס שפּילט זיך אין דער זון,
צעוואַרפט אַריבער קעפּ די שיין
פון קומענדיקן בונד —
פון אייביקן באַנייטן צווילינג־בונד".

פון די אידישע אַמעריקאַנער שרייבער וועלכע האָבן גענומען די סאָוט פאַר זייער טעמע איז דער ערשטער געווען דער דיכטער י. י. שוואַרץ מיט זיין בוך „קענטאָקי".

קענטאָקי איז אַ מין אידילישע פּאָעמע און עפּישע שילדערונג צו־גלייך. דאָרט ווערט אַרויסגעפירט דער ייד דזשאָש וועלכער קומט מיט זיין פּעקל גלייך נאָכן בירגער־קריג קיין קענטאָקי און באַזעצט זיך צווישן ניט־יידישע שכנים וועלכע האָבן ביז דעמאָלט אָנגעזען ווייניק יידן. דער דיכטער פירט דורך דריי דורות, אַ זיידע, אַ טאַטע און אַן אייניקל. ס'איז אַ דערציילונג וועגן אַן אויפגעקומענעם יידישן ישוב אין דעם בלוי־גראָזיקן שטאַט. דזשאָ האָט חתונה מיט אַ קענטאָקיער ניט־יידישער מיידל, באַזעצט זיך אין איר שטאָט און ווערט רייך. אין אַ צווייטן טייל פון דער פּאָעמע, „דזשאָרדזש וואַשינגטאָן", קומט דער ייד אין טעגלעכער באַרירונג מיטן נעגער. דער אימיגראַנטישער ייד קוקט מיט גוטע אויגן אויפן נעגער, נאָר זיין זון, דזשעיקאָב, וואָס איז שוין געבוירן אויף דער קענטאָקיער ערד — אים זיינען שוין פרעמד די סימפּאַטישע באַציאונגען פון זיין פאָטער צום נעגער. ער האַלט אַז אַ „נעגער איז אַ נעגער — און דאָס גאָר". ווייטער שילדערט י. י. שוואַרץ ווי דאָס שטעטל צעוואַקסט זיך. עס באַזעצן זיך דאָרטן נייע אימיגראַנטן, טייל יידן באַזעצן זיך אין די אָרעמע געגנטן פון שטאָט, ניט ווייט פון דער נעגערשער באַפעלקערונג.

י. י. שוואַרצס פּאָעמע איז די ערשטע פון דעם מין וואָס האָט זיך ניט בלויז אָפּגעשטעלט אויפן צווישן־שייכותן צווישן ייד און נעגער נאָר בכלל געגעבן זאַפטיקע שילדערונגען פון נעגער־לעבן. די פּאָעמע האָט אָבער קאַרדינאַלע חסרונות וואָס זי איז ניט גענוג סאָציאַל און

אָפּט אויך אַנטי־סאָציאַל. דער דיכטער האָט ניט געזען דאָס נעגערשע און יידישע לעבן אין סאָציאַלן זין. ער האָט ניט באַנומען די אומ־געהייער סאָציאַלע סיבות וואָס האָבן דערפירט צו די אָפּגרונטיקע ליידן פון נעגער־פאָלק. עס פעלן דאָרט די מאָטיוון פון נעגער־פּחד פאַרן קלען, די דיסקרימינאַציעס א. אַז. וו.

אין זיין פּאָעמע „דזשאָרדזש וואַשינגטאָן" שילדערט י. י. שוואַרץ דעם טראַגישן טויט פון דעם נעגער טאָמאַס, וואָס בעת ער ווערט פאַר־משפט צום טויט קוקט ער מיט צער־פולע און טרערנדיקע אויגן אויף לינקאָלנס פאָרטרעט וואָס הענגט אין געריכט. „פאָטער לינקאָלן, האָב רחמנות אויף אַ בלודנעם נעגער".

הינטער דער שעפערישער, סאָציאַל־קאָמפּערישער געמיט־פורעמדי־קער ליטעראַרישער שאַפונג פונעם אַמעריקאַנער יידישן דיכטער איז אין משך פון יאָרן, און נאָך עד־היום, געשטאַנען דאָס בילד און געשטאַלט פון דעם גרויסן האַלץ־העקער און עמאַנציפּאַטאָר אייבערעהעם לינקאָלן. לינקאָלן־לידער האָבן געשריבן דער פאַרשטאָרבענער יוסף גרינשפּאַן, די דיכטער מאַרק שוויד, שרה פעל־יעלין, שלום שטערן, חנה סאַפּראַן, חיים שווארץ און אַנדערע.

די לינקאָלן־טעמע אָבער וואַרט נאָך אַלץ אויף דעם יידישן וואָרט־קינסטלער.

4. העברעאישע נעגער־מאָטיוון

די פראַגע פון דער טעמע איז, ווי באַוואוסט, קיינמאָל ניט אָפּגעריסן פון דער פראַגע וועגן דער אידעאישער ציל־געוועגדטקייט. אינעם אויסוואַל פון דער טעמע ליגט שוין דער וועג, וואָס פירט דעם שרייבער צו דעם בילדעריש־אויסגעדריקטן וואָרט, די טעמע באַאומרואיקט דעם דיכטער. דערפאַר ווייל ער זוכט דורך איר אַן ענטפער אויף דער אָדער יענער פּראָבלעם פון דער איבערגעלעבטער ווירקלעכקייט.

דעם פּאָעט א. ליסיצקי איז ניט פרעמד די טעמע, די וועלט פון נע־גערשן פאָלק.

זיין בוך לידער וועגן נעגער־פאָלק, „באהלי כוש" (אין געצעלטן פון די נעגערס) איז דערשינען אין תל־אביב און האָט באַקומען די רעגי־רונג־פּרעמיע.

נאָך אַלס קינד, דערציילט ליסיצקי, וואוינענדיק אין אַ רוסישן שטעטל

האָט ער, לייענענדיק דאָס קלאַסישע ווערק וועגן וועגן נעגער־שקלאַפעריי „פעטער טאָמס שטיבל" („אַנקל טאמס קעבין"), דערזען די קאָלירטע מענטשן ווי זיינע ברידער און זיין האַרץ איז פול געוואָרן מיט ליבע צו זיי.

ער האָט דערזען דאָס בוך פון העריעט ביטשער סטאָו, ווי אַ בוך וועגן אַ שבט, וואָס איז ווי אַ שבט פון זיינע עלטערן, און איז גלייך ווי די אַלטע העברעאישע שבטים געווען פאַרשקלאַפט אין מצרים און דערפאַר, זאָגט דער דיכטער, „ואמליץ עליהם: שחורים אנחנו ונאים" (שוואַרץ זיינען מיר, אָבער שיין!).

די פעלדער פון לואיזיאַנאַ. גרויסע, לאַנג־מייליקע זומפן מיט שוואַרצע פייכטע וועלדלעך, מיט שטילע טייכן, וואָס גייען ניט, נאָר גיסן זיך ווי ביימל, צווישן די „קאָטן"־פעלדער.

דער הימל איז דאָרט תמיד אַביסל פאַררויכערט ביים האָריזאָנט. די אַרבעטער אויף די „קאָטן"־פעלדער זיינען פינצטער און אָרעם, מיט אַראָפּגעלאָזטע ראַנדן איבער די פאַרוואָקסענע טונקעלע פּנימער. דער ווינט שלעפּט זיך מיט אַ שטיל שאָרך איבער די ביינוול־פעלדער, און אַז דער הימל ווערט פאַרוואָלקנט דאַכט זיך דעם דיכטער, אַז אַפילו די וואָלקנס זיפצן אין שטילן וויטיק אויפן גורל פון דעם האָרעפּאַשנעם באַליידיקטן נעגער־פאָלק.

דאָס נעגערשע געזאַנג, די „ספּיריטיועלס", איז דער זיפץ פון די וואָלקנס אויפן הימל פון לואיזיאַנאַ, פון דזשאָרדזשיאַ. עס איז אַרויסגע־כשופט פון וואַלד, פון די טייכן, פון די בליענדיקע זומפּן. ס'איז דער אומעט, וואָס קוקט אַראָפּ פון די כאַטעס, אָדער געצעלטן, און פון די קליינע הילצערנע קירכן אין די אָרעמע שטעטלעך פון דער „סאַוט".

אין די נעגער־מאָטיוון, וואָס א. ליסיצקי הייבט אַרויס, איז דאָ דער חן פון עכטער פאָלקטימלעכקייט. דער דיכטער הומאַניזירט דעם שטאָף און באַלעבט אים מייסטעריש מיט דער אידייע פון פרייהייט און דער־לייזונג.

„לא שחור הוא היזע —
יזע כושי שחור הגזע?"

(ניט שוואַרץ איז דער שוויס, דער שוויס פון דער טונקעלער ראַסע), ווייל דאָס דאָזיקע שוויס זאַפּט איין די אַמעריקאַנער ערד, און פון דעם

דאָזיקן שוויס און האַרעוואַניע, וואַקסט אַ שפע פון ביינוול („קאָטן״), פלאַקס, וואָס צעגייט זיך איבער אַלע שטעט אין די שטאָטן און שפּייזט די קליידער־אינדוסטריע פון רייכן צפון.

עס איז טאַקע צוליב די טייכן שוויס, בלוט און טרערן, וואָס דאָס נעגער־פאָלק האָט מקריב געווען אויפן מזבח פון אַמעריקאַנער קאַפּיטאַ־ליזם, וואָס באַרעכטיקט דעם נעגער צו פילן, אַז אויך ער האָט אַ גרויסן חלק אין אַמעריקע, אַ חלק וואָס ער האָט ניט באַקומען ווי אַ געשאַנק, נאָר האָט אים דערוואָרבן פאַר אַ גרויסן פּרייז.

„אַמריקה גם לנו, גם לנו תוכה ניר
כי נקנתה גם לנו אמריקה במחיר !...
ביגע בפרך, בצליפות־שוט נוגש על גויה מערומה
בגויה מוקעה על עץ, משפט רשע
כי יעשה בה שפטי־לינץ על לא פשע...״

(אַמעריקע איז אויך אונדזערס! מיר האָבן דאָ אַן אַקער, מיר האָבן זי געקויפט פאַר אַ פּרייז! דורך האַרעוואַניע, דורך די שמיץ פונעם האַר אויף אונדזער באַקעטן לייב; דורך אונדזערע קערפּערס, — געהאַנגען אויף ביימער דורך אַ משפטים פון רשעות, לינטשעריי, אָן שום שולד. —פריי איבערזעצט).

די נעגערשע לידער, די „ספּיריטיועלס״ זיינען אויפגעקומען אין דער עפּאָכע פון נעגערשער שקלאַפעריי, ווען דער רייכער, ווייסער לאַנד־באַזיצער, האָט אַראָפּגעלאָזט זיין קנוט איבער זיין שקלאַף. אָבער אין די לידער, ווי זיי ווערן קינסטלעריש איבערגעזונגען דורכן דיכטער, איז די שטימונג ניט קיין הכנעהדיקע, אונטערטעניקע געזאַנגען וועגן געדולד, גלויבן און האָפנונג אויף דער באַלוינונג פאַר ליידן און פּיינען פון דער ערד אויף יענער וועלט. די נעגערשע „סוירמאָנס״ (דרשות), וואָס ליסיצקי געשטאַלטיקט עכט־קינסטלעריש זיינען האָפערדיק, פריילעך־סאַרקאַסטיש און פול מיט פּראָטעסט. זיי וויגן זיך אויף ווייכע ריטמען און מילדערן דעם צער.

צוליב מאַנגל אין פּלאַץ קאָנען מיר ניט ציטירן קיין אויסצוגן פון זיין וואונדערבאַרע אָפּטיילונג וועגן די נעגערשע „סוירמאָנס״. איך וויל בלויז דערמאָנען זיינע פּאָעמען „דזשאָן דער פּאַסטוך״ (יון הרועה), „תפילה ללינ־קולן איש האלהים״ — אַ געבעט צו לינקאָלן דער מאַן פון גאָט, ווענען

גאָט אַליין הייסט זיך אָוועקזעצן ביי דער רעכטער זייט פון משהן, דעם באַפרייער פון מצרים. ווי אויך די טיף־לירישע בענקשאַפט־געזאַנגען פון די „אסירי הכבל", די אַרבעטער פון „טשעין גענג".

דאָס ביבלישע בילד פון משהן אין דער מדבר, וואָס הייראַט אָן „אשה כושית" — אַ נעגער־פרוי פון מדין (עטיאָפּיע) איז סימבאָליש פאַר דער קרובהשאַפט פון ייד און נעגער. פונקט ווי גאָט האָט באַפוילן משהן אויסצולייזן די עברים פון שקלאַפערישן צוואַנג, אַזוי האָט ער באַפוילן לינקאָלנען ברענגען דערלייזונג דעם נעגער־פאָלק. און דאָ שפּינט אויס דער דיכטער, אָפן סמך פון נעגערשן פאָלקלאָר אַ פאַנטאַסטישע דראַמע ווי גאָט אַליין רעדט אויס מרימען, משהס שוועסטער, פאַר איר אויבן־אָראָפּיקער באַציאונג צו צפּורהן, די „אשה כושית" — די נעגערשע פרוי פון משהן:

„שימי אל ליבך: לא בצבעו נבחן
אדם, מעלות רוחו לא בו נערך שבחן.
יש ונפש שחורה שכנה בגוף צחור,
יש ונפש צחורה שכנה בגוף שחור".

(„נעם צום האַרץ: ניט לויט זיין קאָליר ווערט אַ מענטש אויסגעפּרובירט; ניט דורכדעם ווערט זיין גייסט געשעצט. אַ שוואַרצע נשמה קאָן אַמאָל נעסטן אין אַ ווייסן קערפּער; אַ ווייסע נשמה קאָן רוען אין אַ שוואַרצן קערפּער").

אַזוי גענינגט דעם דיכטער מיט אַ פאָלקטימלעכער פשטות, וואָס ווייעט מיט עכטער ביבלישקייט, צו באַהעפטן די ביידע וועלטן: די אור־אַלטע העברעאישע און די נעגעריש־אַמעריקאַנישע.

אָריגינעל און סימבאָליש זיינען א. ליסיצקיס אַסאָציאַציעס וועגן דער ביבל, וואָס זיינען אייגנטימלעך פאַר ביידע פעלקער: דעם ייד און דעם נעגער. ביידע ליידנדע פעלקער אַסאָציאירן זייערע גאולה־טרוימען מיט די ביבלישע ניסים, וואָס האָבן געטראָפן מיט דניאלן, מיט עזריהן און מיט דעם טייך ירדן אין ארץ־ישראל.

„כלום לא הציל האל את דניאל מגוב האריות,
אף כל אָדם יגאל ויפדה".

(„האָט דען גאָט ניט געראַטעוועט דניאלן פון לייבן־גרוב, פאַרוואָס ניט יעדן מענטשן").

דער „ירדן־טייך״ איז הייליק פאַרן נעגער־שקלאַף, ניט ווייניקער ווי פאַרן טראַדיציאָנעל־פרומען יידן. מער ניט, וואָס דער נעגער געפינט זיך צווישן צוויי מאַגנעטישע כחות, דעם ירדן און דעם מיסיסיפי.

און ביז גאָר סימבאָליש איז די בשותפותדיקע אַסאָציאַציע פון ייד און נעגער מיט דער „גאולה אחרונה״ — דער לעצטער גאולה. אַלץ קאָנען די באַצווינגער און באַדריקער אָוועקרויבן, אָבער איין זאַך בלייבט אים, דער חלום פון דער גאולה. דעם דאָזיקן חלום האָבן די אַמעריקאַנער נעגער־שקלאַפן מיטגענומען מיט זיך אין קבר.

ער שלאָפט, דער נעגער, אין „שויס פון גאָטס ערד״, ביז דער מלאך מיכאל וועט בלאָזן שופר און אָנזאָגן די בשורה, אַז די צייט פון דער־לייזונג איז געקומען און דעמאָלט —

„איקצה, לא עבד, לא אדון, לא נוגש, לא צליפות שוט חובל,
איקצה, לא עבד, לא אדון — הגיע תור־פדות, מועד יובל״.

(„איך וועל זיך אויפכאַפּן, מער ניט קיין שקלאַף, קיין האַר, קיין באַצווינגער, ניטאָ קיין רוט און קיין קנוט און קיין שמיץ; איך וועל זיך אויפכאַפּן, מער ניט קיין שקלאַף, קיין האַר, — געקומען די צייט פון דער־לייזונג, דער יובל״).

5. אַמעריקאַנער געשיכטע מאָטיוון אין דער יידישער פּראָזע

דער אַמעריקאַנער יידישער היסטאָריקער און טעאַטער־קריטיקער לואיס קראָנענבערג האָט מיט אַ צייט צוריק, אין אַ סימפּאָזיום פון ענג־ליש־יידישע שרייבער, דערקלערט, אַז די טעמעס פון „יידישע שעפע־רישע שרייבער, — פיל פון זיי אַמעריקאַנער פון צווייטן דור, — זיינען, אין טערמינען פון אַמעריקאַנער לעבן, מער פעריפעריש ווי צענטראַל. דאָס איז אפילו גילטיק בנוגע דעם אייגנאַרטיקן צושטייער פון יידן צו דער היינטצייטיקער ליטעראַטור, — די ליטעראַטור, וואָס האָט אַ שייכות צו דער שטאָט ניו־יאָרק. זי מאַכט דעם איינדרוק צו זיין מער קוואַרטאַל־מעסיק, ווי מעטראָפּאָל־מעסיק. אַפילו די בולטע אייגנשאַפט פון רעבע־לישקייט אין יידן האָט ניט דערגרייכט קיין גרויסן פאַרנעם״ („אַנדער פאַרטי״, אונטער פערציק, „קאָנטעמפּאָרערי דזשואיש רעקאָרד״, יאַנואַר, 1944).

דער אמת איז, אַז דער יידישער „שעפערישער שרייבער", די אַמע־ריקאַנער יידישע פּראָזאַאיקער, וואָס האָבן געלעבט גאַנץ אַנדערש פון זייערע ניט־יידישע קאָלעגן, זיינען, ניט געקוקט אויף זייער פּעריפעריש־קייט, אויף זייער באַגרענעצטקייט צו דער אימיגראַנטישער סביבה פון דער ניו־יאָרקער „איסט־סאַיד", אויך געווען צענטראַל, און דווקא אין זיינען פון רעבעלישקייט. זיי האָבן זיך אָפּגערופן אויף די רעוואָלט־מאָמענטן אין דער אַמעריקאַנערווירקלעכקייט, אויף די פּאַסירונגען, וואָס זיינען גע־וואָרן שטיקער אַמעריקאַנער געשיכטע.

די יידישע פּראָזע אין אַמעריקע הייבט אָן אויפצוקומען אין די ניינציקער יאָרן — יאָרן פון מאַסן־אויפברויז און דערוואַכונג פון אַמערי־קאַנער אַרבעטער־קלאַס, ווען יידן האָבן געמאַכט זייער צושטייער.

ווען דער שטראָם מזרח־יידן האָט גענומען פלייצן אין אַמעריקע נאָך די צאַרישע פּאָגראָמען פון 1881, האָבן די דייטשע יידן, וועלכע האָבן אַנגעהויבן איינוואַנדערן אַהער נאָך דער רעוואָלוציע אין 1848, זיך באַ־טראַכט ווי פאָרשטייער פון אַמעריקאַנער יידנטום. די דאָזיקע העגעמאָניע האָבן זיי באַקומען, נאָכדעם ווי זיי האָבן אַריבערגעוואַקסן, אין צאָל און אין רייכטום, זייערע פאָרלויפער, די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע יידן.

די דאָזיקע פירערשאַפט איז אָבער אַממערסטן געווען אַ פילאַנ־טראָפּישע. די דייטשע יידן האָבן זיך באַמיט, אַז די נייע יידן זאָלן נישט פאַלן „צו לאַסט" אויף דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. די דאָזיקע דאגה איז געווען אַ ירושה פון די קאָלאָניאַלע צייטן אין אַמעריקע, ווען דער האָלענדישער גובערנאַטאָר פּיטער סטאַיוועסאַנט פון ניי־אַמסטערדאַם (ניו־יאָרק) האָט זיך באַנומען פיינטלעך צו די ערשטע יידישע אימיגראַנטן פון די וועסט־אינדישע אינדזלען. דעמאָלט האָבן די יידישע פאָרשטייער אין האָלאַנד צוגעזאָגט סטאַיוועסאַנטן, אַז די יידישע אימיגראַנטן וועלן ניט פאַלן צו לאַסט אויף דער באַפעלקערונג. דעם צוזאָג האָבן די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע פרנסים און גבאים, און שפּעטער זייערע נאָכפאָלגער, די דייטשע יידן, געהאַלטן.

די דייטשע „יאַהודים" האָבן געהאַט אַ צווייטע זאָרג, אַז די יידן זאָלן זיך „גוט אויפפירן", עס זאָל, חלילה, אויף זיי ניט פאַלן קיין שאָטן פון ראַדיקאַליזם.

אין זיין דערציילונג „קליינינקע נשמהלעך" וואַרפט ל. קאָברין אַ ליכט אויף די באַציאונגען פון פיר יידן, פּראָלעטאַריער, וואָס אַרבעטן אין אַ

יאַהודימשער ציגאַרן־פאַבריק, וואו זיי דאַרפן זיך אויסבאַהאַלטן ווי „מאַראַנען". עס ווערט דאָ אַנטפּלעקט אַ שטיקל געשיכטע, אַ צייט־אָפּשניט פון יידישן פּראָלעטאַריאַט אין דער ציגאַרן־מאַכער אינדוסטריע, וואו דער ייִד סעמועל גאָמפּערס האָט אָנגעהויבן זיין וועג ווי אַן אַמעריקאַנער אַרבעטער־פירער.

האָבן מיר שוין אין די פריע נײַנציקער יאָרן אַן אָפּקלאַנג פון אַמעריקאַנער געשיכטע אין דער אָנפאַנגערישער אַמעריקאַנער יידישער פּראָזע.

דער גרויסער שלום־עליכם האָט געהאַט אַ געזונטן געשיכטלעכן פאַרשטאַנד. ער איז געווען פעסט געבונדן מיט זיין געבוירנלאַנד, רוסלאַנד, און איז געווען זיכער, אַז „ווען מיר האָבן דאָ (אין רוסלאַנד) די קאָנסטיטוציע, וואָס מיר מיינען, באַדאַרפן מיר שוין קיין שום אַמעריקע נישט. דעמאָלט האָבן מיר דאָ אַ בעסערע אַמעריקע ווי דאָרט" („נישטאָ קיין נייעס", 1907). דאָך איז דער שילדערער פון יידישער רירעוודיקייט און צאַפּלדיקייט, שלום־עליכם, ניט פאַרבייגעגאַנגען די געשיכטלעכע אַמעריקע, און אין צווייטן טייל „מאָטל פּייסי דעם חזנס" זאָגט אונדז דער פאָלקס־שרייבער, אויף זיין שלום־עליכמשן שטייגער, דורך מאָטלען, אַזוי צו זאָגן: „איך און מיין חבר מענדל האָבן זיך געגרייט, ווי מע גרייט זיך צום פערטן דזשוליי. דעמאָלט איז אַ יום־טוב אין אַמעריקע. מע שיסט אויף דער סטריט מיט פייער קרעקערס... אַ קלייניקייט — דער פערטער דזשוליי? דאָס איז דאָך דער טאָג, וואָס די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן זיך באַפרייט פון די שונאים..."

און נאָכדעם ווי עס גייט אַוועק ביי אים אַ מאָלערייַ אין ווערטער וועגן פיניען, וואָס איז ממש פאַרליבט אין אַמעריקע, און איז גאָר דאָ געוואָרן אַ משרת, אַ „וועיטער אין דער היברו נעשאַנאַל וואורשט קאָמפּאַניע", צערעדט זיך פיניע: „דו ביסט אין אַמעריקע, ביסטו. אין אַמעריקע האָבן אַזעלכע פיינע מענטשן ווי דו, למשל, אַ קאַרנעגי, אַ ראָקפעלער, אַ וואַנדערבילט, געפּעדלט מיט גאָזעטן, אַרומגעטראָגן שוועבעלעך און געפּוצט שטיוול אויף דער סטריט! לייען די געשיכטע פון אַ דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, פון אַן אייבערהעם לינקאָלן, אָדער פון אַנדערע גרויסע לייט, וועסטו זען..." (מאָטל פּייסי דעם חזנס, „מיר מאַכן אַ לעבן").

אין זיבעץ פון טעמאַטיק איז ברוך גלאַזמאַן זיכער איינער פון די סאַמע אַמעריקאַנישסטע שרייבער. זיין סביבה אין אַמעריקע איז די גייסטיקע

דערדריקטקייט, געפּאַרט מיט יאוש, צווייפל און מורא פאַר אונטערגאַנג און פאַנאַנדערפאַל.

אַ סך פון זיינע דערציילונגען זיינען שטיקער גרויע אמתן, גענומען פון אַמעריקאַנער אַרום, אָבער דאָך, ווען ער קומט צו דער געשיכטע פון אַמעריקע, באַקומט זיין שילדערונג אַ מער העלע פאַרב און די טעמע ווערט באַשטראַלט מיט אַביסל ליכט און האָפענונג.

נשמה־צעגלידערונגען און לאַנדשאַפט־מאַלערייען גייען ביי גלאַזמאַנען צוזאַמען. דער דאָמינירנדיקער מאָטיוו ביי אים איז זיכער דער פּסיכאָ־לאָגישער. ער איז אינטים מיט זיינע העלדן, אים אינטערעסירט זייער יעדער פּרט, און דערפאַר קומט ביי אים אַרויס דער אַמעריקאַנער היס־טאָרישער מאָטיוו עכט און אָריגינעל. סיי אין ריטם פון זיינע אַמעריקאַנער דערציילונגען סיי אין אינהאַלט, אַנטפּלעקן זיך פאַר אונדז שטיקער אַמעריקאַנער געשיכטע.

אין דער נאָוועלע „דער סוף" (פונעם נאָוועלן־בוך „אויף אַ האָר", פאַרלאַג קלעצקין, ווילנע, 1923), דערציילט גלאַזמאַן וועגן אַ פּאָר־פאָלק, מאַן און ווייב פון אַ שטעטל אין אָהייאָ, וואָס זיינען געקומען אַהין מיט יאָרן צוריק, גלייך נאָכן בירגער־קריג. ער האָט געהאַט בלויז איין פוס, אַ לינקן; דעם רעכטן האָט ער פאַרלוירן אין איינער פון די שלאַכטן אין בירגער־קריג. ער איז געוועזן פון אַ קליין דערפל אין די בערג פון דרום־פּענסילוועניע, פון געמישט שאָטלענדיש און דייטש בלוט. נאָכן בירגער־קריג האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט אַן אומרואיקייט. דאָס דאָרף איז שוין סיי ווי פאַרוויסט געוואָרן, בשעת די שלאַכטן מיט דער קאָנפעדעראַ־טיווער אַרמיי. נאָך די מהומות האָבן זיך די אויגן ביי אַלעמען געעפנט ברייט און ברייטער... דער שרייבער דערציילט ווי דער אַמעריקאַנער האָט מיטאַמאָל דערזען דעם נייעם געשיכטלעכן קער אין לאַנד נאָכן בירגער־קריג, דעם פּעריאָד פון אינדוסטריאַליזאַציע. „פאַבריקן האָבן זיך אין די שטעט געעפנט, אייזן־גוס־פאַבריקן. דורך די שטעט זיינען געלאָפן אייזנ־באַנען פונעם אַטלאַנטישן אָקעאַן צום פּאַסיפישן, פונעם מעקסיקאַנער גאָלף צו די גרויסע צפונדיקע אָזערעס".

יענע עפּאָכע איז אויך די קאַנווע, פון וועלכער ב. גלאַזמאַן שפּינט אויס זיין פּרעכטיקע נעגער־דערציילונג „אויף די פעלדער פון דזשאָרדזשיא", וואו עס ווערט אַרויסגעפירט דער יידישער פּעדלער פון ניו־יאָרק, וואָס וואַנדערט אום אין דרום. דער ייד פאַרבלאָנדזשעט צווישן

די פעלדער און באַשליסט דאָ איבערצונעכטיקן. ער קומט אַריין אין הויז פון אַ נעגערטע. זי נעמט אים אויף. עס איז גראָד ניטל־נאַכט. עס פאַר־קניפּט זיך אַ שמועס צווישן דער טונקל־הויטיקער באַלעבאָסטע און דעם גאַסט. ער דערקלערט איר וועגן זיין יידישן גלויבן און זי דערקלערט אים מיט דרך־ארץ, אַז זי ווייסט אַלץ. דער רעוורענד האָט איר דערציילט אין קיך, אַז אברהם האָט געהאַט אַ נעגערשע פרוי, הגר, מיט וועמען ער האָט געהאַט אַ קינד...

און אויף מאָרגן, ווען דער ייד לאָזט איבער דאָס הויז מיט דער באַלע־באָסטע אומבאַרירט, דערזעען מיר ערשט, ווי די גאַנצע דערציילונג אָטעמט מיט אַמעריקאַנער געשיכטלעכקייט.

די מענטאַליטעט פון הי־געבוירענעם און הי־דערצויגענעם יידן, זיין צוגאַנג צו סאָציאַלע און פּאָליטישע פּראָבלעמען, אין ליכט פון דער גרויסער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטישער טראַדיציע, האָט געפונען אַ קינסטלערישן תיקון אין שלום אַשס ראָמאַן „איסט ריווער".

עס זיינען דאָ צוויי אַמעריקעס. איינע געבויט אויף די יסודות פון די פּיאָנערן, וואָס האָבן זיך געלאָזט וואָגלען איבער אַן אָקעאַן, כדי אויפצוהיטן זייערע אידעען און גלויבנס; זיי האָבן עס געלייגט דעם דעמאָקראַטישן פונדאַמענט פון אַ לאַנד. און אַ צווייטע — געבויט פון אַן אַנגעלאָף פון אַ סך פעלקער, וואָס האָבן זיך אַהער געצויגן צו דער „געלעגנהייט" („אָפּאָרטיוניטי"). דער דאָזיקער אַנגעלאָף האָט עס די הערשנדיקע אַנגלאָ־זאַקסישע שיכטן געבראַכט צום געדאַנק וועגן „שמעלצטאָפּ", און דער ברען פון דער גלוסטונג צום מאַטעריעלן פּראָפיט און גענוס איז געווען דאָס העלישע פייער, אויף וועלכן עס קאָכט זיך דער „שמעלצטאָפּ".

דער גייסט פון די פּיאָנערן איז פאַרבליבן דער יסוד פון דער רע־פּובליק. די קאָנסטיטוציע פון לאַנד האָט נישט געדאַרפט פאַרזיכערן קיין רעכט פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, כדי דאָ זאָל אויפקומען די אידעע פון אַ פּלוראַליסטישער קולטור; זי איז דאָ אין דעם יסוד, וואָס די ענגלישע, האָלענדישע, שאָטלענדישע, דייטשע, סלאַווישע און אַנדערע פּיאָנערן האָבן אַוועקלעגייגט.

אין שלום אַשס „איסט ריווער" ווערט דער מאָטיוו פון דער פּיאָנערי־שער אַמעריקע אַרויסגעבראַכט דורך די רייד פון הויפּט־העלד, נעיטן דאַווידאָווסקי, דער פּאַראַליזירטער קראַנקער אידעאַליסט, וואָס רעדט צו

דעם עלטערן דור אימיגראַנטן־סאָציאַליסטן, וועלכע בויען יוניאָנס, פירן סטרייקס און קעמפן קעגן די „באָסעס", וועגן „יענער אַמעריקע".

שוין גלייך ביים אַנטפּלעקן פאַר אונדז די פּאַנאָראַמע פונעם הויף, אויף 48טער גאַס, רעדט אַש וועגן הויף, „וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גאָרטן פון פעלקערשאַפטן". צום אָנהייב, דערציילט אונדז אַש, האָט נעיטן געטראַכט, אַז ער האָט גאָרניט צו טאָן מיט אַכט־און־פערציקסטער גאַס, אַז קיין אַמעריקאַנער פאַרב זעט ער נאָך נישט. „דאָ, אין נעיטנס סביבה, אין ניו־יאָרק, איז נישט קיין אַמעריקע. אפשר איז זי ערגעצוואו אין דער ווייטער פּראָווינץ, אין אָקלאַהאָמאַ, אין נעבראַסקאַ, אין די פאַר־וואָרפענע פאַרמס, אויף די בלויע פעלדער פון קענטאַקי". אָבער ער, נעיטן, האָט געפילט, אַז אַמעריקע איז געווען זיין היים. ער האָט זיך אָוועקגעלאָזט זוכן זיין אַמעריקע. ער האָט גענומען שטודירן די אַמעריקאַנער געשיכטע.

נעיטן איז פאַרקריפּלט געוואָרן. „די קראַנקהייט האָט אים געבונדן ווי אַ קאַלב, געליימט אַלע זיינע געפילן". אָבער דאָך איז ער ביסלעכווייז דערגאַנגען צו אַ קלאָרן אמת, אַז „אַלע, אַלע וואָס האָבן געלאַנדעט אויף איין ברעג דאַרפן טיילן איין מזל, פרואוון זיך איינפלאַנצן אין דער נייער ערד און איינוועבן זיך אין דער קולטור, וואָס די גרינדער פון דער רעפּובליק האָבן אַזוי גלאָררייך פאַרפלאַנצט און משפיע געווען מיט די העכסטע מאָראַלישע ווערטן".

שפּעטער, ווען נעיטן וואַקסט גייסטיק, אַנטוויקלט זיך פּאָליטיש, פּראָ־טעסטירט ער מיט זיין גאַנצן ווען קעגן זיינע סאָציאַליסטישע גענאָסן, וואָס „די האָפענונג אויף דער נייער גערעכטער אָרדענונג איז ביי זיי נישט פאַרבונדן מיט דעם לאַנד". „אַמעריקע איז אונדזער היים, נישט נאָר אונדזער פיזישע, נאָר גייסטיקע היים. זי איז אַמבעסטן צוגעפּאַסט צו אונדזער אידעאַל פון אַ גערעכטן סדר העולם. אַמעריקע, מער ווי יעדער אַנדער לאַנד. אויב נאָך נישט אין אויספיר, איז עס אין דער אידייע, אין דער מחשבה, אין דער פּאָטענץ"... „און נעיטן, דער אַמעריקאַנער־געבוירענער יידישער ראַדיקאַל, ווערט אַליין באַגייסטערט פון זיין אינ־ספּיראַציע, וואָס ער ציט אַרויס פון דער אַמעריקאַנער געשיכטע". „אירע (אַמעריקאַנער) אינסטיטוציעס זיינען באַשאַפן געוואָרן פון די גרינדונגס־פּאָטערס צו ווערן דער פירנדיקער מאָראַלישער כוח פאַר באַשאַפן אַ נייעם סדר העולם — „דהי ביל אָוו ראַיטס", די דעקלאַראַציע פון אומאָפּ־הענגיקייט, די קאָנסטיטוציע"... „... דאָס זיינען ניט קיין פוסטע ווערטער,

דאָס זיינען פּרינציפּן און געזעצן, וואָס זיינען צו עפּעס מחייב. זיי טראָגן אין זיך די ברכות פון אַלע פרייהייטן. זיי זיינען ביז איצט אַ פאַרזיגלט בוך, מאָרגן וועט קומען אַ מענטש, וואָס וועט דעם זיגל אויפרייסן און אַרויסלייענען דעם אמתן באַדייט פון די פּרינציפּן".

און אַלס באַווייז, הייבט נעיטן אָן צו בלעטערן די אַמעריקאַנער געשיכטע: „לינקאָלן האָט געפונען מוט, באַרעכטיקונג און שטאַרקייט אין זיין קאַמף קעגן דער סאַוט — אין די לוחות פון אונדזער קאָנסטיטוציע. אַפילו טעאָדאָר רוזוועלט האָט געמאַכט אַ פּאַרזוך, און אַזוי אויך אונדזער איצטיקער פּרעזידענט ווילסאָן. מאָרגן וועט זיך געפינען אַ מענטש..."

און ווי אַש וואָלט געוואָלט סימבאָליש אָנדייטן אויף דעם מאָרגן, פירט ער דעם העלד צונויף מיט אַן אַנדערן פּיזיש־פּאַרקריפּלטן, וואָס האָט געליטן אויף דער פּאַראַליז־קראַנקהייט און איז גייסטיק געוועזן אַ גיבור, מיט פרענקלין דעלאַנאָ רוזוועלט...

„איסט ריווער" איז אפשר דאָס אַמעריקאַנישסטע צווישן שלום אַשס ווערק, ווייל עס לויכט דאָ די אידייע פון דער אַמעריקאַנער פרייהייטס־טראַדיציע, וואָס רופט זיך איבער מיט דער אַמעריקע פון מאָרגן, פון דער צוקונפט.

* * *

אין סך־הכל: די טעמע אַמעריקאַנער געשיכטע אין דער היגער יידישער פּראָזע און פּאָעזיע איז נאָך ווייט ניט אויסגעשעפּט. עס לאָזט זיך אָבער מאַכן אַ געוויסן אויספיר.

דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור־קריטיקער וואַן־וויק ברוקס האָט, רעדנדיק וועגן אַמעריקאַנער קולטור־פּראָבלעמען, געשאַפן אַן אויסדוק, וואָס איז אָנגעמאָסטן פאַר דער טעמע, דאָס איז: „עי יוזעבל פּעסט" („אַ פאַרגאַנגענהייט, וואָס מען קאָן נוצן"). אָט די דאָזיקע בענקשאַפט נאָך אַ „נוצבאַרער פאַרגאַנגענהייט" האָט געשפּייזט די אַמעריקאַנער טעמע אין דער היגער יידישער פּאָעזיע און פּראָזע.

ביילאַגעס

ערשטע ביילאַגע

שקלאַפעריי, די פּאָליטישע און קריגס־סטראַטעגיע אין 1861

1. אַ בריוו פון דוד איינהאָרן צו ר. אָפּענהיימער פון באַלטימאָר *)

פילאַדעלפיע, דעם 12טן אויגוסט, 1861.

הער ר. אָפּענהיימער, באַלטימאָר:

איך קאָן אייך ניט מיטטיילן קיין איבעריקע נייעס, אָבער איך האָב אַ באַדערפעניש אייך צו שרייבן. זינט מיר האָבן איבערגעריסן אונדזער קאָרעספּאָנדענץ זיינען פאַר־געקומען גורלדיקע געשעענישן אין אונדזער לאַנד. איך האָב אין זינען דעם אומ־גליקלעכן אויסגאַנג פון דער שלאַכט, דעם 21טן פון פאָריקן חודש [1].

פון יענער צייט אָן בין איך אינגאַנצן באַשעפטיקט מיט די פּאָליטישע פאַר־העלטענישן. איך לייג זיך שלאָפן און שטיי אויף מיט איין געדאַנק: וואו וועט אויספאַלן די קומענדיקע שלאַכט? דאָס ערגסטע, זעט מיר אויס, איז דאָס, וואָס דער אַלטער סקאַט האָט זיך אַליין מודה געווען, אַז ער האָט זיך באַצויגן צו דער שלאַכט זייער פּאַסיוו. דאָס האָט דערפירט, אַז דער צפון זאָל פאַרלירן דעם צוטרוי, אָדער זעלבסט־צוטרוי [2]. מען קען אָבער פעסטשטעלן מיט אַ זיכערקייט, אַז די קומענדיקע שלאַכט וועט מיט זיך פאָרשטעלן אַ בלוט־באָד און אין דער באָד וועט, פריער אָדער שפּעטער, די שקלאַפעריי דערטרונקען ווערן [3].

איר האָט זיכער געהערט פון הער קראַסני, אַז מיין משפחה איז באַרייכערט געוואָרן מיט אַ „שפּראָץ פון מענטשלעכער גבורה". דער יונג האָט זיך פאַרבענקט נאָך דעם טייל אַמעריקע, וואָס האָט געקעמפט ביי „בול־ראָן" [4]. די דאָזיקע „סעסיאָ־ניסטישע" בענקשאַפט איז, ווייזט אויס, אַ שטיק ירושה פון באַלטימאָר. דאָס איז דער פּראָצענט פון די פאַרדינסטן...

באַלטימאָר האָט זיך זייער מוטיק געשטעלט קעגן הער ברעקענרידזש. די דאָרטיקע ליבנסווערדיקע יידן האָבן זיך געמוזט ערגערן איבער דעם קבלת־פּנים, וואָס דער „פּערל פון סענאַט" האָט באַקומען [5].

דער גרויסער פילאָסאָף און רעפאָרמאַטאָר הער ליד, געוועזענער סעקרעטאַר פון דער „סיני"־געמיינדע, האָט אין סאַמע מיטן פון אומגליק באַשלאָסן אָפּצושטעלן דאָס אויסשרייבן דעם „סיני" און מיך באַרויבט אויף אַ גאַנצן דאָלער. ער האָט אָבער

---

*) פון די „איינהאָרן־פּאַפּירן", וואָס געפינען זיך אין דער היסטאָרישער קאָלעקציע פון דר. יעקב ר. מאַרקוס, סינסינעטי, אָהייאָ.

געגלויבּט, אַז ער איז מיר שולדיק אַ דערקלערונג און האָט אָנגעגעבּן, אַז „זיין געמיט דערלויבּט אים ניט צו לייענען פּאָליטישע בּלעטער" [6].

עס איז בּאמת ניטאָ קיין עקלדיקערע זאַך ווי דאָס חזירישע רעפּאָרם־געזינדל. אין די הענט פון אַזעלכע מענטשן ווערט דאָס ליכט פון אמת פאַרוואַנדלט אין ליגנערישן פּאַקל, וואָס בּאַלייכט ניט, נאָר פאַרצערט. לוטער איז געווען גערעכט. ער האָט אין זיין קרעפטיקער שפּראַך דערקלערט: „געוויסע מענטשן זיינען ענלעך צו אַ שיכורן רייטער. ווען מען העלפט אים פון איין זייט אַרויפשטייגן אויפן פערד, פאַלט ער אַראָפּ פון דער אַנדערער זייט..." עס וואָלט געווען שלעכט, ווען איך זאָל דאָ געפינען אַזאַ בּאָדן ווי אין בּאַלטימאָר.

אין אַכט טעג אַרום וועל איך האַלטן מיין ערשטע דרשה. איך האָף, אַז אין די קומענדיקע דריי חדשים וועל איך האָבּן גענוג צייט זיך אָפּצורייניקן פון דעם שמוץ, מיט וועלכן די אָרטאָדאָקסיע און די רעפאָרמער פון בּאַלטימאָר האָבּן מיך בּאַוואָרפן...
האָפנדיק אויף דער מפּלה פון די רעבּעלן אין דרום, אָמן!

דר. איינהאָרן

2. צו ר. אָפּענהיימער

איך מוז זיך אַנטשולדיקן פאַר מיין פאַרשפּעטיקטן ענטפער. ווי איך הער, האָבּן די געשעפטן אין בּאַלטימאָר ווידער אויפגעלעבּט. מען האָט מיר איבּערגעגעבּן, אַז די דאָרטיקע לייט הייבּן אָן איינצוזען, אַז זיי וועלן מאַכן בּעסער דורך אָנגעהערן צו דער „יוניאָן") ווי דורך זייער סימפּאַטיע מיט דזשעפערסאָן דעיוויס" [7]. זיי הייבּן אָן צו טאָן תשובה.

ניט קוקנדיק אויף דער איצטיקער צערודערונג, זע איך ניט איין קיין סיבה פאַר זאָרג. איך בּין פעסט איבּערצייגט, אַז דער „פאַרבּאַנד" (יוניאָן) וועט זיגן און מיר וועלן בּאַפרייט ווערן פון שקלאַפעריי. דער קאַמף וועט מאַרשירן פאָראויס [8].

דער צד, וואָס האָט געהאַט צו פאַרלירן אין סאַוט־קאַראָליינאַ, איז שוין מיד.

ווען דער „פאַבּאַנד" זיגן אין דער קומענדיקער שלאַכט, וועלן מיר האָבּן אַן עמאַנצי־פּירטע רעפּובּליק, אַרויסגענומען פון דער הערשאַפט פון די שקלאַפן־האַלטער; וועלן מיר פאַרלירן די שלאַכט, דעמאָלט וועט זיין ווי דעם דרום; דעמאָלט וועלן מיר בּאַקומען אַ רעפּובּליק מיט עמאַנציפּירטע שקלאַפן.

די דאָזיקע מיינונג האָט שוין געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין צפון און דאָס איז דער וואָפן פון אונדזער גערעכטיקייט.

פרימאָנט מיט זיין פּראָקלאַמאַציע האָט זיך אַבּיסל צוגעאיילט [9]. די צייט איז נאָך ניט רייף אויסצושפּילן די לעצטע קאָרט. אָבּער ווען מען לייגט אָפּ, מיינט עס נאָך ניט, אַז מען גיט אויף.

איינע פון די טרויעריקסטע דערשיינונגען איז די שטעלונג, וואָס יידן נעמען צו דעם גערעכטן קאַמף, פונעם שטאַנדפּונקט פון דער בּאַנק. נאָך קיינמאָל איז דער נאַקעטער מאַטעריאַליזם ניט אַרויסגעטראָטן אין אַזאַ עקלדיקער געשטאַלט [10]. עס איז בּאמת אַ גליק, וואָס ניט־יידן זיינען ווייניק בּאַהאַוונט אין דעם מצב. אין ערגעץ איז ניט אַזוי שלעכט ווי אין בּאַלטימאָר. איך צווייפל, צי מען קען געפינען אין גאַנץ אַמעריקע אַזאַ „לומפּן־געזינדל". מיך וואונדערט וואָס איך האָבּ געקענט אויס־האַלטן פון זיי אַזאַ לאַנגע צייט.

איך קען מיך פאָרשטעלן ווי איר האָט געמוזט פילן די פאַרגאַנגענע ימים נוראים, ווען איר האָט געמוזט אויסהערן די בוימלדיקע דרשה פון אייער פרנס אין טעמפל פון סיני־פאַראיין [11]).

וועגן דר. אַרנאָלד האָב איך לעצטנס באַקומען די נויטיקע ידיעות פון זיין אייגענער טאָכטער [12]).

איינהאָרן

435 נ. 8טע סטריט.

וועגן דעם ביישטייער פון יידן אין שיקאַגאָ און וועגן די פראָ־שקלאַפערישע עלעמענטן אין מעמפיס און פילאַדעלפיע

3. אַ בריוו צו דר. בערנאַרד פעלזנטאַל

פילאַדעלפיע, דעם 3טן סעפטעמבער, 1862.

געאַכטעטער פריינט:

אייער בריוו נאָר־וואָס דערהאַלטן. די סידורים וועל איך אייך מאָרגן אַרויסשיקן דורך „אַדאַמס עקספרעס“, 50 עקזעמפלאַרן.׳ דער פרייז פון אַן עקזעמפלאַר — 200.

דער פאַטריאָטיזם פון די יידן אין שיקאַגאָ איז אַ דערמוטיקונג פון יעדן שטאַנד־פונקט [12]א). גלייך ביים באַקומען אייער קורצע מיטטיילונג האָב איך צוזאַמענגעשטעלט אַ באַריכט וועגן דעם. דער „סיני“ נעמט־אויף דעם דאָזיקן ענין מיט גרויס פרייד. ליידער האָבן מיר ווייניק וואָס צו באַריכטן פון יידישן פאַטריאָטיזם.

אין דעם הייַנטיקן נומער „סיני“ וועט איר זען, אַז טוסקא [13]) האָט אָפגעלייקנט די זאַך, וואָס איר האָט וועגן אים געשריבן. מען קען אָבער פון צווישן די שורות אַרויסלייענען דעם אמת ווי די זאַך האָט ווירקלעך פאַסירט. ניט ווייניקער ביליק איז זיין פאָדערונג מען זאָל דרוקן זיין אָפלייקענונג. דער מענטש מוז זיין שטאַרק פאַר־צווייפלט. ווייז אַליין האָט מיר וועגן דעם געשריבן. מיט מיין ענטפער וועט ער זיך ניט קענען באַרימען.

וואָס שייך מיין מצב: איך האָב דאָ אָנגעטראָפן ניט ווייניקער ביטערע קעגנער־שאַפט פון די יידישע שקלאַפערישע פאַנאַטיקער, ווי אין באַלטימאָר.

ווען מען וואָלט ניט געוואוסט, אַז די מערהייט פון אַמעריקאַנער יידן באַשטייט פון אייראָפּייאישע יידן, וואָלט מען באמת געקענט פאַרצווייפלט ווערן וועגן אונדזער פאָלק.

וועגן די טרויעריקע קריגס־געשעענישן לאָמיר בעסער שווייגן [14]).

זייט געזונט מיט אייער ליבער פרוי און דער מוטיקער געמיינדע.

אייער איבערגעבענער

איינהאָרן

צווייטע ביילאַגע

פערזענלעכע רעמיניסצענצן (דערינערונגען) פון אגיוגוסט באָנדי *)

1. אַ לעבן געווידמעט פראָגרעס און פרייהייט

אפריל 25, 1903.

ווען איך פאַרטראַכט זיך וועגן מיין לעבן פון כמעט זיבעציק יאָר, מוז איך אָנערקענען, אַז ניט אַלעמאָל האָב איך געהאַנדלט קלוג; אַז איך האָב אָפט פאַרפעלט אויסצונוצן דעם שטראָם, וואָס האָט מיך געקענט טראָגן פאָראויס צו די כוואַליעס פון גליק; אַז איך האָב אָפט געמאַכט גרויסע טעותן, — דאָך בין איך שטאָלץ אין מיין באַוואוסטזיין, אַז איך האָב קיינמאָל ניט דערלאָזן קיין זאַך, וואָס זאָל מיך אַראָפּפירן פון וועג, וועלכן איך האָב זיך אָנגעצייכנט אויף אים צו גיין — אַ וועג פון מאָראַלישער און פּאָליטישער פליכט.

נאָך זייענדיק אַ ייִנגל האָב איך באַשלאָסן ווידמען מיין לעבן צו דער זאַך פון פּראָגרעס און פרייהייט. דער דאָזיקער באַשלוס איז ביי מיר ניט צעטרייסלט געוואָרן אין פאַרלויף פון מיין לאַנג לעבן, וואָס איז רייך אין געשעענישן. איך בין פאַרבליבן געטריי צו די פּרינציפּן פאַר וועלכע איך האָב געשוואָרן אין די שטורעמדיקע רעוואָלוציאָנערע טעג פון 1848.

איך בין געבוירן געוואָרן דעם 21טן יולי, 1833, אין ווין, עסטרייך. מיין יידישער נאָמען איז אַנשל. איך האָב געעפנט מיינע אויגן אויף דער וועלט קורץ נאָך די פראַנצויזישע און פּוילישע רעוואָלוציעס פון 1830, און דעם אַזוי־גערופענעם „פראַנקפורטער פאַרזוך“, וואָס האָט אָנגעהויבן פריידיקן דעספּאָטיזם דורך געעזצן, גענוי ווי מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק, אין די צייטן פון די פּויפּסטלעכע אינקוויזיציעס.

איך האָב, זייענדיק נאָך גאָר יונג, באַנומען יענעם גרויסן אמת, וואָס דער גלאָררייכער מאַרטירער פון פּויפּסטס אינקוויזיציע (דזשאָרדאַנאָ ברונאָ) האָט אַרויסגעזאָגט: עס איז נאָך ניט דערפונדן געוואָרן קיין געזעץ, וואָס קען אָפּהאַלטן דעם מענטשן פון דענקען און קעמפן פאַר זיינע פון גאָט־געגעבענע רעכט אין פּאָליטיק, אין רעליגיע און אין וויסנשאַפט.

2. די באַדייטונג פון „בלעק־דזשעק“

...דער קאַמף אין „בלעק־דזשעק“ איז געווען די געטיסבורג פון קענזעס. גאָט איז דאָרט געווען, דזשאָן בראַון איז דאָרט געווען און דער ייִד איז דאָרט געווען. נאָך אונדזער זיג אין אָפענעם קאַמף מיט די שקלאַפן־טרייבער האָבן זיי מער ניט געוואַגט צו אַטאַקירן די היימען פון די פרייע איינוואַנדערער...

---

*) פון דער אָריגינעלער אויטאָביאָגראַפיע, וואָס געפינט זיך אין דער ביבליאָטעק פון דער היסטאָרישער געזעלשאַפט פון טאָפּיקאַ, קענזעס.

דריטע ביילאַגע

ד ר. ב נ י מ י ן ס ז אָ ל ד א ו ן „ט י מ ב ו ק ט ו"(*

זכרונות וועגן די באַפרייטע נעגער און דעם בייטראַג פון צוויי רבנים

פון האָנ. היוז ל. באָנד[1]

בלויז געציילטע באַלטימאָרער בירגער, וואָס האָבן דערגרייכט די עלטערע יאָרן, קאָנען האָבן אַ באַגריף וועגן פּראָגרעס, וואָס די בירגער האָבן געמאַכט אויפן וועג פון באַ־פרייאונג פון אומגערעכטיקייט און פון די פּאָראורטיילן, וואָס האָבן דאָרט געהערשט מיט 25 יאָר צוריק.

מען דערמאָנט זיך, אַז אין 1861 איז אַ נעגער פּאַראורטיילט געוואָרן אויף אַכט יאָר טורמע און איז דאָרט אָפּגעזעסן די גאַנצע צייט, צוליב דעם פאַרברעכן פון באַזיצן אזא „געפערלעכן דאָקומענט" ווי דאָס ווערק פון פרוי סטאָו[2], וואָס ער האָט אַפילו ניט געקענט לייענען.

אַ באַגריף וועגן די פּראָ־שקלאַפערישע פּאָראורטיילן קאָן מען זיך שאַפן ווען מען דערמאָנט זיך, אַז קיין איינציקער פון די צוויי הונדערט טויזנט נעגער אין מערילענד האָט געמעגט אַרויסטרעטן אין געריכט קעגן אַ ווייסן; אָדער, אַז יעדער איינער האָט געקענט אַריינגיין אין אַ קירך, דערמאָהנען דעם גלח מיט די עלטסטע ביים אַלטאַר און אַרויסגיין אומבאַשטראָפט, אויב דער עדות פון דעם מאָרד איז ניט געווען קיין ווייסער, — אַז מען געדענקט דאָס, באַקומט מען אַ באַגריף וועגן דער גערעכטיקייט, וואָס האָט צו יענער צייט געהערשט אין מערילענד.

פאַרן אויסברוך פון בירגער־קריג זיינען אין באַלטימאָר פאָרגעקומען צוויי ברוטאַלע מאָרדן. דריי ווייסע און איין נעגער זיינען געפונען געוואָרן שולדיק און זיינען פאַר־משפט געוואָרן צום הענגען. דעמאָלט האָבן צוויי טויזנט מענטשן אונטערגעשריבן אַ פּעטיציע צום גאָווערנאָר, אַז די ווייסע מערדער זאָלן ניט געהאַנגען ווערן אויף דער תליה וואו דער נעגער וועט אויפגעהאַנגען ווערן . . . צו אַאַז מדרגה האָבן דערגרייכט די ראַסן־פּאָראורטיילן!

...די מלחמה איז ניט געקומען צו פרי אין מערילענד. אַ פּאָר יאָר נאָכן אויס־ברוך פון קריג האָט אַ נעגער דערקלערט פאַר מיר אין געריכט: „די עמאַנציפּאַציע איז אויסגעבראָכן". ער האָט באַטראַכט דעם קריג ווי מאָזלען אָדער סקאַרלעט־פיבער. עס האָט אָנגעצונדן דעם גאַנצן פּאָליטישן אָרגאַניזם פון לאַנד. פּרעזידענט לינקאָלן האָט אין זיין פּראָקלאַמאַציע וועגן דער עמאַנציפּאַציע פּראָקלאַמירט די פרייהייט פון דער נעגער־ראַסע דאָרט וואו ער האָט ניט געקענט באַפרייען דעם נעגער און איבערגעלאָזט די שקלאַפעריי אין אַזעלכע ערטער, וואו די רעגירונג האָט יאָ געהאַט קאָנטראָל — אין מערילענד, קענטאָקי און מזרח־טענעסי. דעמאָלט האָבן עטלעכע אָנגעזעענע פּערזאָנען פון באַלטימאָר, אונטער דער פירערשאַפט פון הענרי ווינטער דייוויס, זיך אַנטשלאָסן צו באַפרייען מערילענד פאַר יעדער פּרייז, און זי פּאַראייניקן מיט אירע פרייע שוועסטער אין דער רעפּובליק. די אונטערנעמונג האָט געהאַט דעם געהעריקן דערפּאָלג.

אין 1864 האָט מערילענד עמאַנציפּירט אַלע „וואָס האָבן געשקלאַפט אויף איר טעריטאָריע".

---

*) *Baltimore Standard,* May 12, 1887.

מערילענד האָט אין 1864 געהאַט קרוב צו צוויי הונדערט טויזנט מענטשן, וואָס זיינען פאַרבליבן אין אַ מצב פון שקלאַפעריי. די אָנהענגער פון פילאַנטראָפיע האָבן באַשלאָסן אויפצובויען שולן, וואו די געוועזענע שקלאַפן זאָלן דערציגן ווערן „אַלס געזונטע אַרבעטער". זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַן „אַסאָציאַציע פאַר דער דערציאונג פון די קאָלירטע".

דער נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע איז אָבער געווען אַ פּראָבלעם. אָנרופן די אָרגאַניזאַציע „אַסאָציאַציע פאַר הילף צו די באַפרייטע" (אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס האָבן שוין עקזיסטירט אין די מערסטע צפון־שטאַטן), וואָלט נאָכמער אויפגערעגט די ווייסע בירגער און געשפייזט זייערע פאָראורטיילן. מיר זיינען דעריבער געווען פאָרזיכטיק און באַשלאָסן, אַז ניט געקוקט אויף דעם וואָס מיר וועלן טאָן די זעלבע אַרבעט ווי די דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס, טאָר אָבער אונדזער נאָמען ניט אַרויסגעבן די צילן וועלכע מיר האָבן זיך געשטעלט. עס האָט אויסגעזען מאָדנע: פרומע מענטשן, וועלכע קלאָגן איבער דער טרויעריקער לאַגע פון די האָטענטאָטן און פאַרגיסן ביטערע טרערן איבער די גרויסע אַפּעטיטן פון די „אינדזלען", וואו מיסיאָנערן פאַרקאָכן אַ זופּ און מאַכן אַ גרויסן בייטראַג אין אָפּשמדן יידן, — אַז אַזעלכע פרומע זאָלן ניט האָבן קיין איין גוט וואָרט פאַרן אָרעמען שכן ביי זייער אייגענער טיר, וואָס האָט זיך געגוויטיקט אין „סאַמאַריטאַנישער הילף" [3]). האָבן מיר זיך דערפאַר אַ נאָמען געגעבן „די באַלטימאָרער אַסאָציאַציע פאַר דער דערציאונג און מאָראַלער פאַרבעסערונג פון די קאָלירטע מענטשן". קיינער האָט אָבער ניט גערופן די געזעלשאַפט ביי איר נאָמען. זי איז באַצייכנט געוואָרן ווי „די מיטגלידער פון טימבוקטו".

מיר האָבן באַלד פאַנאַנדערגעוויקלט אַ טעטיקייט. די ערשטע אונטערנעמונג איז געווען: אַרויסשיקן אַ צירקולאַר צו אַלע גייסטלעכע פון די פאַרשיידענע קירכן פון באַלטימאָר, בעטן פאַר מאָראַלישער, ניט קיין פינאַנציעלער שטיצע. אין צירקולאַר איז אָנגעמערקט געוואָרן, אַז דער ציל פון דער אָרגאַניזאַציע דאַרף אַפּעלירן צו דער קריסטלעכער הומאַנישקייט.

טייל גייסטלעכע האָבן אינגאַנצן ניט געענטפערט. אַנדערע האָבן געענטפערט, אַז מיר, וואָס האָבן געהאָלפן עמאַנציפירן די „ניגערס", זאָלן זיי איצט פאַרזאָרגן... און אַנדערע האָבן געשריבן אין אַזאַ טאָן, וואָס האָט געמיינט, אַז זיי וואָלטן אונדז גערן אַוועקגעשיקט אין אַזאַ אָרט, וואָס מר. אינגערסאָל האַלט, אַז ער עקזיסטירט גאָרניט [4]).

פון איינעם, אָדער צוויי, האָבן מיר באַקומען אַן ענטפער, אַז זיי זיינען גרייט צו שטיצן אונדזער אונטערנעמונג, מיטן באַדינג קיינער זאָל ניט וויסן.

דער סעקרעטאַר האָט אויך צוגעשיקט דעם צירקולאַר צו צוויי רבנים פון באַלטימאָר, וועלכע האָבן גלייך געענטפערט, מיט באַרעכטיקטן סאַרקאַזם. אַז זיי ווייסן ניט ווי אַזוי דער פּראָיעקט שטימט מיט „קריסטלעכער הומאַנישקייט", אָבער מיר זיינען באַרעכטיקט אויף זייער שטיצע, וויל זיי ווייסן גוט וועגן דער שקלאַפעריי פון זייער אייגן פאָלק. איינער פון זיי, דר. סזאָלד [5]), האָט אויך צוגעשיקט די סומע פון 30 דאָלער. סזאָלד איז באַלד דערוויילט געוואָרן אין דער פאַרוואַלטונג אינאיינעם מיט נאָך צוויי גייסטלעכע, דזשאָן פּ. ווער און פילדער איזראַעל. ער האָט געטריי געדינט דער זאַך, ביז וואַנען די דערציאונג פון די נעגער איז איבערגענומען געוואָרן פון דעם שטאַט.

זיין ענטפער איז געווען אַ גערעכטער, און זיין ביישטייערונג איז געווען נאָך האַרציקער. איך האָב די גאַנצע צייט ניט באַמערקט, אַז עמיצער פון די לוויים, וואָס באַדינען די יידישע אַלטאַרן, זאָל גרייט זיין זיך צו טיילן מיט אַנדערע שבטים.

סעקרעטאַר סטענטאָן האָט אונדז נאָכן זיג צוגעזאָגט אַוועקצוגעבן די מיליטערישע

באַראַקן פון באַלטימאָר, מיר זאָלן בויען פון זיי הייזער. מיר האָבן אויפגעשטעלט גאַנצע אַכציק הייזער. בעת דער דאָזיקער אַקציע איז איינער פון די לערער אַטאַקירט געוואָרן און אין אַנדערע געגנטן פון מערילענד זיינען נעגער געווען אויסגעזעצט צו געפאַר.

איך בין דאַנקבאַר דעם גורל פאַר דער געלעגנהייט מיטצואַרבעטן מיט דעם וואונדערבאַרן מענטשן ראַביי סזאָלד פון „טימבוקטו", אין אַ צייט ווען די פּחדנים האָבן זיך נאָכמער געשראָקן און די בראַווע זיינען געבליבן שטיל.

פערטע ביילאַגע

א.

ב. פעלזנטאַל וועגן זיין טעטיקייט אין דער אַנטי־שקלאַפערישער באַוועגונג *)

4809 פרעירי עוועניו, שיקאַגאָ
אָקטאָבער, 25, 1901.

מעקס דזש. קאָהלער, ניו יאָרק.
טייערער פריינט :

איך דריק אויס מיין אָנערקענונג און דאַנק צו אייך פאַר צושיקן מיר אייערע צוויי אַרטיקלען, וואָס איר האָט פאַרעפנטלעכט אין די לעצטע נומערן פון די פובליקאַציעס פון דער יידיש־אַמעריקאַנער היסטאָרישער געזעלשאַפט [1]).

אין איינעם פון די אַרטיקלען האָט איר דערמאָנט מיין מיטאַרבעט אין דער חודש־שריפט „סיני", וואָס באַווייזט, אַז איך בין געווען אַ וואַרעמער סימפּאַטיקער פון דער אַנטי־שקלאַפערישער באַוועגונג מיט פערציק יאָר צוריק.

איך וויל דאָ דערמאָנען, אַז נאָך מיט יאָרן פריער, אין דער צייט פון דער קאַמפּאַניע פאַר פרימאָנטן אין יאָר 1856, האָב איך עפנטלעך דעמאָנסטרירט מיין שטעלונג אין יענער גלאָררייכער באַוועגונג. איך האָב דעמאָלט געוואוינט אין מעדיסאָן, אינדיאַנאַ, וואו איך בין געווען דער גייסטיקער פירער פון דער דאָרטיקער יידישער געמיינדע.

אויפן פאַרלאַנג פון אַ קאָמיטעט פון אַ דייטש־רעפובליקאַנער געזעלשאַפט [2]) האָב איך אַדרעסירט אַ צאָל דייטשע מאַסן־פאַרזאַמלונגען אין דער דערמאָנטער שטאָט און אומגעגנט.

אפשר וועל איך באַוויזן צו געפינען צווישן דעם הויפן אויסשניטן פון אַלטע צייטונגען, וואָס זיינען דערשינען זומער 1856, באַריכטן פון מיינע רעדעס, וואָס איך האָב דעמאָלט געהאַלטן, און זיי אייך צושיקן.

עס איז פאַר מיר אַ נחת־רוח צו זען אַז איר, קאָהלער, זייט אַזוי שעפעריש אויפן געביט פון אַמעריקאַנער יידישער געשיכטע. איך דערוואַרט, אַז אין דער צוקונפט זאָלט איר אָנערקענט ווערן ווי איינער פון די בעסטע יידישע היסטאָריקער ביי אונדז אין לאַנד.

גרוסן צו אייערע עלטערן און בעסטע וואונטשן פאַר אַ גאָר גליקלעך און געבענטשט לעבן.

ב. פעלזענטאַל

---

*) פון דער בערטראַם וו. קאָרן קאָלעקציע, אַמעריקאַנער יידישע אַרכיוון, סינסינעטי.

ב.

אַמעריקאַנער שקלאַפעריי פון תלמודישן שטאַנדפונקט *)

פון הרב חיים הירשענזאָן

כאשר התפתח העולם והדעת מלא את צפון אמעריקא, להכיר כי אין צדק ואין משפט בעבדות ומוכר איש כגונב נפש הוא, והמוכר עצמו, נפשו הוא חובל, ואינו רשאי לחבול בעצמו, ר"ל שאין לו רשות לאבד עצמו לדעת. ולזאת אין מכירתו מכירה ולא ישלוט אדם באדם לרע לו... רוח חקי ישראל היא מתנגדת מכל וכל להעבדות.

...וראוי להזכיר פה מה ששאל ילד נחמד אחד בת"ת לביהכ"נ בית יעקב אשר בוועסט הובאקן, והוא למה מברכים היום „שלא עשני עבד", אחרי שנתבטל חק העבדות מן העולם ואין איש עבד בעולם, לפי החק, ולא שייכה הברכה לאיש, כאשר אין בעולם הדבר כלל.

ועניתי לו על פי דרכו. אמת כי אין חוקי עבדות כיום כלל, ואיש לא יוכל לעבוד עוד באחיהו לעולם, אבל רוח העבדות עוד לא כלה מן העולם. יש עוד מבעלי הרכוש מאלה אשר לא למדו מוסר וחפצים גם משכיר בהפועלים שלהם לעבוד עבודת עבד, ויש מן החנפים והצבועים המכניעים עצמם בעבודת עבד ואומרים לרשע — צדיק אתה. כל זה הוא נגד המוסר הישראלי, ואיש אשר מרגיש בנפשו את רוח המוסרי, אשר רק האמת ידרוש ואת חובתו עשה, ולא יחניף ולא יעשה שקר בנפשו, לא יכניע ולא יכנע בהכנעת עבדות, מברך שלא עשני עבד.

איבערזעצונג

ווען די וועלט האָט פּראָגרעסירט און וויסן האָט אָנגעפילט אַמעריקע, איז אָנערקענט געוואָרן, אַז עס איז ניטאָ קיין גערעכטיקייט אין שקלאַפעריי, און דער וואָס פאַרקויפט אַ מענטשן איז גלייך ווי ער וואָלט אים גענגבעט, און דער וואָס פאַרקויפט זיך אַליין פאַר אַ שקלאַף איז ענלעך ווי איינער וואָס שלאָגט זיך אָדער באַגייט זעלבסטמאָרד. און דער פאַרקויף איז קיין פאַרקויף ניט, ווייל איין מענטש טאָר ניט באַהערשן דעם צווייטן... דער גייסט פון די יידישע געזעצן איז קעגן שקלאַפעריי פון אַלע שטאַנדפּונקטן.

...דאָ וויל איך דערמאָנען, אַז אַ פיין קינד פון דער תלמוד תורה ביי דער בית יעקב שול אין וועסט האָבאָקען, ניו־דזשוירזי, האָט מיך געפרעגט: פאַרוואָס מאַכט מען אַ ברכה: „אַ לויב דיר גאָט, וואָס האָסט מיך ניט געמאַכט פאַר קיין שקלאַף", אין אַ צייט ווען שקלאַפעריי איז שוין לאַנג אָפּגעשאַפט געוואָרן?

האָב איך אים געענטפערט: אמת, שקלאַפעריי עקזיסטירט שוין ניט און איין מענטש קען דעם צווייטן ניט קויפן פאַר אַ קנעכט, אָבער דער שקלאַפערישער גייסט איז געבליבן אין דער וועלט, און עס זיינען דאָ מענטשן פון פאַרמעגן, וואָס האָבן ניט געלערנט קיין מאָראַל און ווילן פאַרשקלאַפן זייערע געדונגענע טאָג־אַרבעטער, און עס זיינען אויך דאָ היפּאָקריטן, וואָס דעקן זיך צו מיט די געזעצן ווען שקלאַפן און זאָגן דעם רשע — ביסט אַ צדיק. אָבער דאָס איז קעגן דער יידישער מאָראַל, וואָס פאָדערט דעם אמת, און דער וואָס נאַרט זיך אַליין ניט אָפּ און דעקט זיך ניט צו מיט דעם געזעץ פון קנעכט, דאַרף מאַכן די ברכה „שלא עשני עבד".

(שאלות ותשובות מלכי בקודש, סעינט־לואיס, מיזורי, 1923).

---

*) הרב חיים הירשענזאָן, באַקאַנטער אָרטאָדאָקסישער רב פון צפון ניו־דזשוירזי, מחבר פון אַ צאָל תלמודישע ספרים און פאָטער פון תמרה דע־סאָלאַ פּול, פירערין פון דער פרויען־אָרגאַניזאַציע „הדסה".

קוואַלן און באַמערקונגען

ערשטער טייל: וועקער און קעמפער

ערנעסטינע ראָוז

1) M. Schappes, Ernestine Rose, Queen of the Platform. *Jewish Life,* March, 1949.
2) Ibid.
3) Ibid.
4) Philip Foner, The Jews in America, 1654—1865.
5) Schappes, ibid.

דוד איינהאָרן 1

1) Kaufman Kohler, David Einhorn Memorial Volume, New York, 1911.
2) Ibid.
3) Ibid.
4) Ibid.
5) Ibid.

6) אין יאָר 1771, האָט די שווערינער קהילה געבעטן משה מענדעלסאָן איבטער־ווענירן מכח דעם פאַרבאָט פון דער מאַכט צו באַגראָבן יידישע מתים דעם זעלביקן טאָג. מענדעלסאָן האָט דערקלערט, אַז דער פאַרבאָט גייט ניט קעגן די פרינציפן פון דער יידישער רעליגיע. זע, מאָזעס מענדעלסאָן יובילײ־שריפט, רעדאַגירט פון ש. ראַווי־דאָוויץ, בערלין 1935, ז׳ 168.

7) זע, ש. בערנפעלד, „תולדות הריפורמציון הדתית בישראל", ווארשה תרפ"ג.

8) ש. בערנפעלד, דאָרט.

9) ש. בערנפעלד, דאָרט.

10) Reform Cong. Kneseth Israel, 1847—1947. Phila., 1950.
11) M. B. Ryback, East-West Conffict in American Reform Judaism, A. J. A., Januray, 1952; D. Cuntz, Germans in E. Maryland, 1950, p. 325.
12) Ibid.
13) *Wecker,* August 26, 1853.
14) R. S. Ryner, History of Har Sinai Cong., Baltimore, 1893.

דוד איינהאָרן 2

1) Gustav Pollack, Michael Heilperin and Sons, New York, 1921.
2) *Sinai,* 1856, . 229.
3) *Sinai,* October 1856, Uo. 2.
4) *Sinai,* January 1856, p. 114; February 1859, p. 3.
5) *Sinai,* January 7, 1859.
6) Schappes, p. 674.
7) Ibid.
8) Bertram W. Korn, Iaac M. Wise and the Civil War, *Hebrew Union College,* Cincinnati, 1947.
9) Ryback, East-West Conflict, A.J.A.
10) Ryback, ibid.
11) Bertram W. Korn, American Jews in the Civil War, p. 41.
12) Ibid, p. 42.

וועגן פרימאָנטן, דעם ראַדיקאַלן אַבאָליציאָניסט, זע:

J. Harry Williams, Lincoln and the Radicals, University of Wisconsin Press, Madison, 1941, pp. 20-40.

דוד אײנהאָרן 3

1) F. Engels, Anti-Duering. New York, 1941, p. 165.
2) Allyce Pelt Taylor, Freedom's Ferment. Minneapolis, 1944, p. 520.
3) Marx-Engels, Civil War in the U. S. A. New York, 1947.
4) Dr. M. J. Raphal, Bible View of Slavery. New York, 1861.
5) *Tribune,* January 23, 1861. Korn, p. 18.
6) *Tribune,* Janury 7, 19, 1861.
7) Ibid.
8) Korn, 19; *Evangelical Review of Gettisburg, Pa.,* Januuary, 1962; Ella Mckinley Mieltzner, Rabbi Moses Mieltzner, N. Y., 1931.
9) *Messenger,* January 18, 1861.
10) *Jewish Record,* January 9, 1863.
11) *Record,* January 30, 1863.
12) *Record,* February 6, 1863.
13) *Israelit,* February 6, 1863.
14) *Israelit,* March 24, 1861.
15) *Israelit,* December 14, 28, 1861.
16) *Israelit,* March 15, 1861.
17) Korn, p. 50.
18) *Occident,* January 24, 1861.
19) *Sinai,* January, 1861.

דוד אײנהאָרן 4

1) Publications of Jewish Historical Society, 250th Anniversary of Jewish History in the U. S. A. New York, 1905.
2) Cuntz, p. 258.
3) *Sinai,* June, 1861, Philadelphia.
4) Karl Marx, Correspondents in the *Tribune,* 1861.
5) Abraham Lincoln, Selections. New York, 1944.
6) *New York Times,* April 23, 1861.
7) Carl Wittike, Refugees of Revolution. Columbus, 1949, p. 391.
8) S. W. Ryner, History of Har Sinai Congregation, Baltimore, 1897.
9) Reform Cong. Knesseth Israel, 1847—1947. Phila., 1950.
10) Korn, p. 251.

דוד אײנהאָרן 5

1) Harry T. Williams, Lincoln and the Radicals. Madison, Wisc., 1941, pp. 244-8.
2) Ralph Krongold, Two Friends of Man. New York, 1950, p. 213.
3) Marx-Engels, Selected Correspondence. New York, 1941, p. 138.
4) Shappes, p. 691.
5) *Occident,* Philadelphia, 1861.
6) *Sinai,* July, 1861.
7) Korn, p. 251.
8) Ibid, p. 152.
9) Ibid.
10) War with Amalek. New York, 1864.
11) Letter to B. Felsenthal, September 3, 1862.
12) Korn, p. 62.

דוד איינהאָרן 6

1) *Ner Tomid* (German), Philadelphia, 1864.
2) *Sinai,* August, 1857.

3) אתה נגלית מלכנו על הר ציון לעם קדשך, ותשמיעם את הוד קולך ודברות קדשך מלהבות אש, להודיע בארץ דרכך, בכל גוים ישועתך. הרם קרן ישראל עמך, לתת להם פאר תחת אפר, שמן ששון תחת אבל, מעטה תהלה תחת חרוכה. בנה ביתך אשר בית תפלה יקרא לכל העמים, ותמלוך אתה לבדך על כל הארץ, ברוך אתה ה׳ בונה חרבות עולם.

4) *Reform Advocate,* Chicago, 1897.

5) „...ניט בלויז דער וואָס אַרבעט מיט די הענט, נאָר איבערהויפּט ווער ס׳טוט בלויז עפּעס, באַגינסטיקט, פאַרלייכטערט דאָס וואָס קען פאַרשאַפן זיין חבר נוצן, פאַרדינט דעם נאָמען פּראָדוצירער . . . אַ סוחר, וואָס מאַכט ספּעקולאַציעס אין זיין ביורא, אָדער פאַרפאַסט פּלענער אין זיין פאָטעל, פּראָדוצירט אין תוך מער ווי דער אַרבעטער און באַלמעלאָכע, וואָס מאַכט דעם גרעסטן גערויש. דער מיליטערמאַן פּראָדוצירט, וואָרים ער פאַרשאַפט דער מלוכה רו און זיכערקייט...

„בלויז אין אַן אָנפאַל פון שלעכטער שטימונג קאָן אַזאַ קלוגן מענטשן ווי רוסאָ איינפאַלן, אַז דער ביסקוויט־מאַכער פון פּאַריז פּראָדוצירט מער, איידער די אַקאַדעמיע פון וויסנשאַפטן.

„...מען דאַרף שטרעבן ווי וויט מעגלעך פאַרמינערן די באַגרענעצונגען, אָפּשאַפן די מאָנאָפּאָליעס, פּריווילעגיעס, געבן גלייכע רעכט דעם קלענסטן אויפקויפער. מיט איין וואָרט: אַנטוויקלען די קאָנקורענץ אויף אַלע אופנים צווישן די פאַרמיטלער, דערוועקן אין זיין אַ געוועט . . . בלויז דורך קאָנקורענץ קאָן מען דערגרייכן די דאָזיקע צילן.״ (מאָזעס מענדעלסאָן, ווערק, באַנד 3, ז״ז 92־189, בערלין, 1933.)

6) Friedrich Engels, The Peasant Revolt in Germany—1525. New York, 1944.

צווייטער טייל:

פאַר רעכט און פרייהייט

צווייטער קאַפּיטל

1) יערלעכער באַריכט פון דער אַמעריקאַנער און אויסלענדישער אַנטי־שקלאַפערישער געזעלשאַפט, ז״ז 5־114. ציטירט אין

Bertram W. Korn, American Jewry and the Civil War. Philadelphia, 1951, p. 15.

2) פיליפּ פאָנער, יידן אין בירגער־קריג. אַלמאַנאַך „אין דינסט פון פאָלק״, ניו־יאָרק, 1947.

3) קאָרן, דאָרט.

4) *Occident,* November 9, 1860.
5) Charles Reznikoff, The Jews of Charleston, S. C., Philadelphia, 1950, p. 77.
6) M. U. Schappes, A Documentary History of the Jews in the U. S. A., p. 312.
7) Ibid.
8) Isaac Goldberg, Major Noah. Philadelhia, 1944, p. 253.

נח האָט באַשולדיקט גרילין אין עסן צוזאַמען מיט צוויי נעגער אין אַ גאַסט־הויז פון ניו־יאָרק. גרילי האָט אים געענטפערט: „מיר ווילן אונדזער געזעלשאַפט, לויט אונדזער געשמאַק, און האָבן ווייניק אַכטונג פאַר דעם גייסט, וואָס האָט הונדערטער יאָרן געהאַלטן די קרובים פון מ. מ. נח ווי די פאַרשאָלטענע פון גאָט און מענטשן, באַרויבטע פון געזעץ און פון רעכט און אומפּאַסיק פאַר אַ קריסט צו עסן מיט זיי. דאָרט וואו עס געפינען זיך טויזנטער וואָס ווילן ניט עסן מיט אַ נעגער, געפינען זיך צענדליקער וואָס ווילן ניט עסן מיט אַ ייִדן. לאָזן מיר דערפאַר איבער צו אַזעלכע רענעגאַטן, ווי דעם שופט פון ישראל, צו סטימולירן ראַסן־פאָראורטיילן... אַ זאַך, וואָס איז זיכער ניט אין די אינטערעסן פון זיין אומגליקלעכן פאָלק."
(James Porton, The Life of Horace Greeley. Boston, 1889, p. 189.)

9) Ph. Foner, ibid.

10) M. Schappes, pp. 212-313; *Sunday Times Herald,* Chicago, June 9, 1895.

10) Simon Wolf, The American Jew As Patriot, Soldier and Citizen. Philadelphia, 1898, pp. 425-426.

11) Carl Sandburg, Lincoln, Popular Biography.

12) Solly E. Putnam, Richmond During the War, p. 105, in Mary L. Macy's Ersatz in the Confederacy, Columbia, S. C., 1952.

13) *Liberator,* September 21, 1838.

14) D. Aptheker, Documentary History of the Negro People in the U. S. A. New York, 1951, p. 456. Korn, p. 51.

15) די בירגערלעכע היסטאָריקער, וואָס זעען בלויז דעם אויבערפלאַך פון די געשעענישן און ניט זייער תמצית, ווייזן אָן אויף געוויסע אַנטי־ייִדישע איינשטעלונגען מצד אַבאָליציאָניסטן. איז אמת, אַז אַזעלכע זיינען געווען. אָבער צוצושרייבן אַנטי־סעמיטיזם דער גאַנצער אַבאָליציאָניסטישער באַוועגונג איז פאַלש. זע אין פאַרבינדונג מיט דעם די בראָשור פון לואיס רוכאמעס,
The Abolitionists and the Jews. Reprint Publications, American Jewish Historical Society, December, 1952.

16) Ibid.

דריטער קאַפּיטל

1) Der Erzaehler am Ohio. Cincinnati, 1948, p. 280.

2) *Deborah,* German-Jewish Monthly. Cincinnati, 1856, p. 302.

3) Cincinnati National Directory, 1859| See in Schappes, p. 677.

4) Hyman B. Greenstein, The Rise of the Jewish Community in New York. Philadelphia, 1945, p. 127.

5) Robert Ernst, Immigrant Life in New York, 1825—1863. New York, 1949, pp. 85-86.

6) Franz Luhr Am-Niagra (German). *Deutsche Monatshefte,* New York, 1855.

7) Schappes, p. 701.

8) שמעון דובנאָוו, נייסטע געשיכטע פון ייִדישן פאָלק. וואַרשע, 1938, ז' 301.

9) Barnet Elsas, The Jews of South Carolina. Philadelphia, 1929, p. 261.

10) י. ל. סילווער, געשיכטע פון ייִדן אין אָלבאַני. יאָרבוך אַמאָפּטייל, ייוו"אָ, ניו־יאָרק, ז"ז 136—381.

11) Isaac M. Wise, Reminiscences. Cincinnati, 1901, p. 5.

12) S. W. Reiner, The History of Har Sinai Temple. Baltimore, 1897.

13) פ. סאַנדלער, יידישע פראַטערנאַלע אָרדנס אין אַמעריקע. אין אַלמאַנאַך „אין דינסט פון פאָלק״, ניו־יאָרק, 1950.

14) *The Israelit,* Cincinnati, 1856, p. 53.
ציטירט אין רודאָלף גלאַנץ, „יידן אין דעם קולטור־קרייז פון די דייטשן אין אַמעריקע״, ייוו״אָ־בלעטער, מערץ־אַפּריל, 1945.

15) *Deborah,* 1859, p. 126.
זע גלאַנץ, דערמאָנטע ייוו״אָ־בלעטער.

16) *Deutsche Monatshefte,* New York, 1856, p. 187.

17) N. Metzner, Gedenkschrift zur Feier des 25-Jubileum des New York Turn-Vereins. New York, 1857, p. 6.

18) D. Cuntz, The Germans in Maryland, Princeton, N. J., 1950.

19) Lyman C. Draper, Madison, the Capitol of Wisconsin. Madison, 1857.

20) Cuntz, p. 300.

21) Bertram W. Korn, Jewish Forty-Eighters. American Jewish Archives, Cincinnati, June, 1949.

22) Cuntz, p. 391.

פערטער קאַפּיטל

1) Marx-Engels, Civil War in the U. S. A., 1947.
2) American Jewish Archives.
3) Schappes, p. 349.
4) Ibid.
5) Ibid.
6) Schappes, p. 682.
7) Isaac Dittenhoffer, How We Elected Lincoln. New York, 1911.
8) Korn, p. 280.
„מיינע איבערצייגונגען האָבן זיך אַנטשיידן געביטן נאָכן איבערלייענען דעם ענטפער פון סענאַטאָר פון אָהייאָ, בענדזשאַמין פ. וועיד, וועלכער האָט פאָרגעוואָרפן מיט פאַראַכטונג דזשודאַ פ. בענדזשאַמין, אַז ער איז „אַ ייד מיט מצרישע פרינציפן״. עס האָט מיך פשוט גענומען פאַרפאָלגן אַ געדאַנק, אַז דער ייד בענדזשאַמין, וועמענס אור־אור־עלטערן זיינען פאַרשקלאַפט געוואָרן אין מצרים, האָט ניט געטאָרט ווערן דער וואָרטזאָגער פאַר שקלאַפעריי אין אַ פרייער אַמעריקע. און אויב ער טוט עס יאָ, ברענגט ער דערמיט אומכבוד אויף זיך אַליין...״

בירגער־קריג און רעקאָנסטרוקציע

ערשטער קאַפּיטל

1) Ph. Foner, Jews in American History, 1654—1865, p. 64.
2) *Jewish Messenger,* June 7, 1861; Schappes, p. 690.
3) I. Ditenhoffer, How We Elected Lincoln, New York, 1916.
4) Carl Sandburg, Abraham Lincoln, The War-Years. New York, 1939, pp. 360-364.
5) Ella Lonn, Foreigners in the Confederacy. Chapel Hill, N. C., 1940, pp. 393-399.
6) Ibid, p. 337.
7) *New York Times,* March 21, 1862.
8) Korn, Chapter Exodus, 1862.

זעקסטער קאַפּיטל

1) Emma Felsenthal, Bernard Felsenthal, Teacher in Israel. New York, 1924.
2) Ibid, p. 124.
3) Ibid, p. 126.
4) Die Juden und Sklafentum, *Illinois Staats-Zeitung,* Chicago, June 6, 1862.
5) Legislative Barbarei und Neger-Knecht. *Staats-Zeitung,* Chicago, June 7, 1862.
6) *Hebrew Leader,* New York, December 22, 1865.
7) James Wax, Isidore Bush—American Patriot and Abolitionist. *Historia Judaica,* New York, 1943, 5.
8) Korn, pp. 36-38.
9) משה דייוויס, יהדות אמריקה בהתפתחותה. ירושלים, 1951, עמוד 153.
10) M. Levinthal, H. Szold—Life and Letters. New York, 1942, p. 3.
11) Korn, p. 219.
12) *Messenger,* January 15, 1864; Korn, p. 86.
13) Emerson Journals, Vol. 10.

זיבעטער קאַפּיטל

1) David Einhorn, Gesammelte Predigten. New York, 1911.
2) Korn, p. 219.
3) David Philipson, Max Lilienthal—Life and Writings. New York, 1915.
4) Fredrick Douglas, Selections. New York, 1945.
5) James S. Allen, Reconstruction, the Battle for Democracy. New York, 1945, p. 25.
6) Ibid, p. 93.
7) Ch. Reznikoff, History of the Jews in Charleston, p. 162.
8) Allen, p. 120.
9) Schappes, p. 717.
10) S. L. Davis, History of the Ku-Klux Klan. New York, 1924, pp. 45-47.
10a) *Israelit,* August 28, 1868.
11) Ibid.
12) Philip Foner, Jews in American History, p. 77.

ב י י ל אַ ג ע ס

ערשטע ביילאַגע

1) דעם 21טן יולי האָבן די צפון־שטאַטן פאַרשפּילט די באַרימטע שלאַכט „בול־ראַן" ביי מאַנאַסאַס, ווירדזשיניע. די הויפּט־קרעפטן פון דער צפון־אַרמיי האָבן געלאָזט זייערע האַרמאַטן און זיינען זיך צעלאָפן. בלויז די ניט־אַנטשלאָסנקייט פון די דרום־לייט, וואָס האָבן מורא געהאַט פאַר אַן אויפשטאַנד פון די נעגער אין הינטערלאַנד, האָט געראַטעוועט די צפונדיקע אַרמיי פון אַ פולשטענדיקער צעגראָמירונג.

2) אָנהייב פון דער מלחמה האָבן די צפון־כחות, אַדאַנק דער ניט־אַנטשלאָסנקייט, שוואַכקייטן און וואַקלענישן פון דער בורזשואַזיע, וואָס איז געווען אָריענטירט האַלב־

שקלאַפעריש, געליטן איין מפּלה נאָך דער צווייטער. די מפּלה ביי מאַנאַסאַס („בול־ראָן") האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם פון צאָרן איבערן לאַנד. אַמייסטנס האָט בייגעטראָגן צו דער שוואַכקייט דער העלד פון קריג קעגן מעקסיקאָ, גענעראַל ווינפּילד סקאָט, וואָס איז געווען דער הויפּט פון דער גאַנצער צפון־אַרמיי. עס זיינען פאָרגעקומען מאַסן־דעמאָנסטראַציעס אין אַ סך שטעט. די ראַדיקאַלע רעפּובליקאַנער האָבן באַשולדיקט דעם קאָמאַנדיר־באַשטאַנד אין פאַרראַט און האָבן געפאָדערט אָננעמען מאָס־מיטלען קעגן די אָפענע אָנהענגער פון דרום.

די אַבאָליציאָניסטישע סענאַטאָרן הענרי ווילסאָן און אַנדערע פון ניו־ענגלאַנד האָבן אָפּגעהאַלטן באַראַטונגען מיט לינקאָלנען און געפאָדערט תיכּפדיקע און אַקטיווע אונטער־נעמונגען. „סקאָטס אַרמיי, — האָבן זיי געטענהט, — עקזיסטירט בלויז אויף פּאַפּיר". מאָנטגאָמערי בלייר, „פּאָסטמאַסטער גענעראַל", האָט געפירט אַן אַגיטאַציע קעגן „דער אַלטער באָבע סקאָט", „די אַלטע קאָקעטקע אין פעדערן". „סקאָט, — האָט ער גע־טענהט, — פּאַראַליזירט די גאַנצע רעגירונג. די מלחמה וועט זיך אייביק ציען אויב מען וועט ניט אַרונטערוואַרפן דעם אַלטן סקאָט". (זע, הערי וויליאַמס, „לינקאָלן ענד דהי רעדיקעלס", מעדיסאָן, וויסקאָנסין, 1941, ז"ז 44—24.)

גענעראַל סקאָט איז געווען אַן אָנהענגער פון „פּיודזשיטיוו סלעיוו עקט". אין יאָר 1850 האָט ער אַדרעסירט אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג אין קעסטל־גאַרדן, ניו־יאָרק, וואו ער האָט געלויבט דעם פּאַטריאָטיזם פונעם דעמאָלסטיקן שטאַטס־סעקרעטאַר דעניעל וועבסטער. (זע, ראַלף קאָרנגאָלד, „טו פריענדס אָוו מען", ניו־יאָרק, 1950, ז' 213). אַ ביטערע אַטאַקע אויף סקאָטן איז אויך געקומען פון דעם אַבאָליציאָניסטישן פירער ווענדל פיליפּס. איינהאָרן האָט זיך, ווי עס זעט אויס, פולשטענדיק אידענטיפיצירט מיט פיליפּסן אין באַשולדיקן סקאָטן, און זיך דערמיט געשטעלט אויף די קאָנ־סעקווענטסטע פּאָזיציעס פון ראַדיקאַלן אַבאָליציאָניזם.

3) אונטערן ווייטערדיקן דרוק פון די דעמאָקראַטישע מאַסן, אַרבעטער און פאַרמער, האָט די צפונדיקע אַרמיי, אָנהייב 1862, אָנגעהייבן אַן אָנגריף. אין פאַרבינדונג מיט דעם איז אינטערעסאַנט די פאָראויסזאָגונג פון קאַרל מאַרקס וועגן ענדגילטיקן זיג פון צפון איבער דעם דרום און דער שקלאַפעריי. אין אַ בריוו צו פרידריך ענגעלס, דאַטירט דעם 10טן סעפּטעמבער, 1862, שרייבט מאַרקס: „וואָס שייך די יענקיס, בין איך זיכער אַז דער צפון וועט זיגן צום סוף" (מאַרקס־ענגעלס בריוו, ניו־יאָרק, 1942, ז' 136).

4) אַ מיטגליד פון איינהאָרנס משפּחה־קרייז האָט, ווייזט אויס, געקעמפט אין דער זיגרייכער שלאַכט פאַרן דרום ביי „בול־ראָן" און אַרויסגעוויזן סימפּאַטיעס צום דרום.

5) דזשאָן סי. ברעקענרידזש (1876—1821) פון קענטאָקי, פאָרזיצער פון סענאַט בעת דער דערוויילונג פון פּרעזידענט לינקאָלן, איז אין 1860 דורכגעפאַלן אַלס פּרעזידענט־קאַנדידאַט אויפן צעטל פון די דעמאָקראַטן. ברעקענרידזש איז געווען אַ פאַנאַטישער שטיצער פון שקלאַפעריי.

6) די פּראָ־שקלאַפערישע יידישע עלעמענטן פון באַלטימאָר בכלל און פון „סיני"־פאַראיין בפרט, האָבן באַצייכנט דעם „סיני" ווי אַ „פּאָליטישן אָרגאַן".

וויליאַם ס. ראָללערס, אין זיין אַרומנעמענדיקער אַרבעט „די צפון־מזרחדיקע רעליגיעזע פּרעסע און דזשאָן בראַון" („אָהייאָ סטייט אַרכעאָלאָדזשיקעל ענד היסטאָרי־קעל קוואָרטערלי", אַפּריל 1942, קאָלאָמבוס, אָהייאָ), דערקלערט די סיבה פאַרוואָס די רעליגיעזע זשורנאַלן האָבן זיך אַנטזאָגט צו דיסקוטירן סעקולאַרע פּראָבלעמען, מיט

דער שטעלונג פון פילאַדעלפיער „אָקסידענט ענד דזשואיש עדוואָקייט", וועלכער האָט קאַטעגאָריש דערקלערט זיין אָפּהאַלטן זיך פון פּאָליטישער דיסקוסיע מיט די ווערטער: „אונדזער שריפט האָט ניט קיינע פאַרבינדונגען מיט פּאָליטיק און מיר וועלן באַטראַכטן פאַר אַ דעגראַדאַציע פון דער רעליגיעזער פרעסע, אויב זי וועט פאַרלאָזן איר נויטיקע ספערע צו באַאיינפלוסן, ווי ווייט מעגלעך, די לייענער אין רעליגיעזע פראַגן און אַריינטרעטן אין פעלד פון דיסקוסיע, וואָס דאַרף בעסער איבערגעלאָזן ווערן צו די יעניקע, וועמענס געשעפט עס איז זיך צו פאָרען אין די וואַסרן פון פאַרשיזאַנישע מלחמות" (נאָוועמבער 8, 1860).

איינהאָרן האָט אָבער רעאַגירט אויף אַלע פּאָליטישע פראַגן. אין „סיני" פון מערץ 1862 איז ער אַרויסגעטראָטן מיט אַ שאַרפן לייט־אַרטיקל קעגן קאַטוילישן בישאָף היוז פאַר זיין קאַטוילישן הכשר איבער שקלאַפנטום, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער: „די גוטהייסונג פון דער שקלאַפעריי מצד דעם קאַטוילישן בישאָף, וועט קיינעם ניט איבערראַשן. ווי דער הויפט־פאָרשטייער פון אַ רעליגיע, וואָס גלויבט אין טויטן בוכשטאַב און פאַרדאַמט יעדער שכלדיקע רעליגיעזע דערקענטעניש, קאָן ער ניט אַנדערש ווי פאַרוואַנדלען גאָטס וואָרט, וואָס איז געשריבן שוואַרץ אויף ווייס, אין ווייס אויף שוואַרץ. דער ווילן צו מאַכן גאָט פאַר אַ שותף צו אונטעריאָכונג און שקלאַפעריי אין אַמעריקע איז פראָפאַנירונג פון הייליקייט..."

7) אין זיין הספד אויף לינקאָלן, „גאָטס שטימע פון פייער", פילאַדעלפיע, יוני 1865, האָט איינהאָרן דערמאָנט דזשעפערסאָן דייוויס אין איין אָטעם מיט פרעה און המן.

8) דער סענטימענט פאַרן פאַרבאַנד אין מערילענד איז געווען באַזירט אויף די האַנדלס־אינטערעסן פון שטאַט, וואָס האָט זיך גענויטיקט אין די רוי־מאַטעריאַלן פון די דרום־שטאַטן, און די סוחרים האָבן מורא געהאַט, אַז די באַזע פון רוי־מאַטעריאַלן וועט צעשמעטערט ווערן אין פאַל מערילענד וועט זיך פאַרבינדן מיט דער קאָנפעדעראַציע. (זע, קאַרל מ. פרייזער, יוניאָן סענטימענט אין מערילענד 1859—1861, „מערילענד היסטאָריקעל מעגעזין", 1929, ז"ז 214—221, ציטירט אין שאַפעס, ז' 691).

אין אַ בריוו, דאַטירט „מאַנטשעסטער, נאָוועמבער 5, 1861", האָט ענגעלס געשריבן צו מאַרקסן: „איך גלויב אויך, אַז די קאָנפעדעראַטן אין מערילענד האָבן באַקומען אַן אומדערוואַרטעטן מאָראַלישן קלאַפ פון גרויס באַדייט.... אפילו אין דער געגנט פון די גרענעץ־שטאַטן, וואָס איז אַממערסטנס סימפאַטיש צום דרום, איז די שטיצע פאַר דער קאָנפעדעראַציע שוואַך" (מאַרקס־ענגעלס בריוו, ז' 138).

9) אין זומער 1862 האָט גענעראַל דזשאַן סי. פרימאָנט, אויף זיין אייגענער איניציאַטיוו, אָנגעהויבן באַפרייען די שקלאַפן אין די דרום־ראַיאָנען, וואָס ער האָט פאַרנומען. לינקאָלן האָט צו־ערשט אָפגעשאַפט זיינע באַפעלן און אים אַראָפגענומען פון זיין פאָסטן, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ קעגנערשאַפט אין די רייען פון די ראַדיקאַלע רעפובליקאַנער. איינהאָרן האָט, ווייזט אויס, געהאַלטן מיט לינקאָלנס מעסיקן צוגאַנג, אָבער ער האָט פאָראויסגעזאָגט די שפּעטערדיקע פאַרניכטונג פון שקלאַפעריי דורך לינקאָלן אַליין. דעם 1טן יאַנואַר, 1863, האָט לינקאָלן אַרויסגעגעבן זיין באַרימטע עמאַנציפירונג־דעקלאַראַציע.

10) איינהאָרן האָט דאָ אין זינען די יידישע סוחריש־באַנקירישע עלעמענטן, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן „פאַטריאָטיזם" אויף זייער שטייגער. זיי זיינען רייך געוואָרן פון האַנדל מיט שפּייז, וואָס זיי האָבן געשמוגלט איבער די גרענעצן פון די שלאַכט־פעלדער, באַזונדערס אין די גרענעץ־שטאַטן טענעסי און מערילענד.

11) דער פרנס פון „הר־סיני פעראיין" איז געווען דער דערמאָנטער טאַבאַק־סוחר

סעמועל דעלעוויע, וואָס איז געווען סוחריש פאַרבונדן מיט צפון קאַראָליינאַ און די טאַבאַק־הענדלער פון דרום מערילענד, און דערפאַר סימפּאַטיזירט מיט דער פּראָ־שקלאַפערישער רעבעליע. דאָס האָט ער פאַרזאָגט איינהאָרנען, ער זאָל מער ניט וואַגן צו האַלטן „פּאָליטישע דרשות", וואָס האָט געפירט צו איינהאָרנס באַשלוס זיך ניט אומצוקערן צוריק קיין באַלטימאָר.

דעם ערשטן ימים נוראים נאָך איינהאָרנס פאַרלאָזן, איז דער הר־סיני טעמפּל געבליבן אָן אַ רב און דעלעוויע אַליין האָט געהאַלטן די דרשה.

12) דר. אברהם ב. אַרנאָלד — אַ יונגער מעדיקער פון באַלטימאָר, מיטגליד פון עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי אין מערילענד.

12א) אויף לינקאָלנס רוף פאַר וואָלונטירן אין די צפון־אַרמייען האָט די שיקאַגער יידישע באַפעלקערונג זיך האַרציק אָפּגערופן. דעם 16טן אויגוסט, 1862, איז אין דאָרטיקן „קאָנקאָרדיאַ קלוב" פאַררופן געוואָרן אַ יידישע מאַסן־פאַרזאַמלונג. עס איז געשאַפן געוואָרן די סומע פון עלף טויזנט מיט צוויי הונדערט דאָלער, און עס האָבן זיך פאַרשריבן צום דינסט 96 פּערזאָן. די שיקאַגער יידישע סאָלדאַטן האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער 82טער גרופּע פון אילינאָי און האָבן זיך אויסגעצייכנט אין די שלאַכטן. דער „יידישער איינס" איז נאָכדעם באַקאַנט געוואָרן ווי „קאָמפּאַניע סי." און „איזראַעליטישע גרופּע". די שיקאַגער צייטונג „טריביון" פון 14טן אויגוסט, 1862, האָט געשריבן וועגן דער דאָזיקער אַקציע: „די איזראַעליטן האָבן דורכגעפירט אַן ענטוזיאַסטישע פאַרזאַמלונג לטובת דעם קריג, אָנגענומען שטאַרקע רעזאָלוציעס און באַוויזן אויסגעצייכנטע גרייטקייט". איינהאָרן האָט אין דער פאַרזאַמלונג געזען אַ צייכן פון גרויס פּאַטריאָטיזם און קאַמף קעגן שקלאַפעריי און פאַרעפנטלעכט זיין באַריכט אין „סיני" (סעפּטעמבער, 1862) מיט דעם פּסוק פון יהושע: „היום גלותי את חרפת מצרים מעליכם" — „היינט האָב איך אַראָפּגעקייקלט פון אייך די חרפּה פון מצרים".

13) איינהאָרן האָט אַטאַקירט דעם מעמפיסער ראַבינער טוסקאַ, וועמען ער האָט חושד געווען אין סימפּאַטיעס מיט דער קאָנפעדעראַציע. טוסקאַ האָט זיך פאַרענטפערט.

14) אין האַרבסט 1862 האָט די צפון־אַרמיי, אונטער דער אָנפירונג פון מעק־לעלאַן, געליטן אַ מפּלה און געלאָפן אין אומאָרדענונג צו וואַשינגטאָן.

דריטע ביילאַגע

1) היוז ל. באָנד איז געווען אַ ראַדיקאַל־רעפּובליקאַנער ריכטער אין באַלטימאָר אין רעקאָנסטרוקציע־פּעריאָד. אין 1864, ווען דער גרינדער פון דער אַבאָליציאָניסטישער באַוועגונג געריסאָן האָט באַזוכט באַלטימאָר, די שטאָט פון זיין אַמאָליקן מאַרטירער־קאַמף (וואו ער איז פאַרשפּאַרט געוואָרן אין תפיסה פאַר זיין אַנטי־שקלאַפערישער פּראָפּאַגאַנדע), האָט אים ה. ל. באָנד אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. אַכט אָדער ניין מיטגלידער פון דער „דזשורי", וואָס האָט אים אַמאָל פאַרמשפּט, האָבן נאָך געלעבט, און באָנד האָט זיי געוואָלט צונויפרופן, זייז זאָלן זיך אַנטשולדיקן פאַר געריסאָנען. ביידע, געריסאָן און באָנד, האָבן נאָכדעם באַזוכט פּרעזידענט לינקאָלן. (ר. קראָנגאָלד, „טו פרענדס אָוו מען", ז"ז 328־329).

2) דאָס בוך „אָנקל טאָמס קעבין" (דאָס שטיבל פון פעטער טאָם) פון דער באַרימטער אַמעריקאַנער פּרויען־שרייבערין העריעט עליזאַבעט ביטשער סטאָו, איז דער־שינען אין 1852, און האָט אויפגערודערט דאָס געוויסן פון דער פרייער אַמעריקע,

ציענדיק די אויפמערקזאַמקייט אויף דער ברוטאַלער שקלאַפעריי, און גלייכצייטיק אַרויסגעבראַכט פון געדולד די שקלאַפן־באַזיצער. (זע, ראָסעל ב. ניי, „פעטערד פרידאָם", איסט לענסינג, מישיגען, 1949, ז' 128).

3) „דער גוטער סאַמאַריטאַנער" — אַן עוואַנגעלישער משל פאַר ברידערלעכער גוטהאַרציקייט און הילף.

4) גיהינום. דער אַטעאיסט ראָבערט אינגערסאָל האָט, ווי באַוואוסט, געשריבן אַ בראָשור, וואו ער האָט געלייקנט אין גיהינום.

5) דער „אַמעריקען דזשואיש עניועל" איז זיך משער, אַז דער צווייטער ראַביי איז ס. דויטש פון הר־סיני טעמפל, וואָס איז געווען איינהאָרנס שטעל־פאַרטרעטער.

פערטע ביילאַגע

1) Max Kohler, Jews in the American Anti-Slavery Movement. P. A. J. H. S., 1897—1900.

ביבליאָגראַפיע

1. אָריגינעלע, נאָך ניט פאַרעפנטלעכטע דאָקומענטן

אויגוסט באָנדי, אויטאָביאָגראַפיע. ביבליאָטעק פון דער היסטאָרישער געזעלשאַפט, טאָפּיקאַ, קענזעס.

ניט־פאַרעפנטלעכטע בריוו פון דוד איינהאָרן צו ר. אָפּענהיים. מאַרקוס־קאָלעקציע, סינסינעטי.

ניט־פאַרעפנטלעכטער בריוו פון איינהאָרן צו פעלזענטאַל. אַמעריקאַנער יידישע היס־טאָרישע געזעלשאַפט, ניו־יאָרק.

ניט־פאַרעפנטלעכטער בריוו פון פעלזענטאַל צו מאַקס קאָלער. קאָרן־קאָלעקציע, אַמערי־קאַנער יידישע אַרכיוון, סינסינעטי.

2. העברייאישע און יידישע ווערק

משה דייוויס, יהדות אמריקה בהתפתחותה. ניו־יורק, תשי״א.

דוד איינהאָרן, עולת תמיד, סדדור תפילה, בתרגום גרמני ואנגלי. ניו־יאָרק, 1858.

פּ. וויערניק, געשיכטע פון דיא אידען אין אַמעריקאַ. ניו־יאָרק, 1941.

רודאָלף גלאַנץ, יידן אין דעם קולטור־קרייז פון דייטשן אין אַמעריקע ביז די 80ער יאָרן. ייוו״אָ בלעטער, פעברואַר, מאַרץ־אַפּריל, 1945.

בצלאל שערמאַן, יידן און אַנדערע עטנישע גרופּעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ניו־יאָרק, 1948.

3. דייטשע ווערק

D. Einhorn, Ausgewaehlte Predigten und Reden. New York, 1881.

Kohler, Kauffman, Grab und Gedenkrede fuer Rabbiner David Einhorn. Milwaukee, 1879.

4. אַלגעמיינע ענגלישע ווערק

Allen, James, Reconstruction, the Battle for Democracy. New York, 1937.

Aptheker, Herbert, A Documentary History of the Negro People in the U. S. A. New York, 1951.

Cuntz, Dieter, The Germans in Maryland. Princeton, 1950.

Engels, Fredrick, Anti-Duering. New York, 1945.

Ernst, Robert, Immigrant Life in New York, 1825—1863. New York, 1944.

Foner, Philip, Abraham Lincoln, Selection from his Writings. New York, 1944.

Foster, William Z., History of the Negro People. New York, 1953.
Krongold, Ralph, Two Friends of Man. New York, 1950.
Lawson, Elizabeth, Lincoln's Third Party. New York, 1950.
Marx, Karl, The Civil War in the U. S. A. 1945.
Nye, Russel, Fettered Freedom. E. Lansing, Mich., 1949.
Putnam, Sally E., Richmond During the Civil War. Columbia, 1952.
Taylor, Ellis Pelt, Freedom's Ferment. Minneapolis, 1944.
Toddes, Charlotte, William H. Sylvis and the National Labor Union. New York, 1942.
Williams, T. Henry, Lincoln and the Radicals. Madison, Wisc., 1941.
Wittke, Carl F., Refugees of Revolution. Philadelphia, 1952.
Wolf, Hazelcot, On Freedom's Altar. 1952.

5. יידיש־ענגלישע ווערק

Bondy, August, Autobiography. Gailsburg, Ill., 1910.
Dittenhoffer, Isaac, How We Elected Lincoln. New York, 1916.
Einhorn, David, War with Amalek. Philadelphia, 1864.
Felsenthal, Emma, Bernard Felsenthal—Teacher in Israel. New York, 1924.
Foner, Philip, Jews in American History, 1654—1865. New York, 1945.
Goldberg, Isaac, Major Noah—American Jewish Pioneer. Philadelphia, 1936.
Goldmark, Josephine, Pilgrims of '48. New Haven, 1930.
Ginstein, Hyman B., The Rise of the Jewish Community in New York, 1654—1860. Philadelphia, 1945.
Kohler, Kaufman, David Einhorn Memorial Volume. New York, 1911.
Kohler, Kaufman, Champion of Reform Judaisim. New York, 1909.
Kohler, Max J., The Jews and the American Anti-Slavery Movement. Publications American Jewish Historical Society, 1897—1901.
Korn, Bertram W., American Jewry in the Civil War. Philadelphia, 1951.
Lisbon, Annita, Pilgrim People. New York, 1950.
Marcus, Jacob R., Early American Jewry, Vol. 2. Philadelphia, 1953.
Rybak, Nathan, American Jewish Archives, July, 1951.
Schappes, Morris U., Documentary History of the Jews in America, second edition. New York, 1952.
Wise, Isaac M., Reminiscences. Cincinnati, 1901.
Wolf, Simon, The American Jew As a Patriot and Soldier. Philadelphia, 1895.
Universal Jewish Encyclopedia.

זוכצעטל פון נעמען

א

אירווינג, וואַשינגטאָן — 173.
אולענבאַך, ק. — 57.
איוב — 126.
אייבשיצער, יהונתן — 31.
אייזאַקס, סעמועל — 76, 105, 106, 112, 152, 171.
איינהאָרן, דוד — 16, 52, 54, 55, 56, 57, 58, 59, 60, 61, 62, 63, 64, 65, 66, 67, 68, 69, 70, 71, 72, 74, 75, 76, 77, 91, 92, 93, 94, 95, 96, 97, 98, 99, 104, 105, 106, 107, 108, 109, 110, 111, 112, 113, 114, 115, 116, 117, 119, 211, 122, 123, 124, 125, 126, 127, 177, 186, 193, 207, 209, 227, 229, 241, 242, 243.
איינהאָרן, איגנאַץ — 61, 63.
איינשטיין, הענריעטאַ — 43, 44.
אילאָווי, בערנאַרד — 76, 90, 91.
אינגערסאָל, ראָבערט — 232, 243.
אַנטאָני, סוזאַן ב. — 26, 173.
אַנדריו — 102.
אַפּענהיים, ר. — 66, 109, 110, 227, 228.
אָקס, יוליאַ — 56.
אַרנאָלד, ב. — 229, 242.
אַש, שלום — 222, 223.

ב

באַטלער, ה. — 140.
באָנד, ה. ל. — 183, 231, 243.
באָנדי, אויגוסט — 16, 31, 33, 34, 35, 37, 39, 40, 41, 42, 43, 50, 144, 201, 210, 230.
באָנדי, מאַרטאַ־פּרענקל — 31, 34, 44.
באָנדי, מרדכי — 31.
באָנדי, נטע — 31.
באָנדי, נפתלי הערץ — 34.
באַריישא, מ. — 212.
בוש, איזידאָר — 16, 164, 177, 179, 180.
ביוקענען, דזשעימס — 73, 74, 84, 161, 174.
ביטשער, הענרי וואַרד — 86, 97.
ביערפעלד, א. ס. — 192, 193.
בלומענבערג, לעאָפּאָלד — 66, 9, 104.
בלעיר, מאָנטגאָמערי — 208.
בענדזשאַמין, דזשייקאָב — 37, 40.
בענדזשאַמין, דזשודאַ פּ. — 139, 164, 175, 193, 201, 202.
בענעט, סטיפען ווינסענט — 201.
בעקער, אויגוסט — 67, 68.
בראַנדייס, אַדאָלף — 164.
בראַנדייס, פרעדריקאַ — 164.
בראַון, דזשאָן — 11, 36, 37, 38, 39, 40, 41, 42, 43, 50, 78, 130, 132, 144, 174, 201, 210, 241.
ברונאָ, דזשיאָרדאַנאָ — 50, 230.
ברייענט, וויליאַם קאָלען — 200, 201.
ברעקענרידזש, ראָבערט סי. — 26, 241.

ג

גאָלדמאַרק, יוסף — 164.
גאָלדמאַרק, רעגינאַ — 164.
גאַריבאַלדי דזש. — 204.
גוטהיים, דזשעימס — 90.
גוטמאַן — 66.
גייגער, אברהם — 55, 59.
גלאַזמאַן, ב. — 222, 220.
געריסאָן, ווילאַרד לאָיד — 29, 135, 142, 144.
גרילי, האָרעיס — 86, 167, 238.
גרענט, אוליסעס — 40, 176.
גראַץ, בענדזשאַמין — 173.
גראַץ, רעבעקאַ — 63, 173, 174, 175, 207.
גרימקע, שוועסטער — 173.
גרינבאַום, מיכאל — 140.
גרינשטיין, היימאַן ב. — 152.

ד

דאָוגלאַס, סטעפאַן — 107.
דאָוגלאַס, פרעדריק — 19, 26, 36, 135, 144, 189.
ד'אַרק, זשאַן — 20.
דבורה הנביאה — 21, 22.
דויטש, ס. — 244.
דזשאָנאַס, א. — 166, 167, 168.
דזשאָנסאָן, א. — 190, 198.
דזשעפערסאָן, טאָמאַס — 32, 160, 199.
דזשעקסאָן, א. — 102, 187.
דיטענהאָפער, אברהם — 163, 172, 173.
דיטענהאָפער, יצחק — 177.
דעיוויס, דזשעפערסאָן — 84, 90, 109, 114, 228, 242.
דעיוויס, ה. — 232.
דעמביץ, לואיס — 164.
דע־סאָלאַ פול, תמרה — 234.

ה

האָלדהיים, שמואל — 55, 60.
האַמבורגער, וואָלף — 54, 57.
האָו, עוועלין — 144.
האַליאַק, דזשאָרדזש — 23.
האַרבי, אייזיק — 154.
הויכשילד — 66.
הוצלער — 66.
היגינסאָן, ס. — 26.
היידענפעלד, ס. — 140.
היילפרין, מיכל — 16, 71, 87, 177, 179.
הילטאָן — 175.
הירש, עמיל ג. — 122.
הירשנזאָן, חיים — 234.
העגעל — 55, 56.
העמפטאָן, ווייד — 192.
הערמאַן, אייזיק — 193.

וו

וואולף, סיימאָן — 197.
וואַן ביורען מ. — 74.
וואַן־וויק, ברוקס — 224.
וואַשינגטאָן, דזשאָרדזש — 32, 102, 204.
וויטיער, דזשאָן גרינליף — 220.
וויטמאַן, וואָלט — 195.
ווידעמייער, דזשאָזעף — 168.
ווייז, יצחק מאיר — 77, 89, 90, 114, 121, 154, 193.
וויינער, טעאָדאָר — 40, 43.
וויליאַם אָרענדזש — 204.
ווילסאָן, העגרי — 241.
ווערניק, פּ. — 17, 18, 78, 179.

ז

זבולון — 22.

ט

טאָמסאָן, דזשאָזעף — 98.
טאַראָ, העגרי דעיוויד — 19.
טהלמעסינגער, מאיר — 166.
טהאָרנוועל — 82.
טוסקאָ, שמעון — 112, 229.
טעילאָר — 167.
טשפמאַן, ראובן — 140.
טשעניגג, וויליאַם העגרי — 26.

י

יאַקאָבי, אברהם — 166.
יאַקאָבי, פרידריך — 166.
יהודית — 22, 23.
יוז, דזשאַן — 111.
יוליע, דעיוויד — 139, 176.
יוסטיניאַן — 179.
ישעיהו — 186.

ל

לאַזאַרוס, עמאַ — 202, 203, 204, 205, 211.
לאָוב, אַדאָלף — 163.
לאַנדשרייבער, יום־טוב — 31.
לוטער, מאַרטין — 97, 178.
ליליענטאַל, מאַקס — 77, 194, 187, 188.
לינדסעי, דזשעק — 201.
לינקאָלן, אייברעהעם — 11, 15, 30, 36, 44, 70, 71, 79, 83, 84, 88, 89, 97, 98, 101, 102, 103, 107, 110, 111, 113, 141, 143, 160, 165, 166, 167, 168, 172, 173, 174, 176, 180, 186, 187, 188, 201, 208, 209, 214, 217, 224, 241, 242, 243.
ליסיצקי, אפרים — 214, 215, 216, 217.

ליעסין, א. — 201.
לעאָן, ראָבערט — 139.
לעווינטאַל, עמאַ — 207.
לעסער, אייזיק — 63, 73, 76, 114, 138, 152, 176.

מ

מאָדזיני, ד. — 204.
מאָזעס, י. פּ. — 138, 191.
מאָנטעפיאָרע, מאָזעס — 73.
מאַראַיס, שבתי — 75, 98, 177, 182, 183.
מאַרטאַראָ, עדגאַר — 72, 73, 75.
מאַרקוס, יעקב ר. — 197.
מאַרקס, קאַרל — 37, 109, 130, 142, 161, 165, 241.
מייער, לעאָפּאָלד — 163.
מיכה — 125.
מיכלבאַכער, י. מ. — 114.
מינצער, טאָמאַס — 127, 128.
מרים — 204.
מרמר, קלמן — 210.

נ

נח, מרדכי עמנואל — 140, 202, 203, 238.
נאַטאַן, יונתן — 163.

ס

סאַלאָמאָן, חיים — 205.
סאַלאָמאָן, עדוואַרד — 163.
סאַלאָנימסקי, זשאַן — 148.
סאַפּראַן, חנה — 212.
סאַרנער, פערדינאַנד — 184.
סזאָלד, בנימין — 177, 183, 231, 232, 233.
סטאָו, העריעט — 215, 243.
סיישעס, גרשם מענדעס — 166.
סיישעס, מענדעס — 138.
סעגיניץ, ב. — 72.
ספּאַניר — 154.
סקאָט, דרעד — 141.
סקאָט, וואַלטער — 207.
סקאָט, וויניפעלד — 108, 227, 241.

ע

עלדשטאַט, דוד — 210.
עמערסאָן, ראַלף וואַלדאָ — 119, 185.
ענגעלס, פרידריך — 81, 109, 127, 241.
עקיבא, רבי — 184.
עקערמאַן, יוליוס — 106.
ערליך, לעאָנאַרד — 13.

פּ

פּאָדהאָלאָ — 32.
פּאַרקער, טעאָדאָר — 6, 97, 135, 142, 144.
פיליפּס, ווענדל — 19, 26, 97, 108, 135, 142, 144.
פיליפּסאָן, דעיוויד — 75.
פילמאָר, מ. — 167.
פינער, מ. — 142.
פלאַוויוס, יוסף — 137.
פלאָיד, דזשאַן — 97.
פּעין, טאָמאַס — 205, 206.
פעלזענטאַל, בערנאַרד — 75, 77, 116, 177, 178, 179, 193, 229, 233, 235.
פעל-יעלין, שרה — 212.
פעסט, האַוואַרד — 205, 206.
פראַנק, אהרן — 166.
פרידמאַן, אייזיק — 140.
פרידמאַן, יוסף — 140.
פרימאָנט, דזשאַן ס. — 69, 70, 71, 110, 161, 178, 180, 235, 241.
פרענקלין, בענדזשאַמין — 202.

ק

קאָב, האָועל — 82, 98.
קאָברין, לעאָן — 219.
קאָהלער, מעקס — 233.
קאָהלער, ק. — 55.
קאָהאָן, אברהם — 163.
קאָופמאַן, זיגיסמונד — 158, 165, 166.
קאָס, לואיס — 73, 75, 174.
קאָרדאָזאָ, פרענסיס ל. — 191.
קאָרן, בערטראַם — 18, 78.
קאָשוט, לואיס — 32, 61, 71.
קונץ, דיטער — 66.
קלעיטאָן — 44.
קראָנענבערג. לואיס — 218.
קרעמיע, אַדאָלף — 137.

ר

ראַבערטסאָן, ווינדהאַם — 85.
ראָוז, וויליאַם — 24.
ראָוז, ערנעסטין — 16, 22, 24, 25, 26, 27, 28, 89, 30, 173.
ראָזענטאַל, יוליוס — 163.
ראָזענפעלד, מאָריס — 210.
ראַפּ, ווילהעלם — 67, 68, 103.
ראַפּאַל, מאָריס — 84, 85, 86, 103.
רוכאמעס, ל. — 145.
רוסאָ, זשאַן — 237.
ריסער, גבריאל — 102.
ריינער, ר. ס. — 105.
רייס, אברהם — 154.

ש

שאַפּעס, מאָריס — 198, 204, 242.
שבתי צבי — 31.
שורץ, קאַרל — 71.
שוואַרץ, חיים — 212.
שוואַרץ, י. י. — 214.
שטערן, שלום — 212.
שייב, ה. — 67.
שלום עליכם — 220.

ביישטייערער פאַרן אַרויסגעבן דאָס בוך

ניו־יאָרק

יעקב אַדלער
פייגל אַדלער
ראָוז אָהליכט
אַנאַ אַראָנאָוו
ראָוז אַראָנאָוו
י. אַרנאָסאָן
אַנאַ בראַון
ר. בודאָה
מעקס ביילין
א. גראָספעלד
א. דזשענאַווסקי
י. דרובינסקי
ר. האָך
אַל. ווין
וואָלף און רבקה ווייס
אַנאַ ווייסמאַן, לזכרון פון איר מאַן
י. וואָלינסקי
יעטאַ ווישנעפסקי
ר. זאַלצמאַן
ליובאַ לעווין
ליבע ליבענסאָן
א. ליכטנשטיין
ב. לעשנער
א. מאָס
מאַקס סטערן
ג. סטערן
חיים סולער
י. סילווער
דר. מאַקס סילווער
ראָוז סטיין
י. פריד
ב. פאָדאָלסקי
דוד פאַרגאַמענט
ברכה פערלשטיין
קלאַראַ קאַופמאַן
א. קאַמענעצקי
מענדל קראַוס
אַלטער קאַזאַן
דוד קעס
פרענק קוירק
הערי קעסלער
מיני קערן
ל. ראַבינאָוויטש
פיליפ ראָזענבערג
ב. ראָללער
קלאַראַ רובינס
אהרן און בעלאַ שעק
סאָניע שניידער
סילוויע שענדלאָוו
דאָרע שאַדאָווער
א. שוועדל
באָרוכאָוויטש איקוף קלוב
אברהם ווייס, פרעזידענט
ר. בודאַ, סעקרעטאַר

פאַסעיק, נ. דזש.

ה. רייף

עליזאַבעט, נ. דזש.

מ. אָוסייעוו
מערי שילד
די בערנשטיינס
די טאָלטשינס
די קאַרפּס
אַ פריינט

טאָמס ריווער, נ. דזש.

עמאַ לאַזאַרוס קלוב
איזי ליטשאַנסקי

בעי סיטיס, לאָס אַנדזשעלעס
לאָקאַלער בוך־קאָמיטעט:

הערי גאָלדשטיין — פאָרזיצער
מיני גאָלדשטיין

שרה וואַסערמאַן — סעקרעטאַר
דאָראַ ביירעק
מערי הימל
טעד ביירעק
ה. זאָלאָטאַראָף
מיכל וואַסערמאַן
דאָראַ ניובאָוו
רובין מירינגאָף
אסתר קאָרנפעלד
דזשעק קאָהען
פ. מעלאַמעדאָוו

אָוקלאַנד, קאַליפאָרניע

מר. און מרס. טשאַרלס פרידמאַן
מר. און מרס. זעלמאַן
מר. און מרס. ביונאָוו

פּעטאַלומאַ, קאַליפאָרניע

נפתלי סטיין
א. און יעטאַ גורשטיין
יוסף און שירלי ראַפּאָפּאָרט
א. ניצבערג

סאַן פראַנציסקאָ, קאַליפ.

א. בינעמאַן
נ. סיריס

מילוואָקי, וויסקאָנסין

הערי מייסטער

באָסטאָן, מאַס.

מר. און מרס. שמואל וועסטלמאַן
וו. פּאָלאַק

סאַוט ברוקלאַין, מאַס.

נחום און פאַניע וויינשטיין

שיקאַגאָ, אילינאָי

משה רעזניקאָוו
ז. חפץ

גערי. אינדיאַנאַ

מר. און מרס. מאָריס פליישמאַן

קליוולאַנד, אָהייאָ

יוסף מאָרגנשטערן
אברהם שטראַוס

דעטראָיט, מישיגען

נייטען קאָהען
אייזיק קעסלער
מר. און מרס. מאָריס סיטרין
יהושע און שפרה קעסלער
אייב און נעלע בערניקער
רבקה הענדלמאַן

לאָס אַנדזשעלעס און אומגעגנט

י. ל. פּרץ־לייען־קרייז
דר. זשיטלאָווסקי קולטור־קלוב
עמאַ לאַזאַרוס קלוב פון בעי־סיטיס
אברהם ביק־לייען־קרייז
ה. באַלזאַר
י. ביילאָוויץ
דר. ס. גאָלדנער
ב. געלפאַנד
מ. גאָלדין
מערי גאָרפילד
ה. ווילענסקי
פוליע טשערנער
י. לון
נאַדיע לון
דאָראַ פיינס
איוואַ פראַנצבלוי
סעם קלאַפּערמאַן
נ. קרופּין
ה. קאָן
אהרן ראָטבלאַט
מ. ריטשמאַן
סעידי ראָסקין
א. אַדלער
בען און ליובאַ
ב. בוירג
פ. בעסמאַן
י. בראָנפמאַן
ה. ביאַליס
ה. בעדרין

ר. גאָלדראט
מ. גראָס
י. גאָלדין
ב. גאָלדבלאָט
א. גאָלדבלאָט
נ. גערטלער
מ. גיטלין
ב. גרייבער
ב. דעגלין
ס. דאַרדיק
נ. הורוויץ
ס. דראַזנין
ד. האַאַן
י. האָפמאַן
א. ווייַנוס
א. טשערניצקי
י. טענעבלום
מ. יאַשין
מ. יעלין
ש. פעל־יעלין
א. לאַקריץ
ב. לערמאַן
י. לאַנין
איוואַ מילס
ה. מאַרקוס

א. מוערס
ס. סניידער
ס. סנאָו
מ. סווערדלאָוו
א. סימקין
ס. סטעפקין
אַל. ענטמאַן
איוואַ פאָל
מ. פאָלאַר
י. פאָלאַר
ל. פאַרבער
א. פעזנער
ב. פיש
נ. פודעמבערג
י. קעלבער
א. קופער
א. קיילין
י. קאַראַבעלאַ
מ. קופער
ל. קימען
מ. קאַנטאָר
א. קאַץ
א. ראָסקין
מ. ריטש
א. ראָטנבערג

אין אָנדענק פון מיין קרוב, דעם יידישן בעל־מגיהה
און תלמוד חכם, ליבהאָבער פון יידישן וואָרט

ר׳ יעקב אונגער ע״ה

וועלכער האָט קאָרעגירט דאָס בוך.

געשטאָרבן אין אָקטאָבער, 1955,
אין קאָלאָראַדאָ־ספּרינגס, קאָלאָראַדאָ.

הערי גאָלדשטיין
מיני גאָלדשטיין

אין ליכטיקן אָנדענק פון זייער
פריצייטיק־פאַרשטאָרבענער

בת־יחידה

לענאָר

אָקטאָבער 15, 1915 — פעברואַר 24, 1950.

עמאַ לאַזאַרוס קלוב
איזי לוטשאַנסקי

אין ליכטיקן אָנדענק פון

בעקי לוטשאַנסקי

1900—1953.

ווערק פון אברהם ביק

יידיש:

גרונט־פּרינציפּן פון רעליגיעזן סאָציאַליזם — לאָדזש, 1938

קעמפּער און היטער — ניו־יאָרק, 1940

וועלט און היים — ניויאָרק, 1941

חסידות־מאָטיוון — ניו־יאָרק, 1944

ר׳ יעקב עמדין — ניו־יאָרק, 1946

משה העם — ניו־יאָרק, 1949

אין באַגינען — ניו־יאָרק, 1952

וועקער און קעמפּער — ניו־יאָרק, 1955

העברעאיש:

שאלות ותשובות משנת פועלים — ירושלים, תרצ״ז

חזון התקופה — ניו־יאָרק, 1938

ענגליש:

Origins and Development of the Jewish Holidays—
New York, 1950.